STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05787

# LEON OLER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן אַלער

# לעאָז אָלער

## זיין לעבן און טעטיקייט

אונזער פארלאג

# לעאָן אַלטער

## זיין לעבן און טעטיקייט

ניו־יאָרק 1973

# LEON OLER

## ZEIN LEBN UN TETIKEIT

(Leon Oler — His Life and Works)

Published by:
FARLAG UNSER TSAIT
25 East 78th Street
New York, N. Y. 10021

1973
Printed in U. S. A.

KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

# אינהאַלט:

## לעאָן אָלער — זיין לעבן און טעטיקייט


אַ. ערליך: אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — 7

סאָפיע דובנאָוו־ערליך: ביאָגראַפיע — — — — — — — — — — — 9


## וועגן לעאָן אָלערן


פריץ גוטערמאַן: מיט לעאָנען אין דער סאָוועטישער תפיסה 67

נינאַ טענענבוים־בעקער: דער לערער און דער גייסטיקער פירער — — — — — — — — — — — — — — — — — 72

מאָטל זעלמאַנאָוויטש: לעאָן אָלער אין די פּאַרטיי־רייען — 78

שאָשקע ערליך: דזשעלנע 22 — — — — — — — — — — — — 83

פּנחס וואָלקאָוויטש: ח׳ לעאָן אָלער אין יוגנט־בונד „צוקונפט" אין פּוילן — — — — — — — — — — — — — — — — — 89

יהודה־משה אָליווער: דער ערשטער מאַי אין פּלאָצק אין 1936 — — — — — — — — — — — — — — — — — — 92


## פון לעאָן אָלערס פּען


אונזער לעבן איז ניט הפקר — — — — — — — — — — — — 97

שפּאַניע גייט אָפּ מיט בלוט — — — — — — — — — — — — 98

פּראָבלעמען פון קרייז־פירונג — — — — — — — — — — — 103

דער פירער פון דער בונדישער יוגנט — צום אָנדענק — — — 106

מאָמענטן — — — — — — — — — — — — — — 109
אין דער פּאַרטיי און פאַר דער פּאַרטיי — — — — — — — — 113
11טער יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד — — — — 120
די „צווייער" אין פּוילישן „בונד" — — — — — — — — 124
דערמאָנונגען וועגן ערליך־אַלטער — — — — — — — — 130
דער זינלאָזער קריג אין וויעטנאַם — — — — — — — — — 135
רעפלעקסן — — — — — — — — — — — — — — — 144
100 יאָר אינטערנאַציאָנאַל — — — — — — — — — — 153
„סאָציאַליסטישער הומאַניזם" — — — — — — — — — 160

## אָפּרופן אויפן טויט פון לעאָן אָלער

שמעון פּאַלעווסקי: לעאָן — מיין פירער, חבר און פריינט 171
ע. שערער: לעאָן אָלער — — — — — — — — — — — — 173
ד"ר העני גרינבוים: צום אָנדענק פון אַ לערער און פריינט 177

## בילדער־אָפּטיילונג

# אַריינפיר

דאָס בוך וועגן לעאָן אָלערן, וואָס מיר גיבן איבער אין די הענט פונעם לייענער, גייט אַרויס אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און די באַמיאונגען פון זיין פרוי ליאָניע, זיינע טעכטער און איידעמס — חנה און מאַקס טאַלמעדזש, הינדע און עדגאַר גוטאַף, און פון אַ גרופּע נאָענטע פּערזענלעכע פריינד. פאַרן אינהאַלט זיינען פאַראַנטוואָרטלעך די מחברים.

סאָפיאַ דובנאָוו-ערליך האָט אָנגעשריבן לעאָן אָלערס ביאָגראַפיע אויף דעם סמך פון געדרוקטע מאַטעריאַלן, פון לעאָנס איבערגעבליבענע קאַפּיטלען זכרונות, זיינע בריוו צו דער משפּחה, דערציילונגען פון ליאָניע אָלער און פון לעאָנס נאָענטע מיטאַרבעטערס אין פאַרשיידענע צווייגן פון דער בונדישער באַוועגונג. זי האָט רעדאַקטירט די אַרבעטן פון לעאָנס פריינד און תּלמידים, וואָס זיינען אַריין אין דעם בוך, זי האָט אָפּגעקליבן די אַרטיקלען און צונויפגעזאַמלט די אָפּרופן אויף זיין טויט אין דער בונדישער פּרעסע.

אַ גרויסער טייל מאַטעריאַלן, וואָס זיינען אויסגענוצט געוואָרן אין דעם בוך, שטאַמען פון בונד-אַרכיוו פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג א"נ פון פראַנץ קורסקי. די מיטאַרבעטערס פונעם אַרכיוו הלל קעמפּינסקי און לאה שאַפּראַן קומט אַ דאַנק פאַר זייער חברישער מיטהילף.

פאַרן בוך-קאָמיטעט

**אַ. ערליך**

סאָפיע דובנאָוו־ערליך

# ביאָגראַפיע

## אויפן שוועל

אין איינעם פון די גרויסע הייזער, וואָס האָט זיך מיט גאַרניט אויס־געטיילט פון אַנדערע הייזער אין דעם יידישן טייל וואַרשע, איז ביים יונגן פּאָרפּאַלק אברהם און חנה אַלער געבוירן געוואָרן זייער ערשטער זון, דאָס איז געווען לעאָן. מיט דער צייט זיינען צוגעקומען נאָך דריי ייִנגלעך.

די אַלערס האָבן געוואוינט אויף פּאַוויע גאַס, אויפן פערטן שטאָק, אין אַ דירה וואָס איז באַשטאַנען פון איין צימער מיט אַ קיך. די גאַס, איינגעקוועטשט צווישן צוויי רייען נידעריקע הייזער ווי באַראַקן, איז פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט פול געווען מיט אַ פּאַרטויבנדיקער קלאַפּעריי פון פורן איבערן שטיינערנעם ברוק. אויף די ראָגן האָבן זיך דאָ אָפט אַרומגעדרייט אַנגעכמורעטע זשאַנדאַרן, און ניט זעלטן האָט אויך אויף די שמאָלע אויסגעשטשערבעטע טראָטואַרן אַרומגעשפּאַצירט דער בעל־הבית פון דעם ראַיאָן, דער פּריסטאַוו אַליין: זאָלן די יידישע הענדלערס און בעל־מלאכות געדענקען, אין וואָסערע צייטן זיי לעבן. אַ צווייטער מין דערמאָנונג איז פאַר זיי געווען דער הויכער מאַסיווער בנין, וואָס האָט מיט זיין גאַנצער שווערער משא זיך אָנגעלייגט אויף דעם צונויפטרעף פון די גאַסן פּאַוויע און דזשעלנע, דאָס איז געווען די תפיסה, דער פּאַוויאַק.

אויף אָט די גאַסן האָבן אין דירות, ווי שטיינערנע קעסטלעך, געוואוינט פאַרצווייגטע, טייל מאָל דריי־דורותדיקע משפחות. אין די טאָפּעלע פענצטערס האָט די זון אַריינגעקוקט ניט אָפט. לענג אויס די טראָטואַרן איז דאָ קיין איין בוים ניט געוואַקסן. די קינדהייט איז דאָ געווען קורצדויערדיק — קינדער זיינען גיך געוואָרן דערוואַקסן.

לעאָנס פאָטער אברהם איז געווען דער זון פון אַ ניקאָלייעווער סאָלדאַט וואָס האָט זיך אומגעקערט קיין וואַרשע נאָך אַ לאַנג־יאָריקן דינסט אין דער רוסישער אַרמיי, און האָט חתונה געהאַט, ווען ער איז שוין

געווען ניט יונג. פונעם זיידן איז אין לעבנס זכרון פאַרבליבן אַן אומקלאָר בילד פון אַ שוויגעוודיקן מענטשן מיט אַ גרויי בערדל. נאָך זיין טויט האָט די באָבע חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל; דער שטיף־זיידע איז געווען אַ ליטוואַק, אַ למדן, און אַ מוכר־ספרים. ווען לעבן איז עלטער געוואָרן האָט דער שטיפזיידע מיט אים געלערנט גמרא.

אברהם אָלער איז געווען אַ פּעאיקער בעל־מלאכה, א מומחה אין פאַרשיידענע לעדער־אויסאַרבעטונגען. ער האָט ניט זייער שטרענג אָפּגעהיטן די טראַדיציאָנעלע מינהגים; ער האָט אונטערגעשאָרן און האַלב ראַזירט דאָס בערדל, פלעגט זיך קליידן אייראָפּעאיש, האָט גוט גערעדט פּויליש און געקענט רוסיש אויך. ער האָט געהאַט זיין אייגענעם וואַרשטאַט, וואו ס׳האָבן געאַרבעט עטלעכע אַרבעטער; זיינע אויסאַרבעטונגען פלעגט ער פאַרשפּרייטן אויף די רוסישע מערק. לעבנען האָט ער אַריינגעגעבן אין אַ חדר מתוקן, כדי דער זון זאָל גוט קענען רוסיש און העברעאיש. דאָס יינגל האָט געהאַט אַ גוטן זכרון: צו אַכט יאָר האָט ער פאַרענדיקט זיין ערשטע לערן־מדרגה. זינט דעמאָלט האָט ער גענומען לערנען גמרא ביים שטיף־זיידן. ער פלעגט צו אים קומען אין די אָוונטן, וויל ביי טאָג איז ער געגאַנגען אין דער שטאָטישער רוסישער שול, וואָס האָט אים געזאָלט צוגרייטן צו גימנאַזיע.

פון צייט צו צייט פלעגט אים דער זיידע פאַרהערן אין אַ שבת נאָך הבדלה. ער פלעגט זיך אַריינזעצן אין דעם טיפן פאָטעל, פונאַנדערשפּרייטן די האָר פון באָרד און זיך איינהערן אין דעם וואָס דאָס אייניקל האָט זיך אויסגעלערנט. און ווען דאָס אייניקל האָט זיך אויסגעצייכנט אַן עצה געגעבן מיט די קשיות, וואָס דער זיידע האָט אים געשטעלט פלעגט דער זיידע צופרידן אַ מרוטשע טאָן און געבן דעם אייניקל אַ זעקסער.

חנה אָלער איז געווען אינטעליגענטער פאַר איר מאַן. זי האָט אין לאָדזש געהאַט געענדיקט די האַלבדייטשע, האַלברוסישע שטאָטישע שול, און האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן. זי האָט אַ סך געלייענט און געחלומט וועגן דעם, אַז אירע קינדער זאָלן אויסוואַקסן געבילדעטע מענטשן. באַלד נאָך דער חתונה האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דער מאַן אירער צייכנט זיך ניט אויס מיט קיין משפּחה־מעלות: ער איז געווען אַ שיינער, אַ פּעאיקער, אָבער אַ לייכטזיניקער יונגערמאַן.

ווען די יונגע פרוי האָט דערזען, אַז אויפן מאַן קען זי זיך ניט פאַרלאָזן, האָט זי באַשלאָסן אַליין איינצושאַפן זיך אַ פּראָפעסיע, און זי איז אַוועק זיך לערנען אין אַן אַקושערין־שול. ווען זי האָט געענדיקט די שול, איז זי שוין געווען אַ מוטער פון פיר קינדער. אירע חשדים לגבי דעם מאַן האָבן זיך באַרעכטיקט: ער איז געווען גרייט צו פאַרמאַכן זיין וואַרשטאַט, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אַרבעטן ביי יענעם, און איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. זיי זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

לעאָן איז דעמאָלט אַלט געווען 14 יאָר; ער איז שוין געווען אַ גימ־נאַזיסט. דעם טאַטנס אַוועקגיין איז פאַר אים געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ, און אין דער נשמה האָט זיך אויף לאַנג באַזעצט אַ ביטערניש. אָבער נאָך שווערער האָט דעם משפּחה־קריזיס איבערגעלעבט די מוטער, נאָר אירע טענות האָט קיינער ניט געהערט. זי האָט פאַרקריצט די ציין, און מיט אייגענע כוחות גענומען זיך ברענגען אין אָרדענונג דאָס צעבראָכענע משפּ־חה־לעבן. זי האָט ענערגיש אָנגעהויבן זוכן פּרנסה. אַ פּעאיקע, אַ צוגע־לאָזטע צו מענטשן, איז „חנהלע די אַקושערקע" גיך געוואָרן פּאָפּולער צו ערשט אין איר אייגענעם געגנט, און שפּעטער מחוץ אים. צוליב איר אַרבעט איז זי וואָס אַ מאָל אַלץ אָפטער געווען געצוואונגען צו זיין גאַנצע טעג און נעכט ניט אין דער היים און זי האָט געמוזט איבערלאָזן די שטוב און די קינדער אונטער דער השגחה פון דעם עלטערן זון. לעאָן האָט מיט אומרו געקוקט אויף דער מוטערס אָפּגעצערטן פּנים, אויף די קנייטשן וואָס האָבן זיך אויף אים באַוויזן פאַר דער צייט; זיין צוגע־בונדנקייט צו איר איז געווען דאָס ערשטע טיפע געפיל אין זיין לעבן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז וויפל די מוטער זאָל זיך ניט אַרויסשלאָגן פון די כוחות, קלעקן אירע פאַרדינסטן קוים אויף די סאַמע נייטיקסטע באַ־דערפעניש פון דער משפּחה; האָט ער סוף־כל־סוף באַשלאָסן, אַז ער מוז אַליין אָנהייבן עפּעס פאַרדינען. ער האָט גענומען אַרבעטן אין די אָוונטן. באַקאַנטע אָנגעשטעלטע האָבן אים נאָרייעט פאַרשיידענע בוכהאַלטערישע חשבונות, פלעגט ער אָפט אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט איבער דער זשמודנער אַרבעט, וואָס האָט געבראַכט אַ גראָשנדיקן פאַרדינסט.

לעאָנס מוטער האָט געלעבט מיט איין איינציקן ציל — אַוועקצו־שטעלן די זין אויף די פיס. לעאָן האָט זיך גוט געלערנט, האָט זי גע־חלומט וועגן דעם, אַז עס זאָל אים געלינגען אָנצוקומען אין אוניווער־סיטעט. דער צווייטער זון, דוד האָט אַרויסגעוויזן אומגעווייגלעכע פעאי־קייטן צו צייכענען און צו סקולפּטור. ס'האָבן זיך אָפּגעזוכט מעצענאַטן וואָס האָבן זיך מיט אים פאַראינטערעסירט. זיי האָבן אים אַריינגעגעבן פריער אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע, און שפּעטער געשיקט אים שטודירן קיין אויסלאַנד. דוד איז שוין מער קיין פּוילן ניט צוריקגעקומען.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט זיך דער משפּחה אַלער געלעבט ניט גרינג. אין וואַרשע האָט זיך שטאַרק געפילט דער דוחק אין פּראָדוקטן. פון באַגינען אָן זיינען פאַר די שפּייזקראָמען געשטאַנען לאַנגע רייען. אַלע יונגע אַלערס פלעגן שעהן לאַנג אָפּשטיין אין דער ריי אויפן פראָסט, און פלעגן אַהיימקומען מיט אָפּגעפרוירענע הענט. ס'פלעגט טרעפן, אַז דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט, זיינען געווען די פאַרפרוירענע קאַרטאָפל.

פאַרגעסן די טאָג־טעגלעכע זאָרגן און נויט האָט לעאָן געקענט בלויז,

ווען ער איז געזעסן איבער אַ בוך: ער האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אינעם לייענען. ער האָט ממש געשלונגען די ביכער פון יידישע, פוילישע, און רוסישע שרייבערס. די רעדעס פון גאָרקיס בונטאָרן, דער אידעאַליסטישער אימפּעט פון זשעראָמסקיס העלדן פלעגן אים אַוועקפירן פון דער וואָכעדיקער אַטמאָספער אין אַ וועלט פון נייע אויפרודערנדיקע געפילן, וואָס האָבן אין אים אויפגעוועקט דעמאָלט נאָך אַן אומקלאָרע באַדערפעניש צו דינען דער געזעלשאַפט.

אין גיכן האָבן די דאָזיקע געפילן אָנגענומען זייער אומבאַשטימטקייט — פאַרן יונגן בחור האָט זיך אַנטפּלעקט דער בעסטער אופן בייצוקומען די דערדריקנדיקע וואָכעדיקייט; ער האָט זיך באַגעגנט מיט אידעאַישע יוגנטלעכע, ער האָט געפונען אַן אָנשפּאַר אין חברשאַפט, און דאָס האָט אויף שטענדיק באַשטימט זיין וועג אין לעבן.

## אין דער פּאַרטיי

אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין פוילן, נאָכן אָפּפּלייץ פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע וואָס האָט זיך הויך אַ הייב געטאָן אין די יאָרן 1905־1906, איז געקומען די תקופה פון רעאַקציע. אַ גאַנצע ריי אַכזריותדיקע רעפּרעסיעס האָט אַריינגעוואָרפן די ערשט ניט לאַנג צוריק ברויזנדיקע וואַרשע אין אַ צושטאַנד פון פּאָליטישער אַפּאַטיע און רעזיגנאַציע, אָבער אונטערן צודעק פון פּאַסיווקייט האָבן זיך גענומען רירן נייע כוחות. צווישן דער שילער־יוגנט זיינען די ווערטער פון די פּאָעטן וואָס האָבן גערופן צום קאַמף פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, געוואָרן שטאַרקער אויפרייס־מאַטעריאַל. דעם דאָזיקן רוף האָבן באַגלייט אָנצאָליקע בראָשורן. אין די פאַרשיידענע מינים שולן זיינען איינס נאָכן אַנדערן אויפגעקומען אַליין־בילדונג־קרייזלעך. דער איבערגאַנג פון לעגאַלער צו אונטערערדישער ליטעראַטור איז געקומען פון זיך אַליין. צו ערשט האָבן די קרייזלעך ניט געטראָגן קיין אַקטיוון רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. די יוגנט פלעגט זיך צונויפזאַמלען כדי אין איינעם אַרומצורעדן די פּראָבלעמען, וואָס ס׳האָט אַרויסגערוקט די ליטעראַטור. אָבער ביסלעכוויז האָט זיך דער כאַראַקטער פון דער קרייזאַרבעט גענומען בייטן, און סוף־כל־סוף איז אין יאָר 1911 געבוירן געוואָרן די נויטווענדיקייט צו פאַראייניקן די קרייזלעך. ס׳איז פאַרגעקומען אַ קאָנפערענץ און, ווי אַ פּועל־יוצא פון דער קאָנפערענץ, איז געשאַפן געוואָרן די „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע ׳צוקונפט׳". אינעם באַשטאַנד פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען אַריין יונגע אינטעליגענטן וואָס זיינען אידעיש געשטאַנען נאָענט צו דער סדקפּ״ל און צום בונד. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן

צו פירן די אַרבעט אין צווי שפּראַכן: פּויליש און יידיש. שפּעטער איז צו דער „צוקונפט" צוגעקומען אַ נייער עלעמענט: ס'זיינען אין איר אַריין די מיטגלידער פון דעם „פּאַראיין פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־יוגנט". איינער פון די פירערס פון דער נייער פּאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע איז געווען יוסף ראַטנער (יוזשעק), און ער האָט דאָס אַריינגעפירט דעם יונגן לעאָן אָלער אין דער אָרגאַניזאַציע.

די משפּחה ראַטנער האָט געוואוינט בשכנות מיט די אָלערס. לעאָן גופא האָט שוין דאָ אין אַמעריקע, וואוהין דער מלחמה־שטורעם האָט אים פאַרטראָגן, באַשריבן די שטוב פון די ראַטנערס:

„... אויף דזשעלנע גאַס, אין אַ הויז קעגן איבער דעם פּאַוויאַק... זע איך זיך אין אַ לעצטן צימער פון דער דירה פון מיין לערער יוסף ראַטנער. ס'איז 1912. די שטוב איז פול מיט פרויען, שוועסטערס און מוטערס פון יונגע אַרעסטאַנטן רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיצן אַלע אָט גאָר נאָענט איבער דער גרויער וואַנט. דאָרט אַהין גרייט מען פּעקלעך, דאָרט אַהין שיקט מען פּאָסטקאַרטן מיט גרוסן... אין דער דאָזיקער שטוב האָב איך מיט דער לופט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס וואָס ס'האָט אין מיר דעם פונדאַמענט פון מיין בונדיזם געבויט". (אונזער צייט, נ' 11—12, ניו־יאָרק, 1947.)

און די דערמאָנונג האָט אַרויסגערופן נאָך איינע:

„נישט איין מאָל פלעג איך אין יענע יאָרן טרעפן אין לעצטן צימער פון ראַטנערס דירה, ווען כ'פלעג אַ מאָל קומען אומגעריכט... אַ גרופּע יונגע שילערס, וואָס האָבן געהאַלטן אין מאַניפּולירן דעם העקטאָגראַף, גרייטנדיק אומלעגאַלע פלוגבלעטלעך". (אונזער צייט, נ' 7, ניו־יאָרק, 1966.)

דער צונויפטרעף מיט דער אידעאַליסטישער יוגנט, וואָס האָט אויסגעקליבן דעם ריזיקאַלישן וועג פון אונטערערדישער אַרבעט, האָט אין דעם סענסיטיוון בחורל אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג צו ווערן אַקטיוו. איז ווען י. ראַטנער האָט אים אַריינגעפירט אין דער „צוקונפט", האָט זיך אין אים אָנגעצונדן דער ענטוזיאַזם.

די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, וואו לעאָן אָלער איז אַריינגעטראָטן, איז געווען דער קערן פון יענער גרויסער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" וואָס האָט שפּעטער אויסגעשפּרייט איר השפּעה איבערן גאַנצן לאַנד. די ערשטע קעמערלעך אירע זיינען געווען די קרייזן. ווען לעאָן איז אַריין אין איינעם קרייז, וואָס ס'האָט געפירט י. ראַטנער, האָט ער קוים געקענט פאַראויסזען, אַז דער דאָזיקער טריט וועט באַשטימען זיין גאַנץ ווייטערדיק לעבן. די אָרגאַניזאַציע איז געוואַקסן פאַר זיינע אויגן;

איר פּראָגראַם האָט וואָס אַ מאָל מער אָנגענומען אַן אויסקריסטאַליזירטן כאַראַקטער. אין יאָר 1916 האָט זיך די „צוקונפט" אָנגעשלאָסן אין בונד אויף אויטאָנאָמע יסודות, אָבער דער פאַרבינד מיטן בונד איז געוואָרן אומצערייסלעך. צוזאַמען מיטן וואוקס פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען געוואַקסן די מענטשן אין איר; איינער פון זיי איז געווען לעאָן אָלער.

דער מאָמענט פון לעאָנס אידעישער אַליין־באַשטימונג איז זיך צונויפגעפאַלן מיט זיין ענדיקן די גימנאַזיע. ס'איז אים אויסגעקומען צו ענטפערן אויף דער פראַגע: וואָס ווייטער? אויף דער שולבאַנק האָט ער געחלומט וועגן אָנקומען אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט; פון דעם פּלאַן האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן, ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער משפּחה־קריזיס. אַגב האָט לעאָן, פּונקט ווי דער רוב חברים זיינע אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ניט געהאַלטן, אַז דאָס קריגן אַן אוניווערסיטעט־דיפּלאָם דאַרף שטיין אויפן ערשטן אָרט. דאָס וויכטיקסטע אין זיין לעבן איז איצט געווען די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, און ביי די באַדינגונגען, אין וועלכע ער האָט געלעבט, האָט אָט די אַרבעט געפאָדערט פון אים דעם מאַקסימום ענערגיע. ניט קיין קליינע ראָלע האָט אינעם לעבן פון דער דעמאָלטיקער יוגנט געשפּילט דער ביישפּיל פון די עלטערע חברים וואָס האָבן געהאַט גרויס אָנזען אין דער פּאַרטיי: יענע, וואָס ס'איז זיי יאָ געלונגען צו פאַרענדיקן זייערע אוניווערסיטעט־שטודיעס, און זייער צאָל איז געווען ניט גרויס — האָבן געוויינלעך אָפּגערוקט זייער פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט אויפן לעצטן אָרט.

לעאָן האָט זיך כסדר באַמיט צו פאַרפולן זיינע בלויזן אין בילדונג מיט לייענען ביכער וועגן סאָציאַלע וויסנשאַפטן און מיט צוהערן זיך צו לעקציעס. אין יאָרן אַרום, נאָך דעם ווי ער איז שוין געווען אַ פּאַרטייִ־מיטגליד און אַ טאַטע, האָט ער גענומען קורסן אויף דעם פרייען אוני־ווערסיטעט אין וואַרשע די א"ג „וואָלנאַ וושעכניצאַ", וואו ס'האָבן גע־לערנט די צום מערסטן פּראָגרעסיווע פּראָפעסאָרן אין פּוילן. צווישן די קורסן, וואָס זיי האָבן געגעבן, זיינען אויפן ערשטן אָרט געשטאַנען סאָ־ציאַלע וויסנשאַפטן. אַ סך לעקציעס אויף דער וושעכניצע זיינען פאַר־געקומען אין די אָונטן, און די צוהערערס זיינען ס'רוב געווען מענטשן פון דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ. טייל קורסן האָבן געטראָגן אַ ספּע־ציפישן כאַראַקטער. האָט לעאָן חוץ די קורסן אין סאָציאָלאָגיע, נאָך גע־נומען אַ קורס וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו זיין אַרבעט. ער האָט צו יענער צייט געאַרבעט אין דער צענטראַלע פון די בונדישע קאָאָפּעראַטיוון, און על־פּי די געזעצן פון „ספּאָלעם" (אַלגעמיינער פאַרבאַנד פון די קאָאָפּעראַטיוון אין פּוילן), האָט אַ קאָאָפּעראַטיסט געמוזט האָבן אַ ספּעציאַ־ליסטישע אויסשולונג. נאָכן פאַרענדיקן די קאָאָפּעראַטיווע קורסן האָט לעאָן געקריגן אַ דיפּלאָם.

אָבער פאַר לעאָנען, פונקט ווי פאַר אַ גאַנצער ריי חברים זיינע, איז נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע, דער אמתער אוניווערסיטעט געוואָרן די פּאַרטיי. אין דער דאָזיקער הויכשול האָבן זיך מענטשן פריער פאַר אַלץ געלערנט צו שטעלן די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איבער די פּערזענלעכע און משפחה־אינטערעסן, בפרט נאָך דעמאָלט, ווען ס'פלעגט זיך הייבן די טעמפּעראַטור פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין יאָר 1919 האָט איזיק רינקעוויטש, איינער פון די בונדישע פּיאָנערן אין גריצע (אַ שטעטל, אַן ערך 44 מייל פון וואַרשע), פאַרגע־לייגט לעאָן אַלערן, ער זאָל אויף זיך נעמען די רעאָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטייאישער אַרבעט אין גריצע. גריצע האָט פאַרמאָגט וויניק פאַבריק־אַרבעטערס, אָבער די יידישע אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט ביי יידישע האַנטווערקערס, האָבן זיך גערן צוגעהערט צו דער פּראָפּאַגאַנדע פון בונד; און די אָרטיקע יידישע יוגנט איז שוין געווען פאַרכאַפּט פון דעם יידישן קולטור־רענעסאַנס. אין יאָרן אַרום דערמאָנט לעאָן יענע צייט, ווען — די געוועזענע ישיבה־בחורים האָבן זיך אַרויסגעריסן פונעם בית־מדרש און זיינען אַוועק צו אַ נייעם רבין — צו פּרצן.

ניט אומזיסט פלעגט זיך לעאָן אין זכרון אומקערן אַזוי אָפט צו זיין טעטיקייט אין גריצע. דאָס איז געווען זיין ערשטע זעלבשטענדיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. דעם פּסעוודאָנים, פּראָבוס, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן, האָבן די גריצער חברים אָפּגעהיטן צוליב די כללים פון קאָנספּיראַציע. די אַרבעט איז זיך פון טאָג צו טאָג פונאַנדערגעוואַקסן: אין משך פון איין יאָר איז לעאָנען געלונגען איינצושטעלן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט די געזעלשאַפטלעך אַקטיווע עלעמענטן צווישן דער אָר־טיקער באַפעלקערונג. אין אַן אַרטיקל צום אָנדענק פון איזיק רינקע־וויטש, וואָס איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1952, דערציילט לעאָן אַלער:

„אין אָט דעם קליינעם שטעטל האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דער בונדישער באַוועגונג. פונקט ווי אין די גרויסע צענטערס — וואַרשע און לאָדזש — האָבן אויך אין גריצע די זעלבע מענטשן, די זעלבע טוערס, פּיי־רערס, און פּשוטע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, געקענט זיך אָפּגעבן מיט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי האָבן געקענט ליי־דנשאַפטלעך דיסקוטירן וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד, שטרייטן וועגן דעם מאָרגן פון אַ פּראָ־לעטאַריש פּוילן, און אין דער זעלבער צייט ניט פאַרלירן דעם חוש פאַרן רעאַלן טאָג־טעגלעכן לעבן...‟

„זיי האָבן אַריינגעלייגט אין דער פּאָליטישער אַרבעט די

זעלבע התלהבות ווי אין דער פּראָפעסיאָנעלער און עקאָנאָ־
מישער טעטיקייט... און ווייל די דאָזיקע אַרבעט איז גע־
טאָן געוואָרן מיט איבערגעגעבנקייט און עקשנות, איז געוואַקסן
דער דערפאָלג פון „בונד". (מגילת גריצע, תל־אביב, 1955.)

אַ דאַנק אַלערס באַמיאונגען האָט זיך דער גריצער בונדישער אָרגאַ־
ניזאַציע איינגעגעבן אַנצוקניפּן באַציאונגען מיט דער פּוילישער געזעל־
שאַפט. פריער פּאַר אַלץ איז די דערנענטערונג צו שטאַנד געקומען צווישן
דעם בונדישן קאָנסום־פּאַראיין מיט די פּוילישע קאָאָפּעראַטיוון, און דער־
נאָך איז געלונגען איינצושטעלן אַ פאַרבינדונג מיט דער אָרטיקער אָר־
גאַניזאַציע פון פּפּ"ס. די דאָזיקע פאַרבינדונג האָט זיך באַזונדערס גע־
שטאַרקט אין דער צייט פון די שטאָטראַט־וואַלן. לעאָן האָט קוים געקענט
אומעטום באַוויזן: ער איז געווען איינער פון די פירערס פונעם קאָנ־
סום־קאָאָפּעראַטיוו, אַ מיטגליד פון אָרטיקן קאָמיטעט פון בונד; ער האָט
מיטגעאַרבעט מיט דער קולטור־קאָמיסיע וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט
אָרגאַניזירן פּאָפּולערע לעקציעס. די אַרבעט האָט אים געגעבן גרויס באַ־
פרידיקונג, אָבער דאָס יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין גריצע, איז
געבליבן אין זיין זכרון ניט בלויז ווי די צייט פון זיין ערשטער זעלבּ־
שטענדיקער פּאַרטייאישער טעטיקייט, נאָר אויך ווי דער אָנהייב פון אַ
ניי קאַפּיטל אין זיין פּערזענלעכן לעבן.

אָנהייב 1919 האָט לעאָן אַלער באַגעגנט אין וואַרשעווער גראָסער־קלוב
דאָס דראָבנע בלאָאויגיקע מיידל, אַ געבוירענע אין גריצע, וואָס איר איז
געווען באַשערט צו ווערן זיין געטרייע באַגלייטערין ביז צום סוף פון
זיינע טעג. ליאָניע (לאה) בריקמאַן איז אויסגעוואַקסן אין אַ שטרענג טראַ־
דיציאָנעלער משפחה; דער פּאָטער האָט איר ניט דערלויבט צו גיין אין
גימנאַזיע, ווייל זי וואָלט דאָרט געדאַרפט שרייבן אום שבת. נאָך עטלעכע
יאָר זיך לערנען אין דער היים האָט זי באַלייגט דעם עקזאַמען פון זעקס
קלאַסן גימנאַזיע, און זי האָט זיך געקליבן אָנצוקומען אויף דענטיסטישע
קורסן אין וואַרשע. לעאָנס קומען קיין גריצע האָט געביטן אירע פּלע־
נער: זי האָט באַשלאָסן צו בלייבן מיט אים אין גריצע. פון דעמאָלט
אָן האָבן זיי זיך פריוויליק שוין קיין מאָל ניט צעשיידט; בלויז דרוי־
סנדיקע כוחות האָבן זיי געקענט צעשיידן. אין די פּאַרצייכענונגען, וואָס
ליאָניע אַלער האָט געמאַכט נאָך לעאָנס טויט זאָגט זי, אַז ער איז
פאַר איר געווען אַ פריינד, אַ לערער, און דער טייערסטער מענטש אויף
דער וועלט. ער האָט איר אָפּגעענטפערט מיט דער זעלבער טיפער צו־
געבונדנקייט. דער משפחה־קריזיס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין דער
פריער יוגנט, האָט אין אים איבערגעלאָזן טיפע שפּורן, אָבער ער האָט
שפּעטער ניט איין מאָל געפילט, אַז פאַר די אומפרייידיקע יונגע יאָרן,

האָט אים דער גורל אָפּגעצאָלט מיט דעם, וואָס ער האָט אים גע־שאָנקען אמתע ליבע.

זיין האַלב־לעגאַלע עקסיסטענץ אין גריצע איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות: באַלד נאָכן אַרויספאָרן פון וואַרשע האָט לעאָן געקריגן אַ מעל־דונג, אַז ער דאַרף זיך שטעלן צו מיליטער־דינסט אין וואַרשע. אין דער מיליטערישער קאַנצעלאַריע האָט געהערשט אַ כאַאָס, און זיין מוט־וויליקער אַוועקפאָר איז אדורך אומבאַמערקט. אָבער דאָס ניט־צושטעלן זיך צו מיליטער איז פאַרט געווען זייער ריזיקאַליש, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה מיט סאָוועט־רוסלאַנד, און ס'איז אַרויס אַ געזעץ וועגן טויטשטראָף פאַר דעזערטירן. דורך אומוועגן, אויסמיידנדיק באַנען, האָט זיך לעאָן צוגעשטעלט צום זאַמלפּונקט. מען האָט אים תיכף אַוועק־געשיקט קיין יאַבלאָנע הינטער וואַרשע, וואו אויף אַלע יידן אין מונ־דירן האָט געוואַרט די פאַראָרדענונג אַריינצוטרעטן אין אַ באַזונדער אָפּ־טיילונג. מען האָט זיי אַלעמען, די אַרויסגעפאָדערטע און די פרייוויליקע, די אונטעראָפיצירן און די מיליטערישע דאָקטוירים אָפּגעפירט אין די באַ־זונדערע „יידישע" באַראַקן, וואָס זיינען געווען באַוואַכט פון אַ ספּעציעלן קאָנטינגענט פּויזנער פּאָליציי, און זיינען געווען אָפּגעטיילט פון די „אַרי־שע" מיליטערישע פאָרמאַציעס. אין דעם דאָזיקן מיליטערישן געטאָ האָבן די יידן געליטן פון סיסטעמאַטישן ניט־דערעסן, פון גראָבער פּאָליציאַי־שער באַהאַנדלונג, און נאָך מער פונעם באַוואוסטזיין פון אַ באַליידיקנ־דיקער איזאָלאַציע. די ידיעה וועגן די „יידישע באַראַקן" האָט זיך דער־קייקלט קיין וואַרשע און האָט אויפגעבראַכט די פאַרשטייערס פון דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ; זיי האָבן פאַרעפנטלעכט אַ פּראָטעסט, וואָס עס האָבן אונטערגעשריבן אַ גאַנצע ריי שרייבערס, געלערנטע און געזעל־שאַפטלעכע טוערס. די מורא פאַר אַ פּאָליטישן סקאַנדאַל האָט געצוואונ־גען דער אַרמיי צו ליקווידירן דעם יאַבלאָנער לאַגער.

לעאָנען האָט מען אַריבערגעפירט אין מעדיצינישן קאָרפּוס. דאָרט איז די דיסציפּלין ניט געווען אַזאַ שטרענגע, און אים איז טייל מאָל געלונגען צו פירן מיט די זעלנערס שמועסן אויף פּאָליטישע טעמעס. דעם לעצטן פּעריאָד פון זיין מיליטער־דינסט האָט לעאָן פאַרבראַכט אין דער מאָדלינער פעסטונג. די איינקוואַרטירטע אין דער פעסטונג פלעגן פון צייט צו צייט קריגן קורצע אורלויבן אויף צו זען זיך מיט זייערע משפחות. לעאָן פלעגט זיך שטענדיק באַמיען אויסצונוצן אַ טייל פון זיין אורלויב אויף שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי. איין מאָל האָט אים אויפגערודערט אַ טעלעגראַם פון גריצע, וואָס האָט אים מודיע גע־ווען, אַז ליאָניע איז קראַנק. ווען ער איז געקומען צו פאָרן, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיין שרעק איז געווען אָן אומזיסטע — נאָר גאָר פשוט: די גריצער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געוואָלט מיט אים באַראַטן וועגן אַ

געווּיסן ענין. אַזעלכע אַרויספאָדערונגען האָבן זיך ניט איין מאָל איבער־געחזרט. די קורצדויערדיקע אורלויבן זיינען געווען די יום־טובדיקע אי־בעררייסן אינעם איינטאָניקן, אומעטיקן קאַזאַרמע־לעבן.

אין יאָרן אַרום האָט לעאָן אויפגעפרישט אין זיין זכרון איין עפּיזאָד פון יענער עפּאָכע — די פייערונג פונעם ערשטן מיי 1920 אין גריצע, און ער האָט געגעבן אַ לעבעדיק בילד פון יענעם יום־טוב:

„דער שטעטלדיקער מאַרק איז געווען געפּאַקט מיט טויזנטער פּויערים, וואָס זענען געקומען פון די אַרומיקע דערפער מיט קאָסעס „נאַ שפּיץ", באַצירט מיט גרינע און רויטע בענדער. הונדערטער רויטע פענער פון די אַרבעטערס פון די אַרומיקע צוקראָווניעס אין יושעניץ. דער בונדישער צוג פעסט איינגעגלידערט אינעם ריזיקן עולם. עס האָט גערעדט דער פפּ"סישער סיים־דעפּוטאַט דאַבראָוואָלסקי, נאָך אים האָט גע־זאָלט רעדן דער פירער פון דער אָרטיקער פפּ"ס ד"ר טשאַר־נעצקי, וועלכער איז אָבער ניט געקומען. ס'איז מיר דאַן אויסגעקומען צו רעדן אין נאָמען פוןביידע אָרטיקע אָרגאַ־ניזאַציעס סיי אויפן מאַרק סיי אינעם פאָלקסהויז.

מיר איז אין מיין לעבן נישט איין מאָל שפּעטער אויס־געקומען אַרויסצוטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען פון טויזנטער פּוילישע און יידישע אַרבעטערס. דאָך ביז היינט האָט זיך מיר טיף אין האַרצן איינגעקריצט מיין איבערלעבונג, ווען טויזנטער מיילער האָבן אויך אויסגעשריען זייער צושטימונג צו דעם וואָס ס'האָט צו זיי גערעדט אויף פּויליש און אויף יידיש דער צוואַנציק־יאָריקער יידישער סאָציאַליסט". (מגילת גריצע, תל־אביב 1955, זז' 109־110.)

פון מיליטער איז לעאָן צוריקגעקומען קיין וואַרשע אין 1922, און ער האָט זיך באַזעצט ביי זיין מוטער. זיין חברטע וואָס איז צו אים גע־קומען פון גריצע איז געוואָרן אַ נייער מיטגליד אין דער משפּחה. די מו־טער האָט זיך זעלטן געקלאָגט אויף דעם, אַז זי פאַרלירט אירע כוחות, וואָס אַ שווערע קראַנקייט האָט גענומען אונטערגראָבן. ס'איז דעמאָלט שטאַרק צו ניץ געקומען די הילף און די זאָרג פון דער יונגער שנור. נאָכן צוריקקומען פון מיליטער האָט לעאָן גענומען זוכן אַרבעט, און זיין פרוי, כדי אויפצוהאַלטן די משפּחה, האָט זיך גענומען צו שניידעריי.

די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט, אַז חנה אָלער איז שווער קראַנק, אַז זי מוז האָבן אַן אָפּעראַציע. די אָפּעראַציע האָט פאַרלענגערט דאָס לעבן פון לעאָנס מוטער ניט אויף לאַנג. זי איז געשטאָרבן אין 1924.

דער מוטערס טויט איז פאַר לעאָנען געווען אַ נייער שווערער קלאַפּ. נאָר ער איז שוין צו יענער צייט געווען אין גאַנצן פאַרשלונגען אין דער פאַרטייאישער אַרבעט, און בלויז אין זעלטענע מינוטן האָט ער זיך דער־לויבט צו פאַרבלייבן אַליין מיט זיין טרויער.

די אַרבעט פון בונד אין פוילן, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געוואָרן אומאָפּהענגיק, האָט זיך צו יענער צייט געפירט אין קאָמפּליצירטע באַ־דינגונגען. נייע לעבנס־פאַרמען זענען אויפגעקומען אין אַן אַטמאָספער פון פּאָליטישער צערודערונג, ווי אַן איבערבלייב פון דער דייטשער אָקו־פּאַציע און אַ פּועל־יוצא פון עקאָנאָמישן פונאַנדערפאַל. אין דער סיטו־אַציע איז דעם בונד אויסגעקומען אָנצושטרענגען זיין גאַנצע ענערגיע, — אויפצוזאַמלען אַלע זיינע כוחות אויף אויסשולן נייע קאַדרען, אויף אויס־אַרבעטן די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַלער און אַרטי־קער פּאָליטיק. די פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פון די יידישע אַר־בעטנדיקע מאַסן וואָס האָבן געליטן פון נויט און פון אַרבעטלאָזיקייט איז געוואָרן וואָס אַ מאָל מער דרינגלעך, בפרט נאָך, אַז די רעגירנדיקע קרייזן האָבן די דאָזיקע אינטערעסן כסדר איגנאָרירט. זיי האָבן אָפּגע־שטופּט די יידישע באַפעלקערונג אין אַ זייט פון דעם פּאָליטישן לעבן אין לאַנד.

צו דער קאָמפּליצירטקייט פונעם מצב אין לאַנד איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס אין דער צייט, ווען אין פוילן האָט זיך געהאַלטן אין אָרגאַניזירן דער מלוכה־אַפּאַראַט צום דינסט פון די אינטערעסן פון די פאַרמעגלעכע, איז אויפן ריזיקן שטח פון אַ שכנותדיקער מלוכה מיט אַן אומגעווייגלעכן פאַרנעם אָנגעגאַנגען די צעשטערונג פון אַלע ביז־איצטיקע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. וועגן די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער צעשטערונג איז נאָך אין יענער תקופה שווער געווען צו משפטן, נאָר דער פּראָצעס גופא פון איבערבויען דאָס לעבן פון אַ לאַנד פון אויבן ביז אַראָפּ, האָט אויפגעשטורעמט די הערצער פון מענטשן וואָס זיינען אַליין געווען סאָציאַל אונטערדריקט. עס האָט זיך זיי געוואָלט גלייבן, אַז די איבערקערעניש וואָס קומט פאָר אין רוסלאַנד, וועט אַ שטויס טאָן פאָרויס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אַנדערע לענדער. און וואָס שווערער ס׳איז געוואָרן דאָס לעבן פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פוילן, אַלץ מער האָט זייער אַוואַנגאַרד געשטרעבט אַרויסצוגיין פון דער אַרויפגעצוואונגענער איזאָלאַציע און אַריינצוגיסן זיך אין דער אינ־טערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג פון אַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות. אַט די שטימונגען האָבן געווירקט אַז דער בונד אין פוילן זאָל אָננעמען אויף זיינע ערשטע צוויי צוזאַמענפאָרן מיט אַ מערהייט שטימען אַ באַשלוס אַריינצוטרעטן אין קאָמינטערן מיט געוויסע באַוואָרענישן. די איניציאַטאָרן

פון דעם דאָזיקן באַשלוס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דעם גלויבן, אַז ניט געקוקט אויף אַ ריי פעלערן, קען דער קאָמינטערן ווערן דער איינציקער רעוואָלוציאָנערער כוח אין דער נאָכמלחמהדיקער אייראָפּע.

די מיטגלידער פון יוגנט־בונד „צוקונפט" האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער מערהייט פון דער פּאַרטיי.

די איבערצייגונג, אַז די נאָכמלחמהדיקע אייראָפּע איז אַריין אין אַ תקופה פון סאָציאַלן איבערבוי, האָבן געהאַט אַלע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי. די חילוקי־דעות נאָכן דריטן צוזאַמענפאָר פון בונד אין יאָר 1924, האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער פראַגע: וואָסער אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע איז ראוי אָנצופירן מיטן פּראָצעס וואָס פירט צום פונדאַמענטאַלן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט. דער דריטער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין אַ צייט, ווען ס'האָבן זיך גענומען מערקן די שטריכן פון אַ נייער תקופה — די סטאַביליזאַציע פונעם קאַפּיטאַליזם אין די מערבדיקע לענדער און די צעבראָכערישע פּאָליטיק פונעם קאָמינטערן. די דיסקוסיעס אויפן צוזאַמענפאָר האָבן געבראַכט צום אויסדרוק דעם בייט אין די שטימונגען פון די פּאַרטיי־מיטגלידער. אין דער מערהייט זיינען שוין דעמאָלט געווען די צענטריסטן, די אָנהענגערס פון דער טעזע „נ' 1" (די א. ג. „איינסער"). די מחברים פון דער דאָזיקער טעזע האָבן אַרויסגערוקט דעם וואונטש, אַז אויף להבא זאָלן געשאַפן ווערן די מעגלעכקייטן פאַר אַ פאַראייניקונג פון אַלע סאָציאַליסטישע כוחות; אָבער זיי האָבן געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נייטיק גלייך איצט אָפּצוגרענעצן זיך פונעם קאָמינטערן סיי צוליב פּרינציפּיעלע סיי צוליב אָרגאַניזאַציאָנעלע טעמעס. די אָנהענגערס פון דער טעזע נ' 2 (די „צווייערס") האָבן קאַטעגאָריש געלייקנט די מעגלעכקייט פון וואָסער ניט איז פאַרבינדונג מיטן 2טן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זיי האָבן באַשולדיקט אין אָפּאָרטוניזם און רעפאָרמיזם; זיי האָבן ווייטער געהאַלטן דעם קאָמינטערן פאַרן איינציקן צענטער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג; און האָבן אָפּגעוואָרפן בלויז זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן.

די צאָל־פאַרהעלטעניש צווישן די „איינסערס" און די „צווייערס", וואָס ס'האָט זיך געשאַפן אויפן דריטן צוזאַמענפאָר איז געבליבן סטאַביל אין משך פון אַ ריי יאָרן, אָבער די „לינקע" ריכטונג, ווי אַ מינדערהייט, האָט ווייטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער פּאַרטיי.

לעאָן אָלער האָט צוזאַמען מיט כמורנער־לעשטשינסקין, מיט חיים וואַסערן און מיט אַ ריי אַנדערע חברים געהערט צום אַוואַנגאַרד פון דער לינקער ריכטונג, און ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע אידעאָלאָגישע דעבאַטעס, בפרט אין יוגנט־בונד „צוקונפט".

זיין טעטיקייט אין דער „צוקונפט" איז מיט יעדן טאָג געוואָרן וואָס אַ מאָל מער אינטענסיוו ער איז צו ערשט געוואָרן אַ מיטגליד פון צענטראַלן קאָמיטעט, פון „צוקונפט", און שפּעטער, וויצע־פּאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע. איינע פון די וויכטיקסטע צווייגן פון דער „צוקונפט"־אַרבעט צווישן דער יוגנט איז געווען די אָנפירונג מיט קרייזן, וואו מען האָט געשולט און דערצויגן די קומענדיקע טוערס פון דער פּאַרטיי. לעאָן האָט געהאַט אַ ספּעציעלע באַפּרידיקונג פון זיין קאָנטאַקט מיט דער יוגנט. אויף די קרייזן פלעגן קומען סיי שילערס סיי יוגנט־לעכע אַרבעטער. דער קרייז איז געווען ניט בלויז אַ פּאָליטישע שול; דאָ איז אָנגעגאַנגען אויך אַן אינטענסיווע דערציערישע אַרבעט. אויפן קרייז האָט מען זיך אויסגעלערנט יענע סאָלידאַריטעט, וואָס האָט די ייִנגלעך און מיידלעך געגעבן דעם עמאָציאָנעלן אָנשפּאַר בעת זייערע שטורמישע איבערגאַנג־יאָרן אויפן וועג צום פיזישן און גייסטיקן צייטיק ווערן. דעם פירער פון אַזאַ קרייז איז אויסגעקומען זיך אָנצושטויסן אויף פאַרשיידענע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון פּערזענלעכע קריזיסן אינעם לעבן פון דער יוגנט. די יוגנט האָט זיך געבונטעוועט ניט בלויז קעגן סאָציאַלן אומיושר, נאָר אויך קעגן דעם קאָנסערוואַטיוון שטייגער לעבן. ניט אויף אַלע פראַגן האָט דער פירער פון אַ קרייז געקענט געפינען אַן ענטפער, אָבער שוין דאָס אַליין, אַז מען האָט געקענט בשותפות טראַכטן אויף אַ קול און זיך טיילן מיט ספקות, איז פאַר די קרייז־מיטגלידער געווען זייער וויכטיק.

די פאַרזאַמלונגען פון דעם קרייז, וואָס לעאָן האָט געפירט, זיינען געוויינלעך פאָרגעקומען ביי אים אין דער היים, און די מיטגלידער פונעם קרייז האָבן זיך געפילט כמעט ווי אַ טייל פון זיין משפחה. ווען איינער פון די מיטגלידער פון זיין קרייז „פראָמעטיי", בעניעק ליווּשיץ, איז גע־פאַלן קיין שפּאַניע אין דער צייט פונעם בירגערקריג און קעמפנדיק אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, דאָרט אומגעקומען, איז לעאָן אָלער געווען באַהערשט פון אַ טאָפּעלן געפיל פון צער און פון שטאָלץ; בעניעק איז געווען זיינער אַ תלמיד; די מיטגלידער פונעם קרייז האָבן איבערגעלעבט בעניעקס אומקום ווי מען לעבט איבער דעם טויט פון אַן אייגענעם ברודער.

ניט אַלע מיטגלידער פונעם קרייז „פראָמעטיי" זיינען געבליבן אין די רייען פון בונד, אָבער אויך די אַוועקגעגאַנגענע האָבן אויף לאַנגע יאָרן אויפגעהיט זייער יוגנטלעכן אידעאַליזם.

ווען די מיטגלידער פון דעם יוגנט־קרייז „פראָמעטיי" זיינען אויפ־געוואַקסן, איז אויף זיין אָרט געקומען אַ צווייטער קרייז, דאָס מאָל שוין

ניט פון גימנאַזיע־שילערס, נאָר פון יונגע סטודענטן, מיטגלידער און כּימפּאַטיקערס פון דער בונדישער סטודענטן־גרופּע „רינגען״, וואו לעאָן איז אַ צייט געווען פאַרשטייער פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד. אין דער צווייטער העלפט דרייסיקער יאָרן פלעגט די גרופּע „רינגען״ אָפט אָרגאַניזירן שותּפותדיקע מיטינגען מיט דער פּפּ״סישער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע זנמ״ס. אויף אַט די מיטינגען איז ניט איין מאָל אַרויסגע־טראָטן לעאָן אָלער.

אין דעם זשורנאַל פון י. ב. „צוקונפט״ יוגנט־וועקער, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין 1922, און אויפגעהערט אַרויסצוגיין ערשט אין דעם גורלדיקן סעפּטעמבער פון 1939, איז לעאָן געווען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע. עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה איז ער אויך געווען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע און אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם „צוקונפט״־זשורנאַל אויף פּויליש — וואָלנאַ מלאָדזשעזש (׳פרייע יוגנט׳). ביידע בונדישע אָרגאַנען האָבן געהאַט אויסצושטיין רעפּרעסיעס מצד דער פּוילישער צענזור וואָס פלעגט כּסדר קאָנפיסקירן אַרטיקלען, און די זשורנאַלן פלעגן זיך באַווייזן מיט ווייסע פלעקן, טייל מאָל אַ גאַנצע זייט די גרייס. אָבער ניט די מיטאַרבעטערס און ניט די רע־דאַקטאָרן זיינען מיד געוואָרן.

אין דער פּאַרטייאישער אַרבעט, וואָס האָט געפאָדערט אומאויפהער־לעכן אָנשטרענג און פיבערדיקע שפּאַנונג, פלעגן זיך טייל מאָל אַריינ־פלעכטן פּערזענלעכער אומרו און משפּחה־זאָרגן. אַ זונעלע, וואָס איז ביי די אָלערס געבוירן געוואָרן אין 1925, איז געשטאָרבן תּיכף נאָכן געבורט. די יונגע עלטערן האָבן געטראָגן אין זיך דעם טיפן צער פון זייער אָנווער; די וואונד האָט זיך געגומען פאַרציען ערשט נאָך דעם ווי ס׳איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ צווילינג: צווי פּולינקע, גרויס־אויגיקע מיידעלעך חנה און הינדע, וואָס זיינען זייער גיך געוואָרן די ליבלינגען פון פריינד פון דער משפּחה אָלער, און פון דער יוגנט וואָס פלעגט זיך פאַרזאַמלען אין זייער היים. און דאָס לעבן איז געגאַנגען מיט אַזאַ גיכן טעמפּאָ, אַז ס׳איז ניט גרינג אָנגעקומען צו געפינען אַ ביסל צייט פאַר אָפּרו, פאַר לייענען ביכער, אָדער פאַר באַשיידענער פאַרווייַ־לונג, דער באַגרענעצטער בודזשעט האָט ניט דערלויבט זייער אָפט צו גייך אין טעאַטער, אָדער אין דער פילהאַרמאָניע.

דאָס הויז פון די אָלערס איז געשטאַנען ברייט אָפן פאַר פריינד; דער סאַמע נאָענטסטער פון זיי, אויך אידעיש דער נאָענטסטער, איז געווען דער יונגער ענטוזיאַסטישער „צווייער״ אַבראַשאַ ווייגער. אָבער צו אַלע משפּחה־שׂמחות און משפּחה־זאָרגן זיינען געווען אויך שותּפים דער רוב מיטגלידער פונעם קרייז „פראָמעטיי״.

דער באַוואוסטזיין, אַז די טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, וואו ער גיט אַוועק אַזוי פיל כוחות צעוואַקסט זיך, האָט אים געגעבן אַ סך באַ־פרידיקונג. אין 1926 איז אין וואַרשע פאַרגעקומען אַ קולטור־קאָנפערענץ פון דער „צוקונפט“, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייערס פון זיבעציק שטעט. אויף די זיצונגען האָט מען אַרומגערעדט די מע־טאָדן פון דער קולטור־אַרבעט, ספּעציעל די אַרבעט אויף די קרייזן. די דעלעגאַטן האָבן זיך געטיילט מיט זייער פּראַקטיק. לעאָן האָט גע־האַלטן אַ רעפעראַט וועגן זיינע מעטאָדן און וועגן דעם, וואָס ער האָט אויפגעטאָן אויף זיינע קרייזן. אין דעם זעלבן יאָר האָט די „צוקונפט“ אָרגאַניזירט אין וואַרשע אַ צווייוואָכיקע צענטראַלע רעפערענטן־שול סיי פאַר אָרטיקע, וואַרשעווער רעפערענטן סיי פאַר רעפערענטן פון אַנדערע שטעט. דער רוב צוהערערס פון די קורסן זיינען געווען אַרבעטערס און אָנגעשטעלטע. צווישן די לעקטאָרן זיינען געווען: ד״ר ש. בערקאָוויטש, ה. ערליך, וו. אַלטער, לעשטשינסקי־כמורנער, און צווישן זיי די ייִנגערע לעקטאָרן: י. ראַטנער, ל. אַלער, ל. בליט און אַ. ווייגער. די פּראָגראַם פון דער רעפערענטן־שול האָט אַרומגענומען סיי טעאָרעטישע סיי פּראַקטישע פּראָבלעמען.

דאָס לעבן פון יעדער בונדישן פאַראַנטוואָרטלעכן אַקטיוויסט איז געווען אַ קייט פון פאַרשיידענע פונקציעס. לעאָן אַלער איז אין זיין פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט געווען פאַרבונדן מיט דער קאָאָפּעראַטיווער באַ־וועגונג. אין 1924 האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער בונדישער אַר־בעטער־קרעדיט־צענטראַלע ווי אַ בוכהאַלטער. אין דער דאָזיקער אינ־סטיטוציע, וואו ס׳איז כסדר אויסגעקומען צו ראַנגלען זיך מיט פינאַנ־ציעלע שוועריקייטן, האָט געהערשט אַ חברישע אַטמאָספער וואָס האָט געהאָלפן דורכצוטראָגן די אייגנאַניקייט פון דער אַרבעט. לעאָן אַלער האָט באַזונדערס הויך געשאַצט, וואָס אים קומט אויס מיטצואַרבעטן מיט אַזעלכע מענטשן ווי וויקטאָר אַלטער און זדזשיסלאַוו מושקאַט. שפּעטער איז אים אויסגעקומען צו אַרבעטן אין אַנדערע אינסטיטוציעס: די צענ־טראַלע פון האַנדלס־און ביוראָ־אָנגעשטעלטע־פאַראיינען א״אַנד.

די טעג זיינען געווען פול ביז איבער די ברעגן. נאָך דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין ביוראָ פלעגט לעאָן אויף אַ קורצער ווײַלע זיך אַריינכאַפּן אין דער היים און דערנאָך זיך לאָזן לויפן אויף זיצונגען: פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער „צוקונפט“ צי פון וואַרשעווער קאָמי־טעט פון בונד; פון דער רעדאַקציע פון יוגנט־וועקער, אָדער אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער סטודענטישער יוגנט. אַ סך צייט איז אַוועק אויף באַגעגענישן מיט חברים פון דער פּראָווינץ, וואָס פלעגן קומען קיין וואַרשע זיך צו באַראַטן און צו קריגן אָרגאַניזאַציאָנעלע אינסטרוקציעס.

די דאָזיקע יוגנט איז געווען דער טראָגער פון נייע שטרעבונגען וואָס האָבן מיט גרויסע שוועריקייטן דורכגעשלאָגן זיך אַ וועג אין דעם קליי־נעם שטעטל, וואו ס'האָט נאָך ביז ניט לאַנג געהערשט דער טראַדיציאָ־נעלער שטייגער־לעבן.

אינעם פּאַרטייאישן לעבן זיינען די קולמינירפּונקטן געווען די צו־זאַמענפאָרן און די צוזאַמענפליען, וואו מען האָט אונטערגעפירט סך־הכלען פון פאַרגאַנגענע פעריאָדן, און וואו מען האָט דעמאָנסטרירט דעם וואוקס פון די פּאַרטייאישע כוחות. איינע אַזאַ דעמאָנסטראַציע איז גע־ווען דער צוזאַמענפאָר פון דער „צוקונפט" אין 1929. דער יוגנט־בונד האָט שוין צו יענער צייט געציילט העכער צען טויזנט מיטגלידער. אַלע לאָקאַלע באַריכטן האָבן געזאָגט עדות וועגן גרויסן וואוקס פון דער באַוועגונג. צו גלייך מיט די פּראַקטישע פּראָבלעמען האָט מען אויפן צוזאַמענפאָר דעבאַטירט איבער אידעישע חילוקי־דעות. צוויי מיטגלידער פון צענטראַלן קאָמיטעט האָט מען איבערגעגעבן צו פאָרמולירן די צוויי שטאַנדפּונקטן וואָס האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט. דער פאַרשטייער פון דער מערהייט האָט אין זיין רעדע צווישן אַנדערן אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די אידעישע חילוקי־דעות צווישן די אַ"ג „איינסערס" און „צווייערס" האָבן אויף דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט קיין השפעה ניט. דער דעלע־גאַט וואָס איז אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פון דער מינדערהייט האָט ניט אָפּגעפרעגט דעם דאָזיקן פאַקט, אָבער ער איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז אויף דער יידישער גאַס זיינען צווישן דער יוגנט זייער שטאַרק די אומקאָמפּראָמיסלעך־רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. דער אויסוועג, וואָס עס רעקאָמענדירט דער פּראַקטיציזם און דער רעאַליזם איז אַ סך פון זיי ניט צום האַרצן.

קורץ פאַרן צוזאַמענפאָר האָט דער סאָציאַליסטישער יוגנט־אינטער־נאַציאָנאַל פאַרבעטן די „צוקונפט", זי זאָל זיך באַטייליקן אינעם אינ־טערנאַציאָנאַלן יוגנט־צוזאַמענפלי וואָס האָט געזאָלט צו שטאַנד קומען אין ווין. דער רוב טוערס פון דעם לינקן פליגל האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר בויקאָטירן דעם צוזאַמענפלי. לעאָן אָלער האָט אָבער געהאַלטן, אַז מען דאַרף ניט פאַרשאַרפן די צווישנבאַציאונגען אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט וואָס גרייט זיך צום גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן יום־טוב. און ער אַליין איז מיט אַ גרופּע צוקונפטיסטן־צווייערס געפאָרן קיין ווין, וואו זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע אונטערנעמונגען פון דעם צוזאַמענפלי, אַ חוץ אין דעם פאַראַדנעם מאַרש.

דער סוף צוואַנציקער יאָרן איז פאַרן בונד געווען אַ צייט פון וויי־טערדיקע שאַרפע חילוקי־דעות: ס'האָט זיך דערנענטערט דער צוזאַ־

מענפאר וואס האט געדארפט באשליסן וועגן אריינטריט פון בונד אין דעם סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל. פארן צוזאמענפאר האט מען די פראגע דיסקוטירט אין אלע פארטייאישע ארגאניזאציעס, און פארשטייערס פון ביידע ריכטונגען זיינען ארומגעפארן איבערן גאנצן לאנד כדי די דיסקוסיעס פארמעל אנצוהייבן אויף לאקאלע פארזאמלונגען. אין די דיסקוסיעס פלעגן ארויסטרעטן: ערליך, און אלטער און אנדערע אין נאמען פון די „איינסערס", פון די „צווייערס". — כמורנער, חיים וואסער, אלער און אנדערע.

דער צוזאמענפאר איז פארגעקומען יולי 1930 אין דער שטאט לאדזש. לעאן אלער און זיינע חברים פון דער „צווייער"-ריכטונג זיינען אויף דעם צוזאמענפאר געשטאנען פאר נסיונות ממש. די אטמאספער אויפן צוזאמענפאר איז געווען געוואלדיק געשפאנט: צום ערשטן מאל האט זיך אויף א בונדישן צוזאמענפאר באוויזן דאס געשפענסט פון אן ערנסטער שפאלטונג. אין נאמען פון דער לינקער פראקציע האט כמורנער געמאלדן, אז פאר די דעלעגאטן שטייט די קארדינאלע פראבלעם פון דעם וועג צום סאציאליזם. מען מוז אויסקלייבן צווישן דעם רעוואלוציאנערן וועג, אדער דעם וועג פון רעפארמיסטישע מעטאדן. די פראגע איז געשטאנען מיט דער גאנצער שארפקייט, אבער ווי טיף ס'זאלן ניט האבן געווען די חילוקי-דעות, צו קיין שפאלטונג האבן זיי ניט דערפירט. די „צווייערס" האבן דעצידירט צו פירן דעם קאמף, פאר זייער איינשטעלונג ניט מחוץ, נאר אינעווייניק אין דער פארטיי „אין ווארט און שריפט".

לעאן אלער איז צוריקגעקומען קיין ווארשע מיט א שווער געמיט. ס'זיינען געווען פארויסצוזען פארטייאישע רייסערייען. די „צווייערס" האבן גענומען ארויסגעבן אן אייגענעם ארגאן, וואס האט געטראגן דעם כאראקטעריסטישן נאמען „קעגן שטראם". און דאך האט די געדריקטע שטימונג ביי די „צווייערס" גיך גענומען פארבייגיין: ס'האבן זיך אונטערגערוקט אן א שיעור אויפגאבן וואס האבן פאראייניקט ביידע פליגלען סיי אין דער פארטיי סיי אין דער „צוקונפט". מען האט זיך געדארפט גרייטן צו וואלן פון די שטאטראטן און קהילות; מען האט געמוזט פארשטארקן דעם קאמף מיטן אנטיסעמיטיזם וואס האט, אין די דרייסיקער יארן גיך גענומען וואקסן. דער בונד האט זיך באמיט צו פירן די דאזיקע ארבעט סיי זעלבשטענדיק סיי בשותפות מיט דער פפ"ס, וואו ס'האבן זיך גענומען שטארקן די ראדיקאלע שטימונגען. דער פפ"סישער „טור" און די זנמ"ס האבן וואס ווייטער אלץ אפטער גענומען אנטייל אין שותפותדיקע מיטינגען און דעמאנסטראציעס מיטן בונד; לעאן אלער פלעגט דארטן ארויסטרעטן.

די צוזאמענארבעט צווישן דער יידישער און פוילישער סאציאליס-

טישער יוגנט איז געקומען צום אויסדרוק נאָך אויף אַנדערע אופנים.
די פּרואוון פון דער רעגירונג צו ברעכן די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג
דורך אָרגאַניזירן אייגענע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אונטער דער השגחה
פון דער רעגירונג מיטן ציל אויפצושטעלן אַ קאָרפּאָראַטיווע מלוכהשע
סיסטעם אויפן מוסטער פון פאַשיסטישן איטאַליע, האָבן אַרויסגערופן גרויס
אומרו. אויף אַ באַראַטונג וואָס האָט באַהאַנדלט דעם ענין זיינען געקר־
מען פינף הונדערט יונגע דעלעגאַטן, און דאָרטן זיינען אַרויסגעטראָטן
פאָרשטייערס פון דער יידישער און פּוילישער אַרבעטער־יוגנט. אין נאָ־
מען פון „טור" האָט גערעדט סטאַניסלאַוו דיבואַ, אין נאָמען פון דער
„צוקונפט" — לעאָן אָלער. ער האָט געשילדערט די לאַגע פון דער יידי־
שער אַרבעטער־יוגנט. די פאָרשטייערס פוןביידע אָרגאַניזאַציעס האָבן
אויסגעאַרבעט אַ שותפותדיקע רעזאָלוציע, וואָס די דעלעגאַטן האָבן אָנ־
גענומען איינשטימיק. אַזעלכע שותפותדיקע אונטערנעמונגען האָבן גע־
הויבן די שטימונג ביי די יידישע אַרבעטער.

איינער פון די הויכפּונקטן אינעם לעבן פון דער אָרגאַניזירטער יידי־
שער אַרבעטער־יוגנט אין פּוילן איז געווען דער וואַרשעווער יוגנט־צו־
זאַמענפאַל אין 1932. אין אים האָבן גענומען אָנטייל העכער פיר טויזנט
יוגנטלעכע. אַ סך פון די אָנטייל־נעמערס וואָס האָבן ניט געהאַט קיין
געלט אויף אַ באַנבילעט קיין וואַרשע, זיינען געקומען צו פוס פון ווייטע
מרחקים. די פאַרזאַמלטע יוגנט וואָס האָט אָנגעפילט דעם ריזיקן אַרבע־
טער־ספּאָרט־פּלאַץ (פון דער פּוילשער סאָצ. פּאַרטיי) „סקראַ", האָט מיט
באַגייסטערונגען אויפגענומען די באַגריסונגען פון סאָציאַליסטישן יוגנט־
אינטערנאַציאָנאַל, פון די וועטעראַנען פון בונד, פון דער פּפּ"סישער
יוגנט. לעאָן אָלער האָט גערעדט וועגן די גרויסע אויפטוען פון דער
„צוקונפט" אינעם לעצטן יאָרצענדלינג. די צייט איז געווען אַן אומרו־
איקע; פון מערב האָבן זיך שוין גענומען אָנרוקן שווערע כמאַרעס.
אָבער די געהויבענע שטימונג, וואָס עס האָט געבראַכט דער יום־טוב
פון דער אַרבעטער־יוגנט, האָט אָפּגערוקט די פינצטערע פאָרגעפילן.

די פּאָליטישע אַטמאָספער איז געוואָרן נאָך מער געשפּאַנט, ווען ס'איז
אין וואַרשע פאָרגעקומען דער זעקסטער צוזאַמענפאָר פון יוגנט־בונד
„צוקונפט". די זיצונגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דעם גרויסן זאַל
פון פאַראיין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע אויף זאַמענהאָף גאַס נומער
5. ווי אַלע מאָל אויף יוגנט־צוזאַמענטרעפן האָט דאָ געהערשט אַ יום־
טובדיקייט, וואָס ניט די אידעיִשע חילוקי־דעות און ניט דאָס באַוואוסט־
זיין פון דער סכנה וואָס הענגט איבער דער וועלט, האָבן געקענט קאַליע
מאַכן. דאָס פריידיקע געפיל פון סאָלידאַריטעט האָט מנצח געווען דעם
געפיל פון אומרו.

איינער פון די פונקטן אויפן צוזאַמענפּאָר איז געווען די פראַגע וועגן אַריינטריט פון דער „צוקונפט" אין דעם סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטער־נאַציאָנאַל. וועגן דער פראַגע האָבן גערעדט צוויי גענעראַל־רעדנערס: שלום הערץ האָט באַגרינדעט די דורכויסיקע נייטיקייט צו שטעלן דעם טראַט; לעאָן אַלער — איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז דאָס וואָלט גע־פירט צו אַ קאַפּיטולאַציע פאַרן רעפאָרמיזם. דער צוזאַמענפאָר האָט מיט אַ מערהייט שטימען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַריינטרעטן אינעם אינטער־נאַציאָנאַל.

שווערע וואָלקנס האָבן וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרטונקלט אייראָ־פּעס האָריזאָנטן, אָבער זיי האָבן נים אָפּגעשוואַכט די ענערגיע וואָס יידי־שע אַרבעטער האָבן אַרויסגעוויזן אין זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. די וואַלן צום וואַרשעווער שטאָטראַט אין 1938 (ווי אויך אין אַנדערע שטעט) האָבן שטאַרק פאַרגרעסערט די בונדישע שטאָטראַט־פראַקציעס; אין די וואַלן האָט די יוגנט זיך באַטייליקט מיט גרויס ענטוזיאַזם. נאָך די וואַלן איז לעאָן אַלער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער וואַרשעווער שטאָ־טישער רעווידיר־קאָמיסיע.

די פּאַרטייאישע אַרבעט איז געגאַנגען מיט אַ שטורמישן טעמפּאָ, אָבער קיין אילוזיעס האָט זיך קיינער נים געמאַכט. אויף די זיצונגען פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון יוגנט־בונד „צוקונפט", וואָס זיינען פאָרגעקומען זומער 1939 האָט מען שוין גערעדט בלויז וועגן איין זאַך — וועגן דער סכנה פון דער נאַציסטישער אַגרעסיע. פאַרשטייט זיך, אַז נים דעם פאַרנעם און נים די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער אַגרע־סיע וואָס האָט אַריבערגעשטיגן אַלץ וואָס איז צוטריטלעך דער מענטש־לעכער פאַרשטעלונג, האָט צו יענער צייט קיינער נים געקענט פאַר־אויסזען.

## אינעם כאַאָס פון דער מלחמה

דעם זומער פונעם יאָר 1939 האָט די משפּחה אַלער פאַרבראַכט אין שווידער הינטער וואַרשע. לעאָן אַלער האָט ווי געווינלעך געאַרבעט, איז געפאָרן אין שטאָט און אויסגעפירט פּאַרטייאישע שליחותן. ווי אַלע זיינע חברים האָט ער געלעבט אין שפּאַנונג: ס׳האָבן וואָס ווייטער אַלץ היילכיקער אָפּגעקלונגען די דונערן פונעם שטורעם וואָס האָט זיך אָנגע־רוקט. אין די טאָג־טעגלעכע זאָרגן האָט זיך אַריינגעריסן אַ ביטער פאַר־געפיל. איין מאָל, אויף אַ שפּאַציר מיט ליאָניען אין דעם יונגן סאָסנע־

וועלדל, האָט ער געזאָגט: „טייל מאָל קומט מיר אויפן זינען, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען איך וועל זיך דאַרפן צעשיידן מיט די קינדער, און אפשר מיט דיר אויך; וואָלט זיך מיר געוואָלט, אַז ס'זאָל זיך דעמאָלט געפינען אַזאַ הויז, וואו זיי זאָלן זיך פילן אַזוי, ווי אונדזערע פריינד האָבן זיך געפילט ביי אונדז".

דעם 23סטן אויגוסט האָט מען לעאָנען גערופן צו מיליטער. די מיידלעך האָבן זיך צעוויינט; הינדע האָט העשענדיק געזאָגט, אַז זי וועט מיטגיין מיטן טאַטן, און זי וועט אַרבעטן אין דער קיך פון דער אַרמיי.

דער פּאָלק, צו וועלכן מען האָט לעאָנען צוגעטיילט, האָט געקריגן אַ פּאַראָרדענונג צו פאָרן קיין ראַדעם.

דעם 1טן סעפּטעמבער האָבן זיך אויפן קלאָרן הימל איבער וואַרשע באַוויזן די ערשטע דייטשע אַעראָפּלאַנען, און די פּאַרטויבנדיקע אויפ־רייסן האָבן געלאָזט וויסן, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן גאָר אַ נייע תקופה. די באַפעלקערונג איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק. די משפחה אַלער האָט געלעבט אין איין ציטערניש. לעאָן פלעגט פון צייט צו צייט צושיקן ליאַ־ניען קורצע בריוולעך; ער האָט זיך באַמיט זי אויפצוהייטערן מיט דער האָפענונג צו זען זיך וואָס גיכער. דערווייל איז די פּוילישע אַרמיי אָפּגעטראָטן צום רומענישן גרענעץ, און לעאָן האָט זיך אומגעריכט גע־פונען אין טשערנאָוויץ. אין דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער שטאָט האָט ער זיך דערפילט פאַרלוירן: ס'האָט געדריקט דאָס בילד פון אַ פונאַנ־דערגעפאַלענער אַרמיי; ס'האָבן באַאומרואיקט די קלאַנגען וועגן דער קאַ־פּיטולאַציע פון וואַרשע. אומגעריכט איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער ווייטער אַמעריקע: יעקב פּאַט וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אין ניו־יאָרק האָט געעצהט דעם היימלאָזן חבר זיינעם, ער זאָל זיך אַריבער־קלייבן איבערן אָקעאַן, און ער לאָזט אים וויסן, אַז ס'איז דאָ פאַר אים אַן אַמעריקאַנער וויזע. די פּערספּעקטיוו פון אַזאַ ווייטער נסיעה האָט אָבער לעאָנען ניט צוגעצויגן: אַלץ וואָס איז אים אַזוי נאָענט געווען — זיין משפחה, זיין פּאַרטיי, זיין לאַנד — איז געווען דאָ בשכנות, הינ־טער דעם מיט באַגנעטן באַוואַכטן רומענישן גרענעץ; און ער האָט די האָפענונג ניט פאַרלוירן, אַז ער וועט זיך אומקערן צוריק קיין פּוילן, און אַז פּוילן וועט אין זיך געפינען כוחות אויף אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שונא.

דאָס געפיל פון איינזאַמקייט איז גרינגער געוואָרן אַריבערצוטראָגן נאָך דעם ווי לעאָן האָט אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט די בונדישע מש־פּחות קיסמאַן און קאַסוואַן. זיי האָבן פאַרשטאַנען לעאָנס פאַרלאַנג זיך אומצוקערן אַהיים, און זיי איז לסוף געראָטן צו געפינען מענטשן וואָס

זאָלן אים אַריבערפירן דעם גרענעץ. נאָכן אַריבערגיין דעם גרענעץ איז לעאָן אָנגעקומען אין גאַליציע, וואו די מלחמה־שׂרפה האָט געפלאַקערט. אַרום אים האָט געהערשט כאַאָס; דאָס לאַנד האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם אומהיימלעכן דרוק פונעם בליצקריג. פאַר די אויגן פון די צעטומלטע מענטשן האָט זיך געביטן די מאַפּע פון מזרח־אייראָפּע. האָט זיך לעאָן געלאָזט אין דער ריכטונג פון מיזרח מיט אַ זיגזאַגיקן מאַרשרוט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין שטעטלעך וואָס האָבן אין משך פון איין מעת־לעת געביטן זייער מלוכה־צוגעהעריקייט ביז ער איז דערגאַנגען צו באַראַנאָוויטש און פון דאָרטן קיין ווילנע. דאָ האָט ער גענומען וואַרטן אויף זיין פרוי און קינדער וואָס האָבן געזאָלט קומען אַהער פון וואַרשע.

ליאָניע מיט די קינדער זיינען אַוועק פון דער היים און האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין דער ריזיקער פּליטים־מאַסע. מאָדנע האָבן אויסגעזען די שאָסייען און וועגן פון דעם מזרחדיקן טייל פּוילן, פאַרלייגט מיט פּוסגייערס און פורן. מענטשן זיינען געגאַנגען און געפאָרן און ניט גע־וואוסט וואוהין, און פון נאָענט און פון וויט האָבן זיך צו זיי דער־טראָגן די אויפרייסן פון באָמבעס, די שיסערייען פון האַרמאַטן.

סוף־כּל־סוף האָבן זיך ליאָניע מיט די קינדער דערשלעפּט צו דער סאָוועטיש־אָקופּירטער שטאָט לידע. און דאָרטן, ביים אַריבערגיין דעם סאָוועטיש־ליטווישן גרענעץ אויפן וועג קיין ווילנע, האָט די סאָוועטישע גרענעצוואַך אויף זיי געשאָסן, און אַ קויל האָט געטראָפן ליאָניען אין היפּט. אונטער אַ וואַך האָט מען ליאָניען געבראַכט אין אַ שפּיטאָל אין סוועניציאַן. ווען זי איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט די אָרטיקע סאָוועטישע מאַכט גענומען ביי איר אַ פאַרמעלן צוזאָג, אַז זי וועט מער ניט פּרוּוון גנבענען דעם גרענעץ.

צווישן די פּליטים וואָס זיינען געבליבן שטעקן אין לידע איז געווען אַ גרופּע בונדיסטן; צווישן זיי, ל. פיינער און ס. פישגרונד האָט די נקוו״ד אַרעסטירט אויף דער קוואַרטיר, וואו ס׳האָבן געוואוינט די אַלערס; האָט מען שוין פאַר איין וועגס אָפּגעפירט אין תּפיסה ליאָניען אויך. ביי דער ערשטער אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען באַ־שולדיקט זיי אין שפּיאָנאַזש. נאָך אַ גאַנצער סדרה ביינאַכטיקע אויס־פרעגענישן האָט דער אויספאָרשונג־ריכטער גענומען איבערצייגן ליאָ־ניען, זי זאָל זיך מודה זיין, אַז זי האָט געפּרוּווט זיך אַריינקריגן אין ווילנע מיטן ציל צו פירן דאָרטן אַ פאַרברעכערישע קאָנטררעוואָ־לוציאָנערע אַרבעט, און ער האָט זיך געוואָרפן צוליב איר עקשנותדיקן אָפּזאָג אונטערצושרייבן דעם באַשולדיקונג־אַקט. די רעזולטאַטן האָבן גע־קענט זיין שרעקלעכע, ווען ניט אַן אומגעריכטער צופאַל. ווען ליאָניע איז אין דעצעמבער 1940 געקומען צו איר לעצטער אויספאָרשונג, האָט איר דער ריכטער אין גאַנצן צעטומלט מיט אַ ידיעה, אַז מען באַשול־

דיקט זי בלויז אין אומלעגאַלן אַריבערגיין דעם גרענעץ; אָן אַ פּינטל צו טאָן מיטן אויג האָט זי אונטערגעשריבן דעם געהעריקן דאָקומענט.

אין גיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון דער שווערער שטראָף האָט ליאָניען באַפרייט די אינטערווענץ פון אירס אַן אַלטער באַקאַנטער וואַרשעווער קאָמוניסטקע וואָס האָט אין דעם איצטיקן ווייסרוסלאַנד געאַרבעט אין אַ סאָוועטישן מיליטערישן שפּיטאָל. אָט די יונגע ענערגישע קראַנקן־שוועסטער האָט אָפּגעזוכט אַן אַדוואָקאַט וואָס איז מסכים געווען צו פאַרנעמען זיך מיט ליאָניע אָלערס ענין; זי פון איר זייט האָט עדות געזאָגט, אַז איר חברטע ליאָניע אָלער, כאָטש זי איז אַליין קיין קאָמוניסטקע ניט געווען, פלעגט אַקטיוו העלפן די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

בעת דער אויספאָרשונג האָט ליאָניע געטענהט, אַז איר איינציקער ציל ביים אַריבערגיין דעם גרענעץ איז געווען, זיך צו טרעפן מיט איר מאַן, וואָס די מלחמה האָט זיי צעשיידט, און אַז זי האָט געהאָפט אויף אַ לעגאַלער דערלויבעניש אַריבערצוגיין דעם גרענעץ. דער פּסק איז געווען דריי יאָר תפיסה, נאָר דער אַדוואָקאַט האָט געפועלט, מען זאָל דעם אורטייל אָפּלייגן; און ס'האָבן זיך פאַר איר געעפנט די תפיסה־טויערן.

אַ דאַנק דער ענערגיע און איבערגעגעבנקייט פון די חברים איז ליאָניען מיט די קינדער געראָטן צו קומען קיין ווילנע. דאָרטן זיינען זיי צוגעטיילט געוואָרן צו אַ גרופּע בונדיסטן וואָס האָבן געזאָלט קריגן דערלויבענישן אויף צו פאָרן קיין אַמעריקע. אָבער זען זיך מיטן מאַן האָט זיך ליאָניען פאָרט ניט איינגעגעבן: ער אַליין איז שוין צו יענער צייט געזעסן אין תפיסה, און איר האָט מען ניט דערלויבט זיך צו זען מיט אים. מען האָט איר דערלויבט בלויז איבערצוגעבן אים וואַרעמע זאַכן: ס'האָט אויף אים געוואַרט פאַרשיקונג אויפן וייטן צפון.

לעאָן אָלערן האָט מען אַרעסטירט אויגוסט 1940. אין זיינע זכרונות וועגן דער לוקישקער תפיסה האָט ער אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז די פּאָליציי איז צו אים געקומען, ווייל ס'האָט אים עמעצער געמסרט. קורץ פאַר דעם ווי ס'האָבן זיך אויף זיין קוואַרטיר באַוויזן די ביינאַכטיקע געסט האָט ער אויף דער גאַס באַגעגנט אַ בחור וואָס איז נאָר וואָס געהאַט אַרויסגעטראָטן פון דער „צוקונפט“. דער בחור האָט מיט עפּעס אַ מאָדנעם אומאיינגענעמען שמייכל און אַ געמאַכטער פאַרוואונדערונג אים אַ פרעג געטאָן: „אָ, חבר לעאָן, איר זייט נאָך דאָ, נאָך ניט אַוועקגעפאָרן?“ לעאָנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די פראַגע האָט ער געשטעלט ניט גלאַט אַזוי זיך. אין ווילנע האָט מען דעמאָלט שוין געהאַט אַרעסטירט אַ ריי אָרטיקע טוערס פון בונד.

זיין פאָרגעפיל האָט אים ניט אָפּגענאַרט: נאָך דער דאָזיקער באַגעגעניש איז געקומען די ביינאַכטיקע פּאָליצייאישע רעוויזיע וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט זיין אַרעסט.

צו יענער צייט האָבן די אַרעסטן שוין גענומען אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. די אַרעסטאַנטן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ בונטע געזעלשאַפט: געוועזענע מיליטער־לייט, פּאָליציאַנטן, פּוילישע אינטעליגענץ און מיטגלידער פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. לעאָן האָט זיך אויף גיך אויסגעלערנט דעם אַרעסטאַנטישן אַלף־בית און ער האָט באַלד גענומען איבערקלאַפּן זיך מיט זיינע שכנים איבער דער וואַנט. צו ערשט האָבן די אַרעסטאַנטן געקריגן גענוג צו עסן, און דער תּפיסה־דאָקטאָר, וואָס האָט זיך צו זיי באַצויגן בפירוש מיט סימפּאַטיע, פלעגט גערן אויסשרייבן צוגאָב־פּאָרציעס. אָבער דער רעזשים איז געווען אַ שטרענגער: מען האָט ניט דערלויבט ניט קיין ביכער און ניט קיין שפּאַצירן. דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט איז ביי די אַרעסטאַנטן געווען שוואַך אַנטוויקלט, אָבער פון דעסטוועגן, ווען די תּפיסה־מאַכט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אין שפּיטאָל אַ שווער קראַנקן אַרעסטאַנט, האָט זיך לעאָנען איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ פּראָטעסט־שטרייק, און די תּפיסה־מאַכט האָט נאָכגעגעבן.

די באַדינגונגען פון תּפיסה־לעבן האָבן זיך נאָך מער פאַרערגערט נאָך דעם ווי ליטע איז געוואָרן אַ „זעלבשטענדיקע" רעפּובליק. דער נייער תּפיסה־דירעקטאָר, וואָס ביז ניט לאַנג איז ער אַליין געווען אַן אַרעסטאַנט ביים ליטווישן פאַשיסטישן רעזשים, פלעגט די אַרעסטאַנטן ענטפערן, ווען זיי האָבן זיך אויף עפּעס געקלאָגט: מיר באַצאָלן אייך פאַר דעם וואָס אונדז איז אויסגעקומען אַריבערצוטראָגן.

דער אַפּאַראַט צו פאָרשן פּאָליטישע אַרעסטאַנטן איז געלעגן אין די הענט פון דער נקוו"ד. בעת איינעם פון די ערשטע אויספרעגן, ווען דער לייטענאַנט סידאָרענקאָ האָט לעאָנען געפרעגט וועגן זיין בירגערשאַפט, האָט לעאָן דערקלערט, אַז ער איז אַ פּוילישער בירגער. איז סידאָרענקאָ געוואָרן אויפגעקאָכט: „קיין פּוילן איז ניטאָ און ס'וועט ניט זיין". האָט לעאָן נאָך אַ ווילע פאַרטראַכטן זיך אָנגעשריבן: בירגערשאַפט — געוועזענע פּוילישע.

דער דאָזיקער שמועס איז געוואָרן דער באַזיס פאַר אַ גאַנצער ריי דיאַלאָגן. ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז לעאָן האָט געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי אין די יאָרן 1920—1922, האָט דער אויספאָרשונג־ריכטער געזאָגט: „איר האָט געקעמפט קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און איר וועט פאַר דעם באַצאָלן". האָט זיך באַקומען אַזאַ דיאַלאָג:

לעאָן: איך האָב געדינט אין דער אַרמיי ווי אַ בירגער פון אַ מלוכה, מיט וועלכער איר האָט נאָך דער מלחמה (פון 1920) געשלאָסן אַן אָפּמאַך און אַפילו אַ ניט־אַגרעסיע־פּאַקט.

ריכטער: אָפּמאַכן מיט קאַפּיטאַליסטישע מלוכות זיינען אונדז צו גאָר־

ניט מחייב. קיין פשוטע זעלנער וועלן מיר ניט אָנרירן, אָבער אָפיצירן האָבן מיר ניט בדעה צו פאַרגעבן.

לעאָן: אָבער איך בין דאָך ניט געווען קיין אָפיציר, נאָר אַ געוויינ־לעכער זעלנער...

ריכטער: מיר ווייסן, אַז איר זייט געווען אַ טוער אין בונד, און דאָס איז נאָך אַ גרעסערער פאַרברעכן.

אָן אַנדערש מאָל איז געקומען צו רייד וועגן דעם ריבענטראָפּ־מאָ־לאָטאָוו־פּאַקט, און דער אויספאָרשונג־ריכטער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט לעאָנס מיינונג וועגן דעם ענין. איז דער שמועס געווען אַזאַ:

לעאָן: איך מיין, אַז אייער מאַכט האָט באַשלאָסן אויסצוניצן די סיטואַציע: די ענגלענדער און די דייטשן וועלן אָפּגיין מיט בלוט, און דערנאָך וועט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט אַ גרויסער אַרמיי אַריין אין בערלין.

ריכטער: יאָ, יאָ, אמת. איר פאַרשטייט טאַקע דעם ענין.

לעאָן: אָבער אויב היטלער וועט אויף אייך אָנפאַלן, וואָס וועט דע־מאָלט זיין?

ריכטער: דאָס וועט ניט געשען! ער וועט זיך ניט דערוועגן! מיר וועלן אים פריער אַטאַקירן.

טייל אויספרעגן האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף — זיי פלעגן דויערן פון 10 אַ זייגער אין אָוונט ביז פינף פאַרטאָג. די אויספאָרשונג־ריכ־טערס האָט אויפגערעגט די איינגעשפאַרטקייט פון דעם אַרעסטאַנט; ער האָט כסדר איבערגעחזרט, אַז ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער בונ־דישער אָרגאַניזאַציע; ער האָט אפילו ניט פאַרבאָרגן פון זיי, אַז ער איז געווען וויצע־פאַרזיצער פון דער „צוקונפט". אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט „מודה צו זיין זיך" אין קאָנטערררעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. איין אויספאָרשונג־ריכטער, ווען ער האָט ניט געקענט פון לעאָנען אַרויס־קריגן דעם ענטפער, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, האָט ער מיט פאַרקריצטע ציין ביז אַרויסגעברומט: פאַר אייער איינגעשפאַרטקייט וועט איר נאָך טייער באַצאָלן.

נאָך עטלעכע אויספרעגן האָט לעאָן אָלער געפאָדערט, מען זאָל אים געבן פּאַפּיר און אַ פעדער, און ער האָט אָנגעשריבן צוויי פּראָטעסטן — איינעם צום יוסטיץ־קאָמיסאַר פון דער ליטווישער סאָוועטישער רע־פּובליק, און אַ צווייטן צום גענעראַל־פּראָקוראָר. דער אויספאָרשונג־ריכ־טער האָט זיך אָפּגעזאָגט איבערצוגעבן די בריוו צו די אַדרעסאַטן. ער איז געווען זיכער, אַז דער דאָזיקער אַרעסטאַנט קלערט נאָר וועגן דעם ווי אַזוי צו אַנטלויפן קיין אַמעריקע, צו פאַרשוואַרצן דאָרטן דאָס פּנים פון סאָוועטן־רוסלאַנד. לעאָן אָלער האָט אַלץ געפאָדערט, מען זאָל אים באַפרייען, און אַז מען זאָל אים, אין הסכם מיט דער סאָוועטישער קאָנ־

סטיטוציע, געבן אַזיל־רעכט ווי אַ פּאָליטישן עמיגראַנט, וואָס איז אַנט־לאָפן פון די נאַציס. האָט אים דער אויספאָרשונג־ריכטער געמאָלדן, אַז אַזיל־רעכט קריגן נאָר קאָמוניסטן; און ער האָט דעם אַרעסטאַנט דערמאָנט, אַז ער ווערט באַשולדיקט אין קאָנטררעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. האָט לעאָן אָלער געטענהט, אַז אויף דער טעריטאָריע פון ראַטן־פאַרבאַנד האָט ער צו קיין שום פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע ניט געהערט, און אַז לויטן סאָוועטישן געזעץ קען מען אים ניט צוציען צו פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר טעטיקייט אין אַן אַנדער מלוכה. דאָס פאַררופן זיך אויפן סאָוועטישן געזעץ איז דעם אויספאָרשונג־ריכטער אויסגעקומען קאָמיש: נו, אָט האָט איר אַן אינטעליגענטן מענטשן, אַן אַנגעלייענטן, און ער האַלט זיך נאָך פאַר אַ מאַרקסיסט אויך, אָבער ער ווייסט ניט דעם פּשוטסטן כּלל, אַז אַ געזעץ איז ווי אַ געשפּאַן, וואוהין מען קע־רעוועט אים, דאָרטן גייט ער.

עס האָבן לעאָנען אויסגעפרעגט פאַרשיידענע ענקאַוועדיסטן, נאָר צום סוף האָט זיין ענין איבערגענומען אין פּערזאָן — דער קאַפּיטאַן אַבראַ־מאָוויטש. פון די שמועסן מיט אים האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ היסטאָריקער, און זיין ספּעציאַליטעט איז געשיכטע פון מאַרקסיזם. ווען ער פלעגט זיך טייל מאָל כאַפּן, אַז לעאָנען איז טרוקן אין האַלדז, אַז אים איז שוין שווער צו רעדן, פלעגט ער אים אָנגיסן אַ גלאָז וואַ־סער פון זיין קרוג. און פון דעסטוועגן האָט דער טאָן פון זיינע רייד ניט אָנגעזאָגט קיין פריינדלעכקייט צום אַרעסטאַנט. ווען לעאָן פלעגט זיך פאַררופן אויף די קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס, האָט דער ריכטער מיט אים געלערנט, אַז דאָס איינציקע געזעץ וואָס איז דאָ חל, איז דאָס ווויל פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; אַז אויב מען דאַרף אַרויסקריגן פון אַן אַרעס־טאַנט אַן אונטערשריפט, האָט די אויספאָרשונג־מאַכט דאָס רעכט אָראָפּ־צוציען פונעם אַרעסטאַנט ניט איין הויט, נאָר גאַנצע זיבן. צווישן די מיטאַרבעטערס פון דער נקוו״ד — האָט ער דערקלערט — געפינט זיך אַ געוועזענער מיטגליד פון דעם פּוילישן אויסשפּיר־דינסט, איז ער זיך גרייט מודה צו זיין אין אַלעם, וואָס מען פאָדערט פון אים.

ווען די אויספאָרשונג האָט זיך פאַרענדיקט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען באַשולדיקט לעאָן אָלערן אין געהערן צום בונד, און אין קאָנ־טררעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. זיין ענין איז אַריבער צו דער א״ג „טרויקע״ (׳דריילינג׳) וואָס האָט, הינטער די אויגן פונעם אַרעסטאַנט, געזאָלט אַרויסגעבן אַן אורטייל. דעם אורטייל האָט מען איבערגעגעבן דעם 15טן מערץ, 1941, דריי אַזייגער פאַרטאָג: אַכט יאָר אין אַן אויס־בעסערונג־אַרבעט־לאַגער. לעאָן איז געוואָרן אויפגעבראַכט צוליבן שטרענגן אורטייל; האָט דער אויספאָרשונג־ריכטער אים געזאָגט: ס׳איז ניט קיין

אומגליק. אַרבעט בעסערט אויס. איר וועט אָפּאַרבעטן [די אַכט יאָר] לטובת דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און דערנאָך וועט מען אייך באַפרייען.

נאָכן מעלדן די אַרעסטאַנטן זייער אורטייל, האָט מען די פאַרמשפּטע אויף פאַרשיקט צו ווערן אין אַ לאַגער, אַריבערגעפירט אין דעם קעלער פון תפיסה־בנין. דאָרט האָט מען זיי געהאַלטן ביזן 15טן יוני, ווען מען האָט געדאַרפט עוואַקואירן די תפיסה. פאַר דער פאַרשיקונג האָט מען דערלויבט געזעגענונג־וויזיטן מיט קרובים און פריינד. צו לעאָנען איז מיט אַ וויזיט געקומען די בעל־הביתטע פון זיין קוואַרטיר, וואו ער האָט געוואוינט ביזן אַרעסט; זי האָט אים געבראַכט ניט בלויז וואַרעמע וועש און עסן, נאָר אויך אַ פרייידיקע ידיעה, אַז זיינע חברים האָבן געהאָלפן זיין פרוי און קינדער אַוועקצופאָרן קיין אַמעריקע, און אַז אַ טעלעגראַם פון וולאַדיוואָסטאָק האָט געלאָזט וויסן, אַז זיי זיינען בשלום אָנגעקומען אין דער דאָזיקער גרענעץ־שטאָט.

דער תפיסה־דאָקטאָר, אַ פוילישער קאָמוניסט, ווען ער האָט זיך דער־וואוסט, אַז לעאָן איז אַ מיטגליד פון אַ סאָציאַליסטישער פאַרטיי, האָט ער זיך באַמיט אים צוצושטעלן צו דער סאַמע לעצטער גרופּע פאַרשיקטע: איר וועט נאָך באַוויזן אָנצוקומען אין לאַגער — האָט ער געזאָגט — ניטאָ זיך וואָס צו יאָגן. צוליב דעם האָט זיך לעאָנען איינגעגעבן צו פאַר־בלייבן אין תפיסה ביזן לעצטן מאָמענט פון דער עוואַקואַציע. אין זיינע זכרונות פון יענעם פעריאָד, וואָס ער האָט שוין אָנגעשריבן אויף דער פריי, זאָגט לעאָן: „אויב איך בין געבליבן לעבן, האָב איך דאָס אין אַ געוויסער מאָס צו פאַרדאַנקען יענעם דאָקטאָר". ס׳גייט אין דעם וואָס די ערשטע טראַנספּאָרטן פאַרשיקטע, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרייַן אָנהייב אַפּריל, זיינען אָנגעקומען אינעם לאַגער וואָרקוטאַ אין דער צייט פון ברענענדיקע פראָסט און שניי־שטורעמס; טייל פאַרשיקטע האָבן דעם שווערן קלימאַט ניט אויסגעהאַלטן.

די אַרעסטאַנטן האָט מען געפירט אין אָנגעפּראַפּטע משא־וואַגאָנעס אין אַ פאַרשטיקטער פאַרעיפּושטער לופט; די קליינינקע פענצטערלעך זיינען געווען פאַרהאַקט, און אַרויסגייען פון די וואַגאָנעס האָט מען ניט דער־לויבט. דאָס עסן האָט זיך מיט קיין פאַרשיידנקייט ניט אויסגעצייכנט: ברויט און געזאַלצענע פיש, וואָס מען האָט פאַרטרונקען מיט קאַלטן וואַ־סער. ס׳זיינען געווען אַ היפּש ביסל קראַנקע אויף דעזינטעריע.

אויפן וועג צום לאַגער, ביים אָנקומען אין דער רעפּובליק קאָמי, האָבן די אַרעסטאַנטן, אָפּגעריסענע פון דער וועלט, זיך דערוואוסט, אַז דאָס דייַ־טשע מיליטער איז אַריבער דעם רוסישן גרענעץ. ווען זיי זיינען נאָך דער צוויי־וואָכיקער נסיעה אַרויס אויף דער פרישער לופט, האָבן זיי זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס ווי שיכורע. מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין רייען, און אונטערן קאָרדאָן פון אַ באַוואָפנטער וואַך, האָבן זיי שלעפּנדיק זייערע

שווערע זעק, זיך געלאָזן צו דער שיף. אויסגעמאַטערטע, קוים שלעפּנדיק די פיס, האָבן זיי אַרויסגערופן רחמנות אפילו ביי זייערע היטערס: אַ זעלנער וואָס האָט מאַרשירט ביי לעאָנס זייט האָט גענומען ביי אים זיין שווער זעקל און עס פאַרוואָרפן צו זיך אויף דער פּלייצע.

ביים ברעג פון דער פּעטשאָרע האָט אויף די אַרעסטאַנטן געוואַרט די שווימענדיקע תפיסה — אַ ריזיקע שלעפּשיף, אָנגעפּאַקט מיט מענטשן פון פאַרשיידענע שטאַנדן און נאַציאָנאַליטעטן. אויף דער דאָזיקער שיף, וואָס איז פּאַמעלעך געשוואומען איבער דער ברייטער פיל־וואַסערדיקער פּעטשאָרע, האָט זיך לעאָן באַגעגנט מיט אַ נייעם עלעמענט אַרעסטאַנטן — אמתע באַנדיטן וואָס האָבן אָן בושה טעראָריזירט זייערע שכנים. ס'איז איבעריך אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ שטיקל צייט אין קאַרצער; מען האָט אים באַשטראָפט פאַר איינשטעלן זיך פאַר אַן אַלטן מאַן, וואָס די קרימינעלע אַרעסטאַנטן זיינען באַפאַלן. מיט דער שיף האָט אָנגעפירט אַ געקליבענע אַדמיניסטראַציע פון די אַרעסטאַנטן גופא, אָבער אין איר פלעגן אַריינגיין נאָר די „ביטאָוויקי״ („שטייגערניקעס״) — ד״ה קרימינעלע פאַרברעכערס. דאָס פּיליאַרקע פאַרברענגען אין תפיסות און לאַגערן האָט ביי די דאָזיקע מענטשן פאַרשטאַרקט זייערע פאַרברעכערישע נטיות, און זייער פיזישע גבורה האָט געהאַלטן אין מורא די אַרומיקע. אין מיטן נאַכט פלעגט זיך לעאָן אויפכאַפּן פון די שיכורע קולות און פון די געשרייען פון די צעשלאָגענע. אָט די אימהדיקע שווימענדיקע תפיסה איז געווען די פאָדער־שטוב צו אַ צווייטן ניט ווייניקער אימהדיקן גיהנום — זיי זיינען געשוואומען קיין וואָרקוטאַ.

## די וואָגל־תקופה

איצט איז געקומען אַ נייער עטאַפּ אין לעאָן אָלערס לעבן — דער שרעקלעכער לאַגער. דאָרט האָט אויף אים געוואַרט שווערע אַרבעט איבער זיינע כוחות: האַקן ביימער אין וואַלד. דאָס כראָנישע ניט־דערעסן, די פולשטענדיקע אָפּגעריסנקייט פון אַלעם, מיט וואָס ער האָט ביז איצט געלעבט, האָבן געפּייניקט; ס'האָט זיך קוים געגלייבט, ס'וועלן אים קלעקן כוחות אויסצוהאַלטן די צייט ביזן סוף פון זיין אורטייל.*

* שפּעטער, ווען לעאָן איז שוין געווען אין לאָנדאָן, האָט ער באַשריבן זיינע איבערלעבונגען אין דער ווילנער תפיסה און אין דעם לאַגער וואָרקוטאַ. די זכרונות וועגן דער תפיסה האָבן זיך אָפּגעזוכט און זיינען געוואָרן אויסגענוצט ווי מאַטעריאַל פאַר דעם קאַפּיטל „אינעם כאַאָס פון דער מלחמה״; זיינע פאַרצייכענונגען וועגן דעם וואָרקוטאַ־לאַגער, וואָס זיינען געבליבן אינעם אַרכיוו פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג, איז ניט געראָטן אָפּצוזוכן. דער דאָזיקער פאַקט דערקלערט דעם בלויז אין לעאָנס ביאָגראַפיע שייך צו דעם וואָרקוטאַ־פּעריאָד.

סוף יוני 1941, ווען צו די אַרעסטאַנטן אויפן וועג קיין וואָרקוטאַ, האָט זיך דערטראָגן די ידיעה, אַז די דייטשע אַרמיי איז באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז קיינעם פון זיי גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז אָט דער אומדריי פונעם ראָד פון דער געשיכטע, קען אויך משפיע זיין זייער גורל. אָבער אין רעזולטאַט פון דעם אומגעריכטן דייטשן אָנפאַל אויף רוסלאַנד האָט זיך די פּאָליטישע סיטואַציע אין מזרח־אייראָפּע שטאַרק געביטן. יולי 1941 האָט די סאָוועטישע רעגירונג געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער פּוילישער שיקאָרסקי־רעגירונג וועגן צוזאַמענאַרבעט אין דער צייט פון דער מלחמה. איינער פון די פּונקטן אינעם אָפּמאַך איז געווען אַ גאַראַנטיע מצד דער סאָוועטישער רעגירונג צו באַפרייען פון די תּפיסות און לאַגערן אַלע פּוילישע בירגער, וואָס זענען זינט סעפּטעמבער 1939 אַרעסטירט געוואָרן אויף דער סאָוועטיש־אָקופּירטער טעריטאָריע. פּראָפ׳ סטאַניסלאַוו קאָט, דער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס האָט אויף גיך צונויפגעשטעלט זיין אַפּאַראַט און האָט אים פון מאָסקווע אַריבערגעפירט קיין קויבישעוו, האָט געהאַלטן, אַז די רעאַליזירונג פון דעם פּונקט איז איינער פון די וויכטיקסטע אַספּעקטן פון דעם אָפּמאַך, און איינע פון זיינע וויכטיקסטע עובדות.

צווישן די אַרעסטאַנטן, וואָס מען האָט געזאָלט באַפרייען, זיינען געווען אַ שפּאָר ביסל פּוילישע בונדיסטן. צווישן די ערשטע, וואָס מען האָט באַפרייט, זיינען געווען הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, וואָס זייער פריערדיקער טויט־אורטייל האָט מען דעמאָלט געהאַט פאַרביטן אויף צען יאָר תּפיסה. נאָך זייער באַפרייאונג האָבן זיי גענומען ענערגיש פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל באַפרייען די אַנדערע חברים. צווישן די ערשטע, וואָס מען האָט באַפרייט אויף ערליכס און אַלטערס אינטערווענץ, איז געווען אויך לעאָן אָלער, אָבער קיין קויבישעוו איז לעאָן אָנגעקומען ערשט סוף אָקטאָבער.

די אומגעווייגלעכע סיטואַציע האָט אים צערודערט. די קליינע פּראָווינציעלע שטאָט קויבישעוו איז אומגעריכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן צענטער, וואוהין עס האָבן כלערליי מינים געפאַנגענשאַפט גענומען שטראָמען מענטשן וואָס האָבן אויסגעזען ווי געקומענע פון יענער וועלט. זיי זיינען שיכור געוואָרן פון דער לופט פון אומגעריכטער פרייהייט. לעאָן איז ספּעציעל געווען גערירט פון זיין באַגעגעניש מיט ערליכן און אַלטערן: ס׳האָט אים אויסגעזען אומגלויבלעך די אומגעווייגלעכע קאָכיקע ענערגיע און די געוואַלדיקע אַרבעט־פעאיקייט פון די צוויי מענטשן וואָס זיינען אָקאָרשט געהאַט אַרויס פון אַ טויט־קאַמער. זייער ענערגיע האָט אויך אים מיטגעריסן. אין דעם קליינעם צימער, וואו זיי האָבן געוואוינט און וואָס זיי האָבן אָפט געטיילט מיט אַנדערע חברים — אין דעם באַשיידענעם פּראָווינציעלן האָטעל

האָבן ניט געקלעקט קיין צימערן — זיינען כסדר פאָרגעקומען באַראַטונ־גען און דיסקוסיעס: מען האָט תיכף געמוזט באַהאַנדלען די פּראָבלע־מען, וואָס די מלחמה האָט איצט אַוועקגעשטעלט פאַר פּוילן, פאַר איי־ראָפּע, פאַר די פּוילישע און אייראָפּעישע יידן. טייל מאָל פלעגט זיך לעאָנען איינגעבן צו מאַכן קורצע נאָטיצן, פאַרצייכענען אויף פּאַפּיר פּראָיעקטן פון טעזיסן און רעזאָלוציעס.

אין די שעהן, ווען ער איז ניט געווען מיט די חברים, פלעגט זיך לעאָן אין געדאַנק אַ קער טאָן צו זיין משפּחה, וואָס די מלחמה האָט אים מיט איר צעשיידט. ער האָט געוואוסט, אַז די פרוי און די טעכ־טערלעך, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם לאַנגן וועג פון ווילנע דורך יאַ־פּאַן קיין קאַנאַדע, זיינען ניט אויסגעשטעלט אויף קיין מלחמה־סכנה, אָבער די בענקשאַפט נאָך זיי איז פון דעם ניט קלענער געוואָרן. די יאָרן צעשיידונג האָבן זיך אים אויסגעוויזן ווי יאָרצענדליקער. די מעג־לעכקייטן צו קאָרעספּאָנדירן זיינען געווען באַגרענעצט; די בריוו זיינען געגאַנגען מיט דער דיפּלאָמאַטישער פּאָסט. נאָך אַ שטיקל צייט זיין אין קויבישעוו, פאַרשרייבט לעאָן:

„שוין איבער אַ מאָנאַט, ווי איך בין צוריק אַ פרייער מענטש — אַ פולבאַרעכטיקטער בירגער פון דער פּוילישער רעפּובליק... איך בין פולשטענדיק געזונט און אַרבעט־פעאיק, און איך האָף צו באַקומען אַרבעט וואָס זאָל זיין נוצלעך סיי דעם אַנטי־היטלער קאַמף סיי דער פּליטים־מאַסע. איך האָב זיך דאָ צוזאַמענגעטראָפן מיט מיינע נאָ־ענטסטע פריינד.“

אומגעריכט האָבן זיך איבערגעריסן די חברישע שמועסן און באַראַ־טונגען אין דעם קויבישעווער האָטעל: אָנהייב דעצעמבער 1941 זיינען ערליך און אַלטער אַרעסטירט געוואָרן פון דאָס ניי. זייער אַרעסט האָט אויפגעטרייסלט די פּוילישע קאָלאָניע. מענטשן האָבן זיך באַמיט ניט אונטער־צוגעבן זיך די פינצטערע פאַרגעפילן, אָבער אַ שוואַרצער וואָלקן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבערן לעבן פון די פּליטים, וואָס דער מלחמה־שטורעם האָט פאַרטראָגן אין דער דאָזיקער מלחמה־הויפּטשטאָט. דער אומ־רו האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט צוליב די ידיעות פונעם פראָנט; ס׳איז צוגעקומען אַ געפיל, אַז קויבישעוו איז נאָר אַ צייטווייליקע אָפּשטעל־סטאַנציע. ווען ס׳האָט זיך גענומען פאָרמירן די פּוילישע אַרמיי, האָט לעאָן באַשלאָסן ווידער צו ווערן אַ זעלנער — צום דריטן מאָל אין זיין לעבן.

דער שטאָב פון דער פּוילישער אַרמיי האָט זיך געפונען אין בוזולוק ביי דער וואָלגע. אַהער האָבן פון אַלע זייטן גענומען שטראָמען היימלאָזע פּוילישע פּליטים, כדי זיך צו רעגיסטרירן אין דער פּוילישער אַרמיי. צווישן

זיי זיינען געווען אַ שפּאָר ביסל יידן, אָבער די יידישע פּריווילֶיקע האָבן זיך גאָר גיך איבערגעצייגט, אַז זיי רעגיסטרירט מען זייער ניט גערן, און אַז אין די מיליטערישע קרייזן פילט מען שטאַרק די אַנטיסעמיטישע שטימונגען. דער אַנטיסעמיטיזם דאָ האָט זיך אַזוי שטאַרק אָנגעזען, אַז דער הויפּט פון דער פּוילישער רעגירונג, שיקאָרסקי האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אויפצופאָדערן די מיליטערישע קאָמאַנדירן, זיי זאָלן אָננעמען ענער־גישע מיטלען קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין דער אַרמיי. אין אַ געהיימען צירקולאַר, וואָס מען האָט צעשיקט אין די פּאָלקן, האָט דער גענעראַל אַנדערס, דער שעף פון דער פּוילישער אַרמיי אין מיטל־אַזיע, רעקאָמענדירט די קאָמאַנדירן, אַז זיי זאָלן אויסמיידן עפנטלעכע אַרויסווייזן פון אַנטיסעמיטיזם צוליב דעם מיליטערישן אָפּמאַך מיט ענג־לאַנד; ער האָט געטרייסט זיינע מיטאַרבעטערס מיט דער האָפענונג, אַז אינעם נאָכמלחמהדיקן פּוילן וועט מען זיך קענען אָפּרעכענען מיט די יידן וואָס האָבן כלומרשט געגעבן הילף די קאָמוניסטן.

פעברואַר 1942 איז לעאָן אַוועקגעפאָרן אין מיטל־אַזיע, און דאָרטן האָט ער אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין דער דעלעגאַטור פון דער פּוי־לישער אַמבאַסאַדע אין אַנדיזשאַן; שפּעטער האָט מען אים באַשטימט פאַר אַ סאַניטאַר אין איינעם פון די פּאָלקן פון דער זיבעטער דיוויזיע, וואָס האָט זיך געפונען אינעם געגנט פון בוכאַראַ. אין בוכאַראַ האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיין לאַנגיאָריקן חבר פּרץ גוטערמאַן וואָס איז געווען זיין שכן אין דער ווילנער תפיסה, אים האָט מען אויך געהאַט פאַרשיקט, און נאָך דער באַפרייאונג איז ער אויך אַריינגעטראָטן אין דער אַרמיי.

די פּוילישע אַרמיי־טיילן זיינען ניט אויף לאַנג געבליבן אין אוזבע־קיסטאַן; דער גענעראַל אַנדערס האָט זיך געאיילט זיי אַרויסצופירן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די שכנישע איראַק און איראַן. ווי נאָר דער דאָ־זיקער פּלאַן איז רעאַליזירט געוואָרן האָט דער שטאָב איינגעשטעלט אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן; לעאָן אַלערן האָט זיך איינגעגעבן איינצושטעלן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט אַרטור זיגעלבוימען, דעם פאַרשטייער פון בונד אינעם פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט. דאָס האָט אים געהאָלפן אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט זיין משפחה, וואָס איז שוין צו יענער צייט געזעסן אין קאַנאַדע, אין דער שטאָט מאָנ־טרעאָל. אַרטור זיגעלבוים האָט געלעבט ווי אין אַ פיבער; איבערגעלאָדן מיט פאַרשיידענע התחייבותן, צעבראָכן צוליב די שוידערלעכע ידיעות פון פּוילן; פון דעסטוועגן האָט ער געפונען צייט אויף אַ כסדרדיקער קאָרעספּאָנדענץ מיט ליאָניע אַלער, און אין אַלע בריוו איר פאַרזיכערט, אַז לעאָן געפינט זיך אויף אַ זיכער אָרט, און אַז עס ווערן געמאַכט באַ־מיאונגען צו ברענגען אים קיין לאָנדאָן. אָקטאָבער 1942 האָט אַרטור צו וויסן געגעבן, אַז לעאָן וועט האָבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן פון איראַן

מיט איינעם פון די ערשטע טראַנספּאָרטן. דער מאַרשרוט מיטן טראַנס־פּאָרט איז געווען זייער אַ קאָמפּליצירטער, אַזוי אַז ערשט אין מערץ 1943 האָט זיך לעאָן דערקליבן פון מיזרח קיין לאָנדאָן, צו דער ריזיקער מערב־דיקער שטאָט וואָס האָט מיט אויסערגעוויינלעכער פעסטקייט דורכגעטראָגן די רוצחישע נאַצי־דייטשע באָמבאַרדירונג. באַלד נאָכן אָנקומען אין לאָנ־דאָן איז לעאָן אַלער אַריין אין באַשטאַנד פון דער לאָנדאָנער דעלעגאַציע פון בונד, וואו ס׳זיינען דעמאָלט געווען אויך אַרטור זיגעלבוים און לוציאַן בליט. אין קורצן איז פון דעם אַרמיי־שטאַב אין איראַן אָנגעקומען אַ מעלדונג, אַז לעאָן אַלער ווערט אָפיציעל באַפרייט פון מיליטער־דינסט.

ווי אומהיימלעך ס׳זאָל ניט האָבן געווען די סיטואַציע פון דער שטאָט לאָנדאָן אונטער דער כסדרדיקער באָמבאַרדירונג, האָט דאָ לעאָן צום ערשטן מאָל נאָך אַ לאַנגן איבעררייס דערפילט אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס. ער האָט אין לאָנדאָן געטראָפן אַ קליינע גרופּע פריינט און חברים פון דער אָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאַציע; זיי אַלעמען פּאַראייניקט שות־פותדיקע איבערלעבונגען — די באָמבעס, וואָס פלעגן צעשטערן און הר־געענען אַ גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג, האָבן זיי ניט פאַרטויבט די קולות פון די צעבלוטיקטע, פאַרפייניקטע יידישע געטאָס אין פּוילן. די פּוילישע גלות־רעגירונג האָט געהאַט אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיטן פּוילישן אונטערערד, וואָס האָט איינעם היימלאַנד געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף מיטן אָקופּאַנט; דורך די געהיימע וועגן פון די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס פלעגן אָנקומען ידיעות וועגן דעם וואָס ס׳געשעט אין דער היים, און צום שרעקלעכסטן זיינען געווען די ידיעות וועגן דעם וואָס ס׳געשעט מיט די פּוילישע יידן.

דעם 6טן מאַי 1943 שרייבט לעאָן אַלער צו זיין פרוי: „אונדזער דע־לעגאַציע פאַרמאָגט דעם רייכסטן מאַטעריאַל, אַ שרעקלעכן, מיט בלוט פאַר־גאָסענעם מאַטעריאַל. נאָכן איבערלייענען עטלעכע באַריכטן וועגן דעם וואָס די באַסטיאַליש חיה טוט מיט יידן, קען מען משוגע ווערן, דאָס לעבן ווערט נימאס... ס׳קומען אום אונדזערע נאָענטסטע, די בעסטע, ס׳גייט אונטער אַ גאַנץ פאָלק. די געבליבענע רעשטלעך רופן נאָך הילף, זיי פאָדערן פון אונדז הילף, זיי פאָדערן מיר זאָלן אויפרודערן די וועלט...״

די טראַגעדיע, וואָס עס האָבן איבערגעלעבט די לאָנדאָנער בונדיסטן, איז אַלץ טיפער געוואָרן וואָס שטילער עס זיינען געוואָרן די שטימען פונעם אונטערגייענדיקן געטאָ. אין יאָרן אַרום, אין אַן אַרטיקל צום אָנדענק פון אַרטור זיגעלבוימען, האָט לעאָן וועגן דעם געשריבן:

„די ידיעות פון פּוילן, די מיט אַזוי פיל אַנגסט דערוואַר־טעטע בריוו און דאָקומענטן פון דער בונדישער אונטערער־דישער באַוועגונג האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּעטיקן... די קורירערן פונעם אונטערערדישן פּוילן — וואָס פלעגן ברענ־

געגן מיט זיך די ידיעות פון דער צעפייניקטער היים... זיינען געווען די איינציקע וואָס האָבן געפירט מיט זיך דעם רוף און די בשורה פון דאָרטן. אָבער אידער דאָס, וואָס ס'איז געשריבן און געזאָגט געוואָרן צום שליח פון „בונד" אין לאָנדאָן, האָט געקענט צו אים דערגיין, האָט עס פריער געמוזט דורכגיין... די אָפיציעלע צענזור פון דער פוילישער רעגירונג. און די דאָזיקע צענזור האָט געהאַט אירע אייגענע אויסרעכענונגען... דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט געהאַט אַן אינטערעס אין פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם פוילישן אונטערערדישן קאַמף, אָבער נישט פאַר דעם יידישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז געווען דער ערשטער באַוואָפנטער אויפשטאַנד אין דער נאַצי־אָקופּירטער אייראָפּע." (אונזער צייט, נ' 4־5, 1952.)

קיינער האָט אַזוי וויטאָגדיק ניט איבערגעלעבט דאָס וואָס ס'איז געשען ווי אַרטור זיגעלבוים, דער דירעקטער אַדרעסאַט פון דעם יידישן אַנטי־נאַצי ווידערשטאַנד. און סוף־כל־סוף האָט אים דאָס געפיל פון פולשטענדיקער הילפלאָזיקייט דערפירט צו זיין מאַרטירערישער טאַט.

זיין טויט האָט, מיט אַ באַזונדער וויטאָג אָפּגעקלונגען אין די הערצער פון זיינע נאָענטסטע חברים. לעאָן אָלער האָט אַ פּאַרלוירענער זיך אַרומגעדרייט איבער די לאָנדאָנער גאַסן. ס'האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די הענט; און ס'האָט אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון האָפענונגסלאָזיקייט. ער האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט זייער צוגעבונדן צו אַרטורן ווי צו אַן אייגענעם, צו אַ משפחה־מיטגליד. זיי פלעגן יעדן טאָג פאַרברענגען לאַנגע שעהן צוזאַמען, און זיי האָבן זיך אויסגעלערנט פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן אפילו אָן ווערטער. ביי אַרטורס פרישן קבר האָט לעאָן געזאָגט: „דער חבר אַרטור האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן, וואָס מען האָט דעם רוף נאָך הילף אויפגענומען מיט שווייגן. ער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן, כדי אויפצורודערן דאָס געוויסן פון דער וועלט. זיין טויט רופט: ראַטעוועט די איבערגעבליבענע... מיר געזעגענען זיך ניט מיט אים, ווייל געזעגענען וואָלט געמיינט פאַרגעסן. מיר ווילן ניט, מיר קענען ניט פאַרגעסן. מיר ווילן ניט קיין שטילקייט איבער זיין קבר."

פון דער געטאָ איז געוואָרן אַש. פאַר דער בונדישער דעלעגאַציע איז געשטאַנען די אויפגאַבע צו העלפן די וואָס האָבן זיך געראַטעוועט. אָבער דאָס איז ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג. אַרטור זיגעלבוימס אָרט אין דעם פוילישן נאַציאָנאַל־ראַט האָט איצט פאַרנומען עמנואל שערער. אין איינעם פון זיינע בריוו צו דער פרוי זיינער שרייבט לעאָן אָלער:

„מיר טרעפן זיך אַלע טאָג און מיר רעדן אַרום די

ענינים וועלכע פליסן אַרויס דאָ אויפן אָרט, פון דער קאָרעספּאָנדענץ פון ניו־יאָרק, אָדער פון פּאַלעסטינע. דאַן... רעדאַגירן מיר צוזאַמען געוויסע מעמאָריאַלן צו דער רעגירונג אָדער ווענדונגען, אָדער גייען אַלס דעלעגאַציע אויף קאָנפערענצן".

זייער קאָמפּליצירט זיינען געווען די באַציאונגען מיט די פּוילישע רעגירונגס־קרייזן. דער בונד איז פון סאַמע אָנהייב מלחמה געווען קעגן פּאָליטישער צוזאַמענאַרבעט פון די סאָציאַליסטן מיט די רעאַקציאָנערן, די „ענדעקעס", ער האָט געהאַלטן פאַר אַ גרויסן פעלער, וואָס די פּוילישע סאָציאַליסטן באַטייליקן זיך אין לאָנדאָן אין אַ קאָאַליציע־רעגירונג מיט „ענדעקעס", און די אונטערערדישע קאָאַליציע־רעגירונג אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן איז געווען געבויט אויפן זעלבן יסוד. אין דעצעמבער 1944 איז די לאָנדאָנער רעגירונג (דעמאָלט אונטער דעם פּויערים־פירער מיקאָלייטשיק אַלס פּרעמיער) געפאַלן. אין דער נייער רעגירונג, וואָס איר פּרעמיער איז געוואָרן דער סאָציאַליסט אַרטשישעווסקי, האָבן די רעכטע פּאַרטייען, וואָס האָבן אינעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן געפירט אַ רעאַקציאָנערע פּאָליטיק געדיכט באַפּאַרבט מיט אַנטיסעמיטיזם, פאַרשטאַרקט זייער השפעה. אַ לייטאַרטיקל אין אונזער צייט כאַראַקטעריזירט אַזוי די פּאָליטישע סיטואַציע:

„נאָך אין די צייטן פון שיקאָרסקי, נאָך אין די צייטן פון מיקאָלייטשיק איז דער בונד געווען אין שאַרפער אָפּאָזיציע צו דער גלות־רעגירונג. דער בונד האָט ניט געוואָלט אָקצעפּטירן קיין שותפות מיט די ענדעקעס — מיט רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטן. דער בונד האָט אָקצעפּטירט אַ פּלאַץ אין פּוילישן „גלות־פּאַרלאַמענט" בלויז כדי פון דאָרטן צו לאָזן הערן די שטימע פון די יידישע אַרבעטער פון דער יידישער פאָלקסמאַסע וואָס איז געפייניקט געוואָרן אין די געטאָס. די פאָרשטייער פון בונד אין פּוילישן גלות־פּאַרלאַמענט, אַרטור זיגעלבוים אין זיין צייט, און שפּעטער עמנואל שערער, האָבן פּראָטעסטירט קעגן באַשלוסן און האַנדלונגען פון דער רעגירונג און געשטימט קעגן בודזשעטן."

דאָס אַרטיקל דערקלערט, אַז נאָך דעם ווי די אַרטשישעווסקי־רעגירונג האָט פונאַנדערגעלאָזן דעם נאַציאָנאַל־ראַט:

„האָט דער בונד באַשלאָסן זיך אָפּצוגרענעצן אויפן שאַרפסטן אופן פון דער רעגירונג און זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן זיך אין וועלכער ס'איז נייער פּאַרלאַמענט־קאָמבינאַציע פון ראַטשקעוויטש־אַרטשישעווסקי. דער בונד האָט געקעמפט פאַר פאַרשטענדיקונג מיט סאָוועט־רוס־

> לאַנד. ווען די פּוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן... איז גע־בליבן בלויז אַ פּריוואַטע פּאַראייניקונג פון געוויסע פּוילישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, און וועלכער די עקסטרעמסטע רע־אַקציאָנערן דאָמינירן און גיבן איר קאָליר, האָט דער בונד געמאַכט דעם לעצטן אויספיר פון זיין אָפּאָזיציאָנעלער שטע־לונג — ער האָט אַנטשיידן אָפּגעזאָגט זיך פון אַ וועלכן ניט איז שייכות מיטן לאָנדאָנער פּוילישן צענטער". (אונזער צייט, נ' 8, 1945.)

אין אַ לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענץ צו אונזער צייט האָט לעאָן אָלער, אונטער זיין אַלטן פּסעוודאָנים פּראָבוס, געגעבן אַ גענויעם אַנאַליז פון דער פּאָליטישער סיטואַציע, וואו ער האָט שאַרף קריטיקירט די פּאָלי־טיק פון דער רעגירונג און ער האָט אָנגעוויזן אויפן וואוקס פון דער השפּעה פונעם רעכטן פליגל. די פּפּ"ס איז געווען די איינציקע פּוי־לישע פּאָליטישע פּאַרטיי מיט וועלכער דער „בונד" האָט איינגעהאַלטן אַ געזעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט, ניט געקוקט אויף די ערנסטע חילוקי־דעות צווישן זיי. אין אַ בריוו צו זיין פרוי, נאָך פון 16טן מערץ 1944, דערמאָנט לעאָן די חילוקי־דעות וואָס שייך דער קאָמפּליצירטער פּראָ־בלעם פון פּוילנס נאָכמלחמהדיקע גרענעצן:

> „מיר זאָגן אָפן, אַז דער שטרייט (וועגן די מזרח־געביטן — ס. ע.) דאַרף געלייזט ווערן דורך אַ פּלעביסציט — וואָס דאָס הייסט צו פאַרטיידיקן אַזאַ שטעלונג דאָ אין לאָנ־דאָן... אויף די קאָנפערענצן מיט פּפּ"ס... איז שווער זיך פאָרצושטעלן אין ניו־יאָרק... מיר זיינען אין אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג... — צוליב אונדזערע אייגענע סאָציאַליס־טישע מאָטיוון — פאַר דעם אָנטייל אין איר פון די ענדע־קעס. מיר טרעטן אַרויס עפנטלעך קעגן אַנטיסעמיטיזם, אפילו אַנטיסעמיטיזם אין דער אַרמיי."

די בונדישע דעלעגאַציע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי און מיט די פאָרשטייערס פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זענען געווען רעפּרעזענטירט אין לאָנ־דאָן און פלעגן אָפּהאַלטן רעגולערע צוזאַמענטרעפן. אין אַ קאָרעספּאָנ־דענץ פון לאָנדאָן דערציילט לעאָן אָלער אין אָקטאָבער־נומער פון אונזער צייט, 1944, וועגן איינער אַזאַ באַראַטונג, וואָס פירט דעם לייענער אַריין אין דער אַטמאָספער פונעם דעמאָלטיקן לעבן פון דער סאָציאַליסטישער עמיגראַציע אין לאָנדאָן.

די באַראַטונג איז צונויפגערופן געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון היוסמאַנסן, דעם סעקרעטאַר פון דעם א"ג אינטערנאַציאָנאַל, איינער פון די דעמאָלטיקע סאָציאַליסטישע קאָמיטעטן. אויף דער באַראַטונג איז דער

הויפּט־רעדנער געווען דער פאָרשטייער פון פּפּ״ס, וואָס איז נאָר וואָס געהאַט געקומען פון װאַרשע, געצייכנט דאָס בילד פון װאַרשע אין פייער פון אויפשטאַנד; אויף דער פראַגע וועגן הילף פאַר די אויפשטענדלערס האָט ער געגעבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער: מיר טוען, וואָס מיר קענען... און זיי דאַרטן וויסן דאָס...

אין שייכות מיט דעם שרייבט לעאָן אַלער:

„איך האָב אויף אַ ווײלע זיך אומגעקערט אין מײנע מחשבות צו אַ שמועס מיט אַרטורן, בעת וועלכן ער האָט מיר דערציילט... וועגן דער סביבה און שטימונג אויפן היוסמאַנס־קאָמיטעט, ווען ער האָט איבערגעגעבן וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין וואַרשע און האָט אויך געמאָנט הילף. ער האָט אָבער אפילו די קליינע סאַטיספאַקציע נישט געהאַט, אַז מען טוט וואָס מען קען. און אפשר פילט אויך היינט אַרטשישעווסקי, אין דעם 23סטן טאָג פון דעם [פּויליש] אויפשטאַנד, דאָס וואָס אַרטור האָט געפילט?״.

אין די אַרטיקלען אין אונזער צייט האָט לעאָן אַלער באַרירט פאַרשיידענע פּראָבלעמען. זיינע שטענדיקע טעמעס זיינען געווען — די פּאָליטיק פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג, די מלחמה־פּערספּעקטיוון, די טראַגעדיע פון דעם איראָפּעאישן יידנטום, פּראָבלעמען פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. אין לאָנדאָן האָט ער געהאַט אַ סך מער צייט פאַר זשורנאַליסטישער אַרבעט ווי אין די פריערדיקע צייטן אין וואַרשע. זיין ערשטע אַרבעט האָט לעאָן אָנגעשריבן אויף דער באַשטעלונג פון דעם אַרבעט־מיניסטעריום — דאָס זיינען געווען זיינע זכרונות וועגן דער ווילנער תפיסה און דעם וואָרקוטאַ־לאַגער. די צווייטע גרעסערע אַרבעט איז געווען וועגן די פּערספּעקטיוון פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין דעם נאָך־מלחמהדיקן באַפרייטן פּוילן. אין דער אַרבעט האָט לעאָן אַרויסגעזאָגט זיינע השערות אויפן סמך פון זיין פּראַקטיק אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין וואַרשע. אָקטאָבער 1943 איז לעאָן אַלער אַריין אינעם באַשטאַנד פון אָפּטייל פאַר קאָאָפּעראַטיוון ביים מיניסטעריום פאַר אינדוסטריע, און ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער אָנפירונג פונעם אָפּטייל. די אָנפירונג פונעם אָפּטייל איז געווען דורכגענומען מיטן געדאַנק, אַז אין דעם באַפרייטן, אָבער חרוב געוואָרענעם פּוילן, וועלן די קאָאָפּעראַטיסטן דאַרפן טאָן זייער אַרבעט אויף אַ ברייטן מאָסשטאַב. לעאָן פלעגט האַלטן רעפעראַטן אויף פאַרזאַמלונגען; ער פלעגט רעפערירן וועגן קאָאָפּעראַציע אויף קורסן פאַר זעלנערס פון דער פּוילישער אַרמיי וואָס פלעגן קומען אויף אורלויב קיין לאָנדאָן. אינעם אַרכיוו פון דעם אָפּטייל פאַר קאָאָפּעראַטיוון ביי דער פּוילישער גלות־רע־

גירונג האָבן זיך אויפגעהיטן קאַפּיטלען פון עטלעכע אַזעלכע רעפּעראַטן. ראָזוואַדאָווסקי, איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם אַפּטייל, כאַראַקטעריזירט די קוואַליטעט פון לעאָנס אַרבעט אַזוי: „אַ סך ענערגיע און קאָנסעקווענטער קלאַסן־שטאַנדפּונקט”.

לעאָנס לעבן אין לאָנדאָן איז באַשטאַנען פון טעג פאַרנומענע מיט כלערליי ענינים, באַגעגענישן מיט מענטשן, אָבער אין די איינזאַמע שעהען פון די נעכט זיינען אַלע געדאַנקען געווען געווענדט צו דער משפחה. ער האָט געלינדערט זיין בענקשאַפט אין אָפטע בריוו פול מיט זאָרג און צערטלעכקייט צו זיי. עס האָט אים באַאומרואיקט ליאָניעס געזונט־צושטאַנד — קיין פיזיש שטאַרקע איז זי קיין מאָל ניט געווען, און אין די מלחמה־יאָרן איז איר אויסגעקומען אַ סך אַריבערצוטראָגן; אין יעדן בריוו צו די טעכטער האָט ער זיך געבעטן ביי זיי, זיי זאָלן היטן די מאַמע און איר העלפן. זיינע מיידלעך וואָס זיינען זינט זיין צעשיידן זיך מיט זיי אויפגעוואַקסן, פאַרוואַרפט ער מיט אָנצאָליקע קשיות: ער וויל דורכאויס וויסן, ווי ס׳גייט זיי אין שול, וואָסערע לימודים ס׳אינטערעסירן זיי צום מערסטן. אים ווילט זיך גלייבן, אַז זיינע טעכטער אינטערעסירן זיך אויך מיט געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, און ער קען זיך שוין ניט דערוואַרטן אויף דער צייט, ווען ער וועט קענען מיט זיי שמועסן אויף די דאָזיקע טעמעס.

אין זיינע בריוו צו דער פרוי קערט זיך לעאָן כסדר אום צו זכרונות וועגן וואַרשע. דאָס לעבן דאָרט איז געווען ניט גרינג, פול מיט געזעלשאַפטלעכע און פּערזענלעכע זאָרגן און אומרואיקייטן, אָבער אויף יעדן טריט האָט ער געפילט, אַז זיין באַגלייטערין איז מיט אים, און דאָס האָט אים געמוטיקט. ער האָט איר פאַרטרויט זיינע געדאַנקען, זיינע ספקות; ער האָט זיך געטיילט מיט איר מיט אַלע פּרטים פון זיין אַרבעט; ער פלעגט פאַר איר לייענען זיינע אַרטיקלען איידער ער האָט זיי געגעבן צום דרוקן; און ער פלעגט זיך צוהערן צו אירע עצות, און געטרויט איר אינטואיציע. אין די בריוו פון לאָנדאָן האָט ער פונקט ווי אין די פריערדיקע יאָרן אַריינגעפירט ליאָניען אין דער ספערע פון אַלע זיינע איבערלעבונגען, זי באַקענט מיט מענטשן, וואָס דער גורל האָט אים מיט זיי צונויפגעפירט. אַ באַזונדער אָרט האָט ער אין די בריוו אָפּגעגעבן זיין פריינדשאַפט מיט אַרטור זיגעלבוימען און מיט עמנואל שערערן, וואָס איז אויפגעקומען אויפן באָדן פון שטענדיקער מיטאַרבעט. טייל מאָל שווימען אויף אין זיין זכרון און לייגן זיך אויס אויפן פּאַפּיר זכרונות וועגן די אומרואיקע טעג אין קוויבישעוו, און דעמאָלט וואַכט ווידער אויף דער אַלטער ווייטאָג צוליבן אומקום פון ערליכן און אַלטערן.

אין איינעם פון זיינע בריוו דערציילט ער אַן עפּיזאָד וואָס כאַראַקטעריזירט די שטימונגען פון דער דעמאָלטיקער פּוילישער עמיגראַציע. אין

דעם הויז פון אַ פּאָפּולערן אַדוואָקאַט איז צווישן די געסט, וואָס מען האָט געהאַט צונויפגערופן אויף „אַ פּאָליטיש גלעזל טיי", געקומען צו רייד וועגן דער לעצטער ידיעה, אַז דער פּוילישער ליטעראַרישער פּאַנד אין לאָנדאָן האָט באַשלאָסן צוצונעמען ביי יוליאַן טואווימען די סטיפּענדיע (ער איז נאָך דעמאָלט געווען אין אַמעריקע), ווייל ער האָט געביטן זיינע פּאָליטי־שע איבערצייגונגען. אַ טייל געסט האָט דאָס באַרעכטיקט; לעאָן אָלער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם. ער האָט געטענהט, אַז אַ שרייבער גיט מען אַ סטיפּענדיע פאַר זיינע ליטעראַרישע פאַרדינסטן, ניט פאַר פּאָלי־טישער אָרטאָדאָקסיע.

צו די אַרטיקלען, וואָס לעאָן אָלער פלעגט שרייבן, און וואו ער פלעגט אַנאַליזירן די פּאָליטישע לאַגע, פלעגט ער אויך שרייבן בריוו צו די פירנדיקע פּאַרטייאישע אינסטאַנצן אין ניו־יאָרק. אין איינעם פון די בריוו, געשריבן אָנהייב 1945, גיט ער צו וויסן, אַז די בונדישע דעלע־גאַציע איז געווען ביי אַרטשישעווסקין און זי האָט אים איבערגעגעבן די בונדישע שטעלונג און די פאָדערונגען בנוגע די יידן אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע. קורץ פאַר דעם האָט עמנואל שערער, אין דעם פּוילישן נאַ־ציאָנאַל־ראַט (גלות־פּאַרלאַמענט), געענטפערט אויף אַרטשישעווסקיס עקס־פּאָזע מיט אַן אָפּאָזיציאָנעלער רעדע. אין אַ בריוו דערציילט לעאָן אָלער, אַז טייל מיטגלידער פונעם פּוילישן גלות־פּאַרלאַמענט (פּויערים־פּאַרטיי) כאָטש זיי זיינען אַ רעגירונגס־פּאַרטיי, דריקן אויס סימפּאַטיע פאַר דער שטעלונג פון „בונד". אַרטשישעווסקי האָט געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט די נעגאַטיווע באַציאונג פון „בונד" צו די ענדעקעס. אַ צאָל אַנדערע האָבן דער־קלערט, אַז זיי זענען מסכים מיט שערערס אָפּאָזיציאָנעלער רעדע.

דערווייל איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ קלאָרער די עפּעמעריש־קייט פון דער גאַנצער פּוילישער גלות־פּאָליטיק. דער גורל פון פּוילן האָט זיך דעצידירט ניט אין די עמיגראַנטישע צענטערס, נאָר אויף די שלאַכט־פעלדער, וואו אונטערן דרוק פון דער סאָוועטישער אַרמיי זיינען די צעשלאָגענע דייטשע דיוויזיעס אָפּגעטראָטן מחוץ די גרענעצן פון פּוילן. דער פריידיקער הארצקלאַפּ פון מיליאָנען מענטשן האָט באַגלייט די ידי־עות וועגן צעבראָכענע רינגען פון דער קייט, מיט וועלכער דער נאַציזם האָט עטלעכע יאָר געהאַלטן איראָפּע געשמידט. די פרייד פון באַפריי־אונג האָט געהויבן די שטימונג ביי די עמיגראַנטן, אָבער פאַר די עמי־גראַנטן פון פּוילן האָט אָט די פרייד געהאַט נאָך אַ דימענסיע: דער גרוי־סער פאַרנעם פון דער אבידה, פון דעם וואָס מען האָט פאַרלוירן שוין אויף אייביק. וואַרשע, אַ באַפרייטע פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט אַנטפּלעקט אַ בילד פון אכזריותדיקער צעשטערונג; דער יידישער טייל וואַרשע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרוויסטן שטיינערנעם מידבר. פאַר מענטשן וואָס זיינען אין יענעם מאָמענט אַרויס פון זייערע באַהעלטע־

נישן, פֿאַר יענע וואָס האָבן געגומען קומען פֿון די לאַגערן, אָדער פֿאַר די וואָס זיינען געווען צעזייט איבער פֿאַרשיידענע לענדער איז געשטאַנען די פֿראַגע: וואָס וועט איצטער זיין?

אין יענע טעג האָט לעאָן געלעבט אין אַ געמיש פֿון סתירותדיקע געדאַנקען און געפֿילן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער לאָנדאָנער פּעריאָד פֿון זיין לעבן ענדיקט זיך. די בונדיסטן האָבן שוין אין לאָנדאָן ניט געהאַט וואָס צו טאָן. אויפֿן טאָג־אָרדענונג איז איצט געשטאַנען דאָס פֿאָרן קיין אַמעריקע. דאָס האָט פֿאַר לעאָנען געמיינט: דער לאַנג אויסגעבענקטער אומקער צו דער משפּחה, דער סוף פֿון וואָגלען און פֿון איינזאַמקייט.

יוני 1945 האָט לעאָן פֿאַרלאָזן לאָנדאָן.

## אין אַמעריקע

קיין ניו־יאָרק איז לעאָן אָנגעקומען יוני 1945. די באַשיידענע דירהלע אין די בראָנקס האָט זיך אים אויסגעוויזן שיער ניט אַ גן־עדן: עס האָבן אים אַרומגערינגלט די נאָענטסטע מענטשן; פֿון יעדער ווינקל האָט געוויייעט מיט געמיטלעכקייט; אינעם ברייטן פֿענצטער האָט אַריינגעקוקט די שפּיגלדיקע גלאַטקייט פֿון אַ גרויסן וואַסער־רעזערוואואַר. זיין פֿרוי און די טעכטער זיינען גאָר ניט מיד געוואָרן צו הערן וועגן זיינע איבערלעבונגען אין תּפֿיסה, אין לאַגער, און אונטער וועגנס. ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צו זיינע טעכטער, וואָס זיינען געווען קליינע קינדער, ווען ער האָט זיי פֿאַרלאָזן. איצט זיינען זיי געווען דערוואַקסלינגען, שילערינס פֿון מיטלשול, זייער כאַראַקטער אויסקריסטאַליזירט. ס'האָט אים באַהערשט אַ געפֿיל, וואָס אים איז ניט געראָטן אויסצודריקן אין ווערטער; ס'האָט זיך אים געוואָלט אויסבעטן ביים גורל, אַז מער זאָל ער זיך שוין ניט דאַרפֿן צעשיידן מיט דער משפּחה.

נאָך דעם זיינען געקומען באַגעגענישן מיט חברים. צו דער עמאַניציאַנעלער שפּאַנונג ביי די באַגעגענישן איז צוגעקומען דער באַוואוסטזיין, אַז צווישן זיינע אַלטע מיטקעמפֿערס איז ניטאָ קיינער, וואָס דער חורבן זאָל אים ניט האָבן שווער געטראָפֿן — זיי האָבן זייערע נאָענטסטע פֿאַרלוירן. און איצט האָבן אָט די מענטשן, וואָס פֿון זייערע אַמאָליקע היימען איז געוואָרן אַ באַרג אַש, געדאַרפֿט דאָ בויען אַ לעבנס־המשך.

ווען די משפּחה אַלער איז אַריין אין דער נייער, אַמעריקאַנער תּקופֿה פֿון איר לעבן, זיינען פֿאַר איר געשטאַנען די געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע זאָרגן. נאָכן קומען קיין אַמעריקע איז ליאָניע, פּונקט ווי דער רוב פּליטים, אַוועק אַרבעטן אין שאַפּ. לעאָן האָט אין גיכן נאָך זיין קו־

מען געקריגן אַרבעט אין דעם אַ״ג רעטייערמענט פאָנד פון דער קלאָק־מייקערס־יוניאָן. זיין פרייע צייט האָט ער געטיילט צווישן דער משפחה און דער פּאַרטיי.

אין ניו־יאָרק האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרעסערע צאָל פּוילישע בונדיסטן — מלחמה־פּליטים; זי איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר, אַריינ־נעמענדיק אין זיך די ניי־צוגעקומענע בונדיסטן געטאָ־קעמפערס, פּאַר־טיזאַנער, געוועזענע קאַצעטלערס און אַנדערע נייע פּליטים פון מיזרח־אייראָפּע. דער אָרגאַניזיר־צענטער איז געווען (ביז 1947) די אַ״ג אַמע־ריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון פּוילישן בונד אין ניו־יאָרק — געוועזענע מיטגלידער און קאַנדידאַטן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין פּוילן; אַ דעלעגאַציע פון דעם ניו־יאָרקער מעדעם־קלוב, און נאָך עטלעכע אָנ־געזעענע בונדישע טוערס.

דאָס אַרומוואַלגערן זיך אין דער צייט פון די מלחמה־שטורעמס האָט געלאָזן טיפע שפורן ניט בלויז אין דער פסיכיק פון די ניי־געקומענע, ס׳האָט אויך משפיע געווען זייערע פּאָליטישע אויסבליקן. אין תוך איז די בונדישע גרופּע אין ניו־יאָרק געווען פּאָליטיש כמעט איינהייטלעך. און דאָך האָבן זיך אין די דיסקוסיעס אויף פאַרזאַמלונגען, און אויף די שפּאַלטן פון דעם פּאַרטייאישן זשורנאַל אונזער צייט אַנטפּלעקט מיי־נונגס־פאַרשיידנקייטן, וואָס זיינען אין אַ געוויסער מאָס געווען אָפּקלאַנ־גען פון אַמאָליקע חילוקי־דעות. די נייע באַדינגונגען פון דער בונדי־שער טעטיקייט זענען ניט געווען גינציק פאַר דער אויפלעבונג פון גרויסע ריכטונגען אויפן אַמאָליקן שטייגער. אַחוץ דעם האָבן אַ סך פאַרמלחמה־דיקע „צוויייערס״, נאָך די מלחמה־איבערלעבונגען, גענומען רעווידירן זייערע פריערדיקע אידעאישע פּאָזיציעס. לעאָן אָלער איז ניט געווען צווישן זיי. ער איז געבליבן געטריי די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון דער געוועזענער לינקער ריכטונג; צוזאַמען מיט חיים וואַסערן און לייב־וויק האָדעסן האָט ער אין זיינע רעדעס און אַרטיקלען פאַרטיידיקט דעם באַגריף פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, וואָס איז אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג ניט געווען פּאָפּולער.

דערווייַלע האָט דאָס רעאַלע לעבן אַוועקגעשטעלט די פּראָבלעם פון סטרוקטור און כאַראַקטער פונעם נאָכמלחמהדיקן בונד. די בונדיסטן, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם נאַציאָנאַלן חורבן זיינען געווען צעזייט איבער דער וועלט; און אין פאַרשיידענע ווינקלען פון דער וועלט האָבן די געראַטעוועטע בונדיסטן צונויפגענומען זייערע כוחות און זיך געשטעלט אונטער דער אַלטער פאָן. אין פּוילן, אַ באַפרייטס פון די דייטשן, האָט גענומען אויפשטיין אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע, אָבער דער פאַרנעם פון איר אַרבעט איז געווען באַגרענעצט און די לעבן־געבליבענע יידישע סבי־בה זייער קליין. די בונדיסטן, וואָס האָבן זיך געפונען מחוץ פּוילן, האָט

מער ניט געצויגן צום היימלאַנד, וואָס איז געוואָרן אַ בית־עולם פאַר זייערע נאָענטסטע און אויך צוליב פּאָליטישע טעמים. די מלחמה־פּליטים האָבן דעריבער זיך גענומען באַזעצן אין די נייע ערטער, וואו דער גורל האָט זיי געהאַט פאַרוואָרפן; און האָבן גענומען שאַפן נייע פאָרמען פון פערזענלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

יוני 1945 איז קיין ניו־יאָרק אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז אין לאָדזש איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון בונד מיט דער באַטייליקונג פון דעלעגאַטן פון אַנדערע שטעט. די בונדישע גרופּע אין ניו־יאָרק האָט אויף דער ידיעה זיך אָפּגערופן מיט אַ צוזאָג צו העלפן און מיטצואַרבעטן מיט די חברים אין פּוילן; צווײ מיטגלידער פון דער גרופּע זיינען אויף אַ געוויסער צייט געפאָרן קיין פּוילן, כדי צו באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט פונעם פּוילישן בונד.

נאָך זייענדיק אין לאָנדאָן האָט לעאָן אָלער ניט איין מאָל געטראַכט וועגן דער פּערספּעקטיוו פון אַן אויפגעלעבטן בונד אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן, און ער איז געקומען צו פּעסימיסטישע אויספירן. זיין עלטערער חבר פון דער זעלבער לינקער ריכטונג, חיים וואַסער, האָט געהאַלטן, אַז ס'איז דער חוב פון די בונדישע אַקטיוויסטן איבער דער וועלט צו נעמען אַנטייל אין דער אַרבעט פון דער אויפגעלעבטער פּאַרטיי אין דער אַלטער היים. אין אַ לאַנגן בריוו, וואָס לעאָן האָט געשריבן צו חיים וואַסערן קורץ פאַרן אַוועקפאָרן פון לאָנדאָן, איז ער זיך מודה, אַז ער האָט קיין אמונה ניט אין דער מעגלעכקייט אויפצושטעלן אַ לעבנספעאיקן שאַפערישן יידישן קאָלעקטיוו אין פּוילן. די ידיעות וועגן די ערשטע טריט פון אַ בונדישער אָרגאַניזאַציע דאָרטן האָבן אַ ביסל אַ טרייסל געטאָן זיין פּעסימיזם, אָבער ער האָט זיינע וויטערדיקע פּלענער פאַרבונדן מיט ניו־יאָרק, וואָס איז איצט געוואָרן דער פּאַרטייאישער צענטער. ווען לעאָן אָלער איז געקומען קיין אַמעריקע האָט ער דאָ געטראָפן אַ חברישע אַטמאָספער. דאָ האָט מען לעבעדיק דיסקוטירט די נאָכמלחמהדיקע פּראָבלעמען; און לעאָן האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די דיסקוסיעס וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די צוגרייטונגען צו דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ פון בונד.

נאָך איידער די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען האָט זיך די גרופּע בונדיסטן אין פּוילן קאָנסטיטואירט ווי אַ זעלבשטענדיקע בונדישע אָרגאַניזאַציע. אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס זיינען אויפגעקומען אויך אין אַנדערע לענדער. זייער עקזיסטענץ און דאָס לעבן האָט אַרויסגערוקט די נייטיקייט פון אַ נייער סטרוקטור פון בונד. שוין אין דעם פאַקט גופא פון צונויפרופן אַ וועלט־קאָנפערענץ איז געלעגן די פאָרענטפערונג פון דער פּראָבלעם. ווען ס'איז זיך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פונאַנדערגעפאַלן די רוסישע אימפּעריע, און פון איין אַלגעמיינעם בונד פון רוס־

לאַנד, ליטע און פּוילן, זיינען געוואָרן באַזונדערע בונדן אין פּוילן, לעטלאַנד און רומעניע, זיינען טאַקע די באַציאונגען געווען זייער חברי־שע אָבער זיי זענען געווען זעלבשטענדיקע פּאַרטייען. די פאַרגעלייגטע איצט, ערב דער ערשטער בונדישער וועלט־קאָנפערענץ, אַלוועלטלעכ־קייט פון בונד, מיט אַ שותּפותדיקער אָנפירונג פאַר אַלע בונדן, וואו זיי זאָלן נאָר זיין, האָט געמיינט אַפּזאָגן זיך פון אַ לאַנגיאָריקער טראַדיציע.

דאָס איבעררייסן מיט אָט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טראַדיציע האָט ניט ביי אַלע בונדיסטן אויסגערופן, אָבער דאָס האָט ניט געשטערט די צו־גרייטונגען צו דער קאָנפערענץ. די פּאָלעמיק, וואָס האָט זיך געפירט אויף די שפּאַלטן פון אונזער צייט, האָט זיך ניט באַגרענעצט מיט אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע פראַגן. אין נ׳ 3 פון 1947 האָט לעאָן גענוי אַנאַליזירט און קרי־טיקירט די דעקלאַראַציע, וואָס די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָט געדאַרפט (אין הסכם מיט די אָרגאַניזאַציאָנעלע באַשלוסן) ברענגען צו דער קאָנפע־רענץ. ער האָט זיך באַמיט צו באַווייזן די מחברים פון דער דעקלאַראַציע, אַז אין זייערע שטעלונגען גייען זיי ווייט אַריבער די גרענעצן פון אָרגאַ־ניזאַציאָנעלער רעפאָרם. טייל טעזיסן, האָט ער געהאַלטן, זיינען אַזוי אומ־קלאָר פאָרמולירט, אַז זיי האָבן געמעגט זיך געפינען אין אַ פּראָגראַם פון פּאָלקיסטן. דעם קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם און זיין יידישע קולטור־אַרבעט — האָט ער געטענהט — דאַרף דער בונד פירן ניט אין אַ וועלט־מאַסשטאַב, ווי די דעקלאַראַציע פאָדערט דאָס, נאָר אין די באַזונדערע לענדער אין ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט אָרטיקע סאָציאַליסטישע און קול־טור־אָרגאַניזאַציעס. אין דער זעלבער צייט האָט ער געהאַלטן פאַר ביי־טיק אונטערצושטרייכן דאָס ספּעציפישע וואָס עס טיילט אָפּ דעם בונד פון אַנדערע יידישע פּאַרטייען:

> „דער בונד האָט געשאַפן אַ באַוועגונג פון יידישן פּראָ־לעטאַריאַט, און האָט אָט דעם פּראָלעטאַריאַט פאַרוואַנדלט אין אַ קעמפער און בויער פאַר אַן אייגענער יידישער וועלט־לעכער קולטור... דער בונד איז געווען פונעם באַגינען ביז דער לעצטער מינוט די קלאַסן־פּאַרטיי... איז געווען און געבליבן אַ מאַרקסיסטישע פּאַרטיי״.

אַרויסגייענדיק פון דער דאָזיקער הנחה האָט ער געהאַלטן, אַז איי־נעם צענטער פון דער בונדישער קאָנפערענץ אין בריסעל 1947 דאַרף שטיין די פּראַגע וועגן איבערבוי פון דער נאָכמלחמהדיקער אייראָפּע אין גייסט פון סאָציאַליזם און פון צוזאַמענאַרבעט מיט די סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען פון אַזעלכע לענדער ווי פּוילן, פראַנקרייך און בעלגיע.

קורץ פאַר דער קאָנפערענץ האָט לעאָן אַלער געקריגן אַ פאַרבע־טונג פון צענטראַלן קאָמיטעט פון בונד אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן צו קו־

מען קיין פוילן און צו נעמען אַנטייל אין דער אַרבעט פון דער אויפגעלעבטער פּאַרטיי. דער בריוו האָט געפאָדערט אַן ענטפער, אָבער לעאָן האָט ניט תיכף געענטפערט: אין זיין ענדגילטיקן באַשלוס האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן פערזענלעכע מאָטיוון, וואָס ער האָט אין אַן אָפיציעלן בריוו ניט געוואָלט באַרירן. ערשט ניט לאַנג האָט ער פעסימיסטיש אָפּגעשאַצט די מעגלעכקייט אויפצולעבן אַ בונד אין פוילן. איצט האָבן אים באַהערשט סתירותדיקע געפילן, און ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז זיינע הויפּט־מניעות קעגן פאָרן זיינען ניט קיין אידעיִשע וואַקלונגען, נאָר די פּערספּעקטיוו פון אַ נייער צעשיידונג מיט דער משפּחה. צום גרינגסטן איז אים געווען זיך מודה צו זיין אין דעם פאַר זיין אַלטן פריינד חיים וואַסער, וואָס איז דעמאָלט געווען אין פוילן. האָט לעאָן אַלער צו אים געשריבן:

„טיף אין מיר זיצט אַ פאַרלאַנג צו זיין אין פוילן און צו אַרבעטן אין דער באַוועגונג. דאָס זיינען ניט ביי מיר קיין מאָמענטאַלע שטימונגען... איין זאַך האָט מיר אָבער פאַרפּעלט: קלאָר זיך פאַרצושטעלן ווי אַזוי דאָס קען רעאַליזירט ווערן".

דאָס רעאַליזירן דעם פּלאַן אַוועקצופאָרן קיין פוילן איז געווען קאָמפּליצירט צוליב דעם ווייטערדיקן גורל פון דער משפּחה. לעאָן האָט אויפגעקלערט זיין חבר, אַז ליאַניע האָט ערשט איצט אָנגעהויבן קומען צו זיך פון די שווערע מלחמה־איבערלעבונגען; ס'האָט אים אויך באַאומרואיקט דער געדאַנק, אַז די יונגע טעכטער נייטיקן זיך נאָך אין זיין אויפזיכט. דעם בריוו האָט ער פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„אַזעלכע ענינים מוז דאָך יעדערער פאַר זיך אַליין באַשטימען און באַשליסן. אין מיין פאַל איז דאָס ניט אַזוי; ווייל אויב די פּאַרטיי וועט האַלטן, אַז איך דאַרף קומען קיין פוילן, וועל איך קיין פוילן פאָרן, פאַרשטייט זיך צוזאַמען מיט ליאַניען."

אין אַ צייט אַרום האָט דאָס לעבן גופא ליקווידירט די פראַגע: די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין פוילן האָט געמוזט איבעררייסן איר עקזיסטענץ. אָפיציעל איז דאָס געשען אויף דעם אויפגעצוואונגענעם ליקווידאַטאָרישן צוזאַמענפאָר אין וורצלאַוו אין מערץ 1949.

די בריסעלער קאָנפערענץ (1947) איז געשטאַנען פאַר אַ שווערער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויפגאַבע. איינע פון די שוועריקייטן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די ניי־געקומענע בונדיסטן האָבן אין אַמעריקע געטראָפן אַן אָרגאַניזירטע און פאָרמירטע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און דאָס האָט פאַרן „בונד" גופא אַוועקגעשטעלט אַ ריי קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. דאָך

האָט די קאָנפֿערענץ איר אויפֿגאַבע דערפֿילט און איר ווײַטיקסטער אַקט איז געווען דאָס רעקאָנסטרויִרן דעם נאָך־מלחמהדיקן בונד ווי אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע. אויף דער קאָנפֿערענץ זײַנען געשטאַנען נאָך אַ ריי אַנדערע ווײַטיקע פּראָבלעמען וואָס זענען געוואָרן טיילווײַז פֿאַרענטפֿערט.

מיט אַ מער דעטאַלירטן אַנאַליז פֿון די דאָזיקע פּראָבלעמען האָט זיך פֿאַרנומען די צווייטע בונדישע וועלט־קאָנפֿערענץ וואָס איז פֿאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1948 אין ניו־יאָרק. הייסע דיסקוסיעס האָבן אַרויסגערופֿן די ענינים אין שייכות מיט דער נאָר וואָס אויפֿגעקומענער ישראל־מלוכה. בעת די איינשטימיקע ברייסעלער רעזאָלוציע האָט אָפּגעשפּיגלט די באַקאַנטע קריטישע באַציאונגען פֿון „בונד" צו דער גאַנצער טעטיקייט פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג; האָבן זיך אויף דער ניו־יאָרקער קאָנפֿערענץ דערהערט שטימען פֿון עטלעכע דעלעגאַטן, וואָס — כאָטש אויך זיי האָבן פּרינציפּיעל זיך אַרויסגעזאָגט קעגן ציוניזם, — האָבן זיי דעם אויפֿקום פֿון דער ישראל־מלוכה געהאַלטן פֿאַר אַ פּאָזיטיוון פֿאַקט. לעאָן אָלער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף בכלל נישט אָננעמען קיין שום רעזאָלוציע וועגן דעם ענין, ווײַל אין דער גרופּע פֿון די אַ״ג לינקע, צו וועלכער לעאָן האָט געהערט, איז אין דער פֿראַגע קיין איינִיקייט ניט געווען.

די פּראָבלעמען פֿון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם זײַנען ווי שטענדיק געווען דער אָביעקט פֿון לאַנגע דיסקוסיעס. וועגן די ענינים זײַנען אויף דער קאָנפֿערענץ געווען צוויי רעפֿעראַטן. ס׳האָבן רעפֿערירט: עמנואל שערער (אין נאָמען פֿון דער מערהייט ד. ה. די אַמאָליקע „איינסער") און אין נאָמען פֿון דער מינדערהייט לעאָן אָלער. שערער האָט אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז די נאָכמלחמהדיקע רעאַליטעט שטעלט אַוועק אויף דער טאָג־אָרדענונג די רעאַליזירונג פֿון סאָציאַליזם. דאָס פֿאַרלאַנגט די ענגסטע צוזאַמענאַרבעט פֿון אַלע כוחות פֿון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם אין אינטערנאַציאָנאַלן מאָסשטאַב. אָבער קיין איינהייטלעכער פֿראָנט מיט קאָמוניסטן איז ניט מעגלעך, ווײַל סאָציאַליזם און קאָמוניזם זײַנען איצט „קעגנזעצלעכע באַוועגונגען". לעאָן אָלער האָט דערקלערט:

> „איך געהער ניט צו די פֿאַרטיידיקער פֿון דעם סאָוועטישן רעזשים. אויך די פּאָליטיק, וועלכע די קאָמוניסטן האָבן נאָך דער מלחמה געפֿירט לגבי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פֿון אייראָפּע, מוז אַנטשיידן פֿאַראורטיילט ווערן ווי אַ פֿאַרברעכערישע".

און דאָך האָט ער געהאַלטן, אַז די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון דער צייט איז איצט די איינִיקייט פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג:

> „היינט איז די איינִיקייט נייטיק כדי צו מאַכן אַ סוף צו דעם קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּע און כדי צו שטעלן אַ ווי־

דערשטאַנד די נעאָ־פאַשיסטישע טענדענצן וואָס האַלטן לעצטנס אין איין וואַקסן... דער אײנהײטלעכער פראָנט איז דאָס אײנ־ציקע מיטל צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער רעאַקציע".

אין זיין רעפעראַט האָט לעאָן אָלער גערעדט וועגן דער נויטווענדי־קייט פון אַ סאָציאַליסטישן איבערבוי פון אייראָפּע, וועגן דער סכנה וואָס עס ליגט אינעם פונאַנדערטייל פון דער וועלט אויף צוויי קעמפנדיקע בלאָקן, וועגן דער אַגרעסיע פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל אין די לענ־דער פון אייראָפּע און וועגן די פּרואוון פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אײנצו־פירן דעם קאָמוניזם אין אייראָפּע און אין אַמעריקע מיט מיטלען, וואָס די אַרבעטער־מאַסן ניט אין אייראָפּע און ניט אין אַמעריקע קענען ניט אַקצעפּטירן. צום סוף האָט לעאָן פאָרמולירט דעם תמצית פון זיין רע־פעראַט:

„דער אַרבעטער־קלאַס אין אייראָפּע שטייט פּנים־אל־פּנים א) מיט דער געפאַר פון ווידער־פאַשיזירונג פון די אייראָ־פּעאישע מלוכות; ב) מיט דער געפאַר פון דריטן וועלט־קריג... קעגנשטעלן זיך אַט דיביידע געפאַרן קען נאָר אַ גאַנצע וועלט. אויפבויען אַזאַ וועלט איז אין שטאַנד אויס־שליסלעך און אַליין דער געאייניקטער אין קאַמף אַרבע־טער־קלאַס, וואָס דער ווילן און ציל פון זיינע פאַרטייען איז אַ גאַנצע סאָציאַליסטישע וועלט." (אונזער צייט, נ' 10־11, 1948.)

די אָנהענגער פון דער שטעלונג זענען געווען אין אַ מינדערהייט.

ווען די דעלעגאַטן זיינען זיך פונאַנדערגעפאָרן, האָט די ניו־יאָרקער בונדיסטן־גרופּע אָרגאַניזירט אַ ריי באַריכט־פאַרזאַמלונגען פון דער קאָנ־פערענץ. אין די דיסקוסיעס אויף די פאַרזאַמלונגען האָט לעאָן אָלער פאַרטיידיקט די פּרינציפּן פון דער מינדערהייט־רעזאָלוציע.

די טעטיקייט פון בונד אין קאַנאַדע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אַרויסגערופן אַ ריי לאָקאַלע פּראָבלעמען: מען האָט געמוזט באַ־האַנדלען ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צום כאַראַקטער פון דער אַרבע־טער־באַוועגונג אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט און מען האָט געדאַרפט אויסקריסטאַליזירן די באַציאונגען מיט די אָרגאַניזאַציעס, קרובישע צום בונד. מיט דעם האָט זיך פאַרנומען אַ קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער „בונד", וואָס איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק אין אָקטאָבער 1950. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון אַ ריי קאַנאַדער און אַמעריקאַנער בונדישע אָרגאַניזאַציעס. לעאָן אָלער איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע, און ער האָט אויף דער קאָנפערענץ אויך געהאַלטן אַ רעפעראַט, וואו ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„די פּאַראייניקטע שטאַטן שפּילן היינט אַ דעצידירנדי־
קע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן אין דער
גאַרער וועלט, און פון אַמעריקע איז אין אַ גרויסער מאָס
אָפּהענגיק דער גורל פון וועלט־שלום, די פּאָליטיק פון סאָ־
וועט־רוסלאַנד — לעצטנס די אַגרעסיע אין קאָרעע — גיט
אָבער גענוג גרונד פאַר זאָרג און אומרו וועגן דער צוקונפט
פונעם וועלט־פרידן... די אַרבעטנדיקע מאַסן זיינען די איינ־
ציקע אויפריכטיקע טרעגערס פון אַנטי־מיליטאַריזם... אויך
דער גורל פון סאָציאַליזם אין איראָפּע איז אין אַ גרויסער
מאָס אָפּהענגיק פון דער ראָלע און קראַפט פון די אַמעריקאַ־
נער אַרבעטנדיקע מאַסן, וועלכע דאַרפן זיין אַ באַשטימער
און אָפּהיטער פון די ריזיקע פאָנדן פאַרן ווידעראויפבוי פון
דער צעשטערטער וועלט... עס איז נייטיק אַ פּאָליטישע
פאַרזעלבשטענדיקונג פונעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס...
עס איז אויך נייטיק אַן אָרגאַניזאַציע וואָס וועט צונויפזאַמ־
לען אַלע קאָנסעקווענט־סאָציאַליסטישע עלעמענטן... אַזאַ אָר־
גאַניזאַציע וועט צוציען צו זיך אויך אַ גרויסן טייל פון די
עלעמענטן, וועלכע גרופּירן זיך נאָך היינט אַרום דער קאָמו־
ניסטישער באַוועגונג".

אַלערן און זיינע אידעאיש נאָענטע חברים איז ניט איין מאָל אויס־
געקומען צו הערן די פעסטשטעלונג, אַז דער „רעוואָלוציאָנערער סאָציאַ־
ליזם" איז אין גייסט נאָענט צום קאָמוניזם. אין זיין רעפעראַט האָט ער
זיך באַמיט צו באַווייזן ווי פאַלש דאָס איז. ער איז דערביי באַשטאַנען
אויף דעם, אַז פאַר אַ קאָנסעקווענטן סאָציאַליסט איז דער מאַרקסיסטישער
מעטאָד פון אַנאַליז בינדנדיק און אַז ער דאַרף ווערן אָנגעווענדט אויך
לגבי דער אַמעריקאַנער רעאַליטעט. פאָדערנדיק אידעאישע אויסגעהאַל־
טנקייט, האָט ער קריטיקירט דעם פאָרשלאַג צו פאַראייניקן דעם בונד
מיטן יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. דער פּראָיעקט איז נישט געוואָרן
רעאַליזירט צוליב אַ ריי סיבות; איינע פון זיי איז געווען דאָס נישט
אַקצעפּטירן מצד דעם פאַרבאַנד דעם נאָמען פון דער פאַראייניקטער אָר־
גאַניזאַציע: „יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד — „בונד".

לעאָן אָלערס רעפעראַט האָט אַרויסגערופן אַ ריי איינווענדן. די חי־
לוקי־דעות זיינען געווען אַן אָפּקלאַנג פון די אַמאָליקע מייגונגס־פאַרשידנ־
קייטן, און זיי האָבן ניט געשטערט דער חברישער אַטמאָספער, וואָס
האָט געהערשט אויף דער קאָנפערענץ.

**
*

אין דער ריזיקער הויפּטשטאָט פון דער וועלט האָט די גרופּע פּוי־

לישע בונדיסטן געלעבט איר אייגן לעבן, וואו עלעמענטן פון דער נייער רעאַליטעט האָבן זיך איבערגעפלאָכטן מיט געוואוינשאַפטן, וואָס מען האָט אַריבערגעבראַכט פון דער אַלטער היים, דאָס לעבן אין דער משפחה אָלער איז אַוועק מיטן היגן געוויינלעכן גאַנג. די טעכטער חנה און הינדע זיינען געגאַנגען אין הייסקול, האָבן געענדיקט קאָלעדזש, האָבן געאַרבעט און חתונה געהאַט און האָבן געקריגן מאַגיסטער־דיפלאָמען. לעאָן און לאָניע האָבן איינגעהאַלטן זייער וואַרשעווער טראַדיציע פון אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט פריינד, זיי האָבן אין ניו־יאָרק געפונען עטלעכע געוועזענע מיטגלידער פונעם קרייז „פראָמעטיי״ און דאָס איז פאַר זיי געווען אַן עמאָציאָנעל אָנגעלאָדענע באַגעגעניש מיט די יונגע יאָרן, אַ באַגעגעניש מיט וואַרשע. אָבער דער סאַמע נאָענטסטער פריינד פון דער משפחה אָלער איז געווען איזיק רינקעוויטש, דער וואָס האָט אַ מאָל געהאַט אַריינגעפירט לעאָנען אין דער פאַרטייאישער אַרבעט אין גריצע. דאָ, אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, ווען ליאָניע און די קינדער זיינען דאָ צו ערשט געווען אָן לעאָנען, האָט ער פאַר זיי געזאָרגט. שפעטער, ווען איזיק איז שווער קראַנק געוואָרן, האָבן אים די אָלערס גענומען צו זיך אַהיים און האָבן אים אַרומגערינגלט מיט רירנדיקער זאָרג ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן. זיין טויט איז פאַר זיי געווען אַ שווערע אבידה.

אין דער געמיטלעכער דירה, פריער אויף בראָנקס און דערנאָך אין דעם קאָאָפעראַטיוון הויז אין טשעלסי האָבן די שטענדיקע באַזוכערס אַלע מאָל געפונען וואַרעמע גאַסטפריינדלעכקייט.

אין גיכן נאָכן קומען אין ניו־יאָרק איז לעאָן אַריינגעטראָטן אינעם ברענטש פון אַרבעטער־רינג וואָס טראָגט די נעמען: ערליך און אַלטער. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז לעאָן געווען דער פאָרזיצער פון ברענטש. די פאַרזאַמלונגען פון דעם ברענטש זיינען פאָרגעקומען זעלטן. אָבער די ריין פאַרטייאישע אַרבעט האָט געפאָדערט מער אַקטיווקייט, לעאָן איז געווען אַ מיטגליד פונעם ניו־יאָרקער קאָמיטעט פון בונד; אַרום 1950 איז ער אַריין אין דעם וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון בונד, און די זיצונגען פלעגן דויערן גאַנצע אָוונטן. און דאָך האָט לעאָן באַוויזן אין משך פון 2 מיט אַ האַלב יאָר צו גיין אויף גראַדואיר־קורסן פון בוכהאַלטעריע אין סיטי־קאָלעדזש. ס'איז ניט גרינג געווען אויסצושניידן צייט פאַרן לייענען די אַלע צייטונגען און זשורנאַלן וואָס פלעגן אָנקומען דורך דער פאָסט און פאַר לייענען ביכער. אָבער ער האָט סיסטעמאַטיש געלייענט סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכע ביכער און דאָס האָט אים געבראַכט צו דעם, אַז ער האָט אין די 60ער יאָרן אָנגעהויבן באַקענען די לייענערס פון אונזער צייט מיט אַ טייל פון אָט די ביכער. ער פלעגט אין קורצן איבערגעבן זייער אינהאַלט און באַגלייטן דאָס מיט אַן אַנאַליז.

לעאָן אָלערס אַרויסטרעטונגען פלעגן זיך ניט באַגרענעצן בלויז צו ניו־יאָרק. ניט זעלטן פלעגט ער אַרויסטרעטן אויך אין אַנדערע שטעט, אין מאָנטרעאָל למשל, וואו ס׳האָט אויף אים אַלע מאָל געוואַרט אַ גרוי־סער עולם. ווען דער ניו־יאָרקער קאָמיטעט פון בונד האָט גענומען געבן יעדן שבת ראַדיאָ־אוידיציעס מיט קורצע איבערבליקן פון די פּאָליטישע געשעענישן פון דער וואָך, איז לעאָן אָלער געווען איינער פון די וואָס פלעגן אָפט אַרויסטרעטן אויפן ראַדיאָ. אין די געציילטע מינוטן, וואָס ער האָט פאַר זיך געהאַט, פלעגט ער זיך באַמיען צו געבן וואָס מער אַקטועלן מאַטעריאַל. אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך אַלץ אָפטער אומ־געקערט צום ענין מלחמה אין וויעטנאַם וואָס איז געשטאַנען אין צענטער פון פּאָליטישן לעבן אין לאַנד, און ער האָט שאַרף קריטיקירט די מל־חמה־פּאָליטיק פון דזשאָנסאָנען און פון ניקסאָנען. בעת די אַרטיקלען אין אונזער צייט זיינען געווען אויסגערעכנט מער אָדער ווייניקער אויף לייע־נערס פון יידישע סאָציאַליסטישע קרייזן, זיינען די ראַדיאָ־אוידיציעס גע־הערט געוואָרן פון אַ ברייטערן עולם.

בונדישע אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַראַן אין פאַרשיידענע לענדער, נאָר דער אָנערקענטער צענטער פונעם וועלט־בונד געפינט זיך אין ניו־יאָרק: דאָ איז דאָס זיצאָרט פונעם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, פון דער רעדאַקציע פון דעם צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן. דאָ ווערט אויסגעשמידט די אידעאָ־לאָגיע פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס געפינט איר אויסדרוק אין די אַרטיק־לען, אין דיסקוסיעס אויף פאַרזאַמלונגען, אין די רעפעראַטן אויף די וועלט־קאָנפערענצן.

די טעטיקייט פון דער ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע איז צו ערשט גע־ווען באַגלייט פון די מלחמה־ און נאָכמלחמה־פּראָבלעמען. דאָס איז גע־ווען די טרומאַן־איזנהאַוער־עפּאָכע. רעטראָספּעקטיוו איז דאָס אַן אומע־טיק בילד. די צום מערסטן כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן זיינען געווען: קאַלטע מלחמה; רעפּרעסיעס קעגן פּאָליטיש ניט־כשרע על־פּי מעק־קאַר־טיס שולחן־ערוך; זאָאָלאָגישער ראַסיזם אינעם גאַנצן דרום פון לאַנד און אין אַ סך ערטער אין צפון; פּאָליטישע אַפּאַטיע פון דער מערהייט און ניט־דעצידירטקייט פונעם נעבעכדיקן ליבעראַליזם; די סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג איז געווען קליין און אָן אַ השפעה אין לאַנד. דאָס דאָזיקע טרוי־עריקע בילד האָט מען אַזוי לאַנג פאַרדעקט מיט דער לאָזונג פון „דער צום מערסטן פּערפעקטער דעמאָקראַטיע אין דער וועלט״ ביז די פאַלשקייט פון דער לאָזונג איז דעמאַסקירט געוואָרן דורכן דור וואָס איז אַרויף אויף דער אַרענע אין די זעכציקער יאָרן און וואָס האָט געבראַכט מיט זיך נייע ווינטן.

די סכנה פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער קאַלטער מלחמה איז געווען

אַ טאָפּעלע: זי האָט אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די טאָג־טעגלע־כע נויטן פון די ברייטע מאַסן און זי האָט קולטיווירט די שטימונגען, וואָס האָבן געשטויסן צו אַ „הייסן" מלחמה־קאָנפליקט צווישן די צוויי אַטאָמישע גרויסמאַכטן. דער בונד איז אין אַלע דעקלאַראַציעס און רעזאָ־לוציעס, וואָס ער האָט אָנגענומען אויף זיינע קאָנפערענצן, באַשטאַנען אויף דעם, אַז דאָס וויכטיקסטע איז ניט צו דערלאָזן צו קיין מיליטערישע צוזאַמענשטויסן, נאָר צו קעמפן פאַר אַ פרידלעכער קאָעקזיסטענץ פון די גרויסמאַכטן.

די דאָזיקע פּרינציפּן זיינען געוואָרן אונטערגעשטראָכן אויך אין די רעפעראַטן אויף דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ פון בונד וואָס איז פאָר־געקומען אין מאָנטרעאָל אין 1955. ווי תּמיד זיינען פאַר דעם פאָרגעקו־מען דיסקוסיעס בעל־פה און בכתב. ערב דער קאָנפערענץ האָט לעאָן אָלער אָפּגעדרוקט אין אונזער צייט (נ׳ 3־4, 1955) אַן אַרטיקל וועגן די פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם.* אינעם אויספיר פון דעם אַרטיקל זאָגט ער:

> „דער בונד... דאַרף ווייטער געטריי בלייבן דער רעוואָ־לוציאָנערער סאָציאַליסטישער פאַרגאַנגענהייט זיינער, דעם קאָנ־סעקווענטן מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, וואָס האָט אים אַזוי אויס־געטיילט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און געגעבן אונדזער פּאַרטיי אַן אָנגעזעענע און אומפאַרגעסלעכע ראָל אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. מיר דאַרפן, אַלס מיטגלידער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל... ווי אויך אין באַזונדערע לענדער, שטיצן און מיט־אַרבעטן מיט די אַלע כּוחות אין דער פּראָלעטאַרישער באַווע־גונג, וואָס זיינען קעגן ביידע עקסטרעמען — קעגן דעם רע־פאָרמיזם און קעגן דעם קאָמוניזם. אונדזער אויפגאַבע דאַרף זיין שטיצן די כּוחות... וואָס זיינען טריי געבליבן דער מאַרק־סיסטישער אויפפאַסונג פונעם גאַנג פון דער געשיכטע און קעמפן פאַר דער פּאָליטישער מאַכט פון אַרבעטער־קלאַס באַ־זירט אויף די יסודות פון פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע. עס איז אונדזער טיפע איבערצייגונג, אַז נאָר אַ באַנייטע פאַר־אייניקטע אַרבעטער־באַוועגונג אויף די יסודות פון רעוואָלו־ציאָנערן סאָציאַליזם קען ווערן דער אינסטרומענט פאַר דעם דערפאָלגרייכן קאַמף פאַר שלום, פרייהייט און סאָציאַליזם".

אַ סך פאָרמולירונגען פון דעם אַרטיקל זיינען אַריין אינעם טעקסט

---

* דער פולער טעקסט פון דעם אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט אין דעם בוך אינעם טייל „פון לעאָן אָלערס פען".

פון דער רעוואָלוציע, פאַר וועלכער ס'האָט אויף דער וועלט־קאָנפערענץ געשטימט אַ מינדערהייט דעלעגאַטן. די רעזאָלוציע האָט גערופן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון פאַרשיידענע לענדער זיי זאָלן פירן אַן אומאָפּהענגיקע פּאָליטיק און אין דער זעלבער צייט זיך באַמיען צו געווינען אויף זייער זייט אַלע געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין ליקווידירן דעם קאַפּיטאַליזם. ס'איז אומבאַדינגט נייטיק — זאָגט זיך אין דער רעזאָלוציע — צו פירן אַ דעצידירנדיקן קאַמף מיט אַלע פאָרמען פון אימפּעריאַליזם און מיט די רעשטלעך פון קאָלאָניאַליזם. צוליב דעם דאַרף מען:

„שאַפן דעם יסוד פאַר... אַזאַ פּאָליטיק, [וואָס] וואָלט געקענט צוהעלפן בהדרגהדיק צו פאַרשיטן דעם תהום וואָס צעטיילט די אַרבעטער־באַוועגונג גופא אויף באַזונדערע פיינטלעכע מחנות".

אָנהייב זעכציקער יאָרן האָט זיך צעשפּילט דער אימהדיקער קובאַנער קריזיס. אויף אַ פאַראייניקטער זיצונג פון קאָאָרדינירקאָמיטעט און דעם ניו־יאָרקער קאָמיטעט פון בונד, וואו די פראַגע איז געשטאַנען, האָבן זיך פיר מיטגלידער אַרויסגעזאָגט פאַר אַן אָפענעם פּראָטעסט קעגן דער בלאָקאַדע; איינער פון זיי איז געווען לעאָן אָלער.

מיט די זעכציקער יאָרן, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער אינטענסיווער קאַמף פאַר די רעכט פון דער פילמיליאָניקער נעגערישער באַפעלקערונג, האָט זיך אין אַמעריקע אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע. אויפגעוועקט דורך די פּראָטעסט־אַקטן אינעם דרום האָט איבערן לאַנד אַ פלייץ געטאָן אַ כוואַליע סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס. און מיט דער צייט האָבן זיך וואָס ווייטער אַלץ הילכיקער געלאָזט הערן די פּראָטעסטן קעגן דער פאַרברעכערישער אויסראָטונג פון אַ קליין אַזיאַטיש פאָלק מיט דער הילף פון דער ריזיקער אַמעריקאַנער מלחמה־טעכניק.

אין די רייען פון „בונד" איז קיין אייניקייט אין דער פראַגע וויעטנאַם ניט געווען. אַ סך פּאַרטיי־מיטגלידער האָבן אין דער דאָזיקער מלחמה געזען אַ מיטל צום קאַמף קעגן קאָמוניזם, וואָס האָט זיי אויסגעזען צו זיין אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט. ווען די מלחמה אין וויעטנאַם האָט זיך פאַרצויגן און אין לאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן הערן שטימען וואָס האָבן געפאָדערט צוריקצוציען דאָס אַמעריקאַנער מיליטער פון וויעטנאַם, האָבן געבומען וואַקסן די אַנטי־מלחמה־שטימונגען אויך אין דער בונדישער סביבה. לעאָן אָלער האָט פאַרנומען אַן אַנטי־מלחמה־פּאָזיציע נאָך דעמאָלט, ווען אין דער פּאַרטיי איז די צאָל אָנהענגערס פון אַזאַ שטעלונג געווען קליין; ער האָט די דאָזיקע שטעלונג כסדר פאַרטיידיקט אין אַרטיקלען, דיסקוסיעס אויף פאַרזאַמלונגען און אין זיינע קאָמענטאַרן אויפן ראַדיאָ.

אויף אײנעם רעפעראַט, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער פערטער וועלט־קאָנפערענץ פון בונד, האָט ער צוו׳ אַנד׳ געפּרוּווט באַגרינדן דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט.

די פערטע וועלט־קאָנפערענץ פון בונד איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק אין אַפּריל 1965: צווישן די אַלגעמיין־פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דער טאָג־אָרדענונג זײַנען געווען: (1) מלחמה און שלום, (2) וויעטנאַם, (3) די ענדערונגען אינעם וועלט־קאָמוניזם זינט סטאַלינס טויט. לעאָן אָלער איז אין זײַן אויספירלעכן רעפעראַט געקומען צו אַזעלכע אויספירן:

„פּאָליטישער ראַדיקאַליזם איז געווען און געבליבן דער יסוד פון דער בונדישער באַוועגונג. דער דאָזיקער ראַדיקאַליזם האָט ניט פאַרלוירן זײַן האַפט אַפילו אין קאָנפראָנטאַציע מיט דער אויפטרייסלענדיקער און אַנטוישנדיקער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, מיט וועלכער די בונדיסטן, אַלס אַ מאַסע, האָבן זיך צונויפגעטראָפן פּנים־אל־פּנים אין די גרויליקע יאָרן פון צווייטן וועלט־קריג...

נאָך די לאַנגע שטרײַטן אַרום דער פּראָבלעם פון אינטערנאַציאָנאַל איז דער בונד געווען אַ טייל פון דעם מיליטאַנטישן פליגל אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און צוזאַמען מיטן דאָזיקן פליגל האָט דער בונד געפאָדערט אין די גורלדיקע דרייסיקער יאָרן אַקטיוון קאַמף קעגן נאַציזם און געמאַנט פונעם אינטערנאַציאָנאַל ראַט און טאַט.

...פיל טיפערע ענדערונגען זײַנען בײַטיק ווי דער „וועלפער־שטאַט”... אַן אינטערנאַציאָנאַל־פּלאַנירטע סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט איז די איינציק מעגלעכע לייזונג פאַר די לענדער מיט אַ מאָדערניסטישער טעכנאָלאָגיע...

...דער קריג... האָט באַשאַפן די גרעסטע צעשטערערישע וואָפן — די אַטאָמישע באָמבע... סאָציאַליזם ווערט ווידער אַ מאָל — נאָך דעם קליינעם שפּאַן פון אַנטי־היטלער־קריג — אין זײַן מהות פּאַציפיסטיש. ס׳איז אמתער, טיפער פּאַציפיזם...

...די עטלעכע און פערציק־יאָריקע געשפּאַלטנקייט קען ניט באַזייטיקט ווערן מעכאַניש אין אַ קורצן צײַטשפּאַן. די גאַנצקייט פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג קען קומען און וועט קומען אַלס רעזולטאַט פון אַן אידעאָלאָגישן און פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס וואָס וועט דעמאָקראַטיזירן די הײַנטיקע קאָמוניסטן און וועט מיליטאַנטער מאַכן די הײַנטיקע סאָציאַליסטן. דער פּראָצעס וועט אַדורכמאַכן אַ זיגזאַגיקן וועג,

ער מוז אָבער דערפירן צו אַ ווידערפּאַראייניקונג. ווייל סאָציאַ־ליזם וועט אָדער זיין אַ גאַנצער (אַלס באַוועגונג), אָדער ער וועט פאַרלירן זיין ראָלע און היסטאָרישע פונקציע".

אין זיין שלוס־וואָרט האָט לעאָן אָלער ניט באַרירט די פּראָבלעמען וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אין דער דיסקוסיע, נאָר ער האָט באַרירט די פּראָבלעם דייטשלאַנד. ער האָט געטענהט, אַז דאָס נאָך־מלחמהדיקע צו־ריק־אויפגעבויטע מעכטיקע דייטשלאַנד קען אויף ס'ניי שטעלן אין סכנה דעם שלום, און ער האָט מיט אומרו קאָנסטאַטירט:

„מיר האָבן איצט אַ נייע, גרויסע, שטאַרקע און צוריק אויפגעבויטע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָבער זי האָט נישט אונטערגענומען קיין ריזיקע קאַמפּאַניע כדי אויסצוראָטן אין לאַנד יעדן שפּור פון נאַציזם".

לעאָן אָלער איז געווען דער מחבר פון דער מינדערהייט־רעזאָלוציע. אירע הויפּט־פּונקטן דעקלאַרירן, אַז די אויפגאַבע פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל דאַרף זיין:

„קאַמף קעגן וויטערדיקער אַטאָמישער באַוואָפענונג, קאַמף קעגן דער פאַרשפּרייטונג פון אַטאָמישן וואָפן, קאַמף קעגן דער וויטערדיקער פּראָדוקציע און פאַרפּולקאָמונג פון אַטאָמישן וואָפן".

די רעזאָלוציע האָט קאַטעגאָריש פאַראורטיילט דעם וועט־געיעג צווישן אַמעריקע און סאָוועטן־רוסלאַנד וועגן דעם:

„ווער ס'זאָל צושטעלן מער וואָפן עגיפּטן, אַלזשיר, קאָנ־גאָ, דער ישראל־מדינה און אַנדערע".

וועגן ענין וויעטנאַם זאָגט זיך אין דער רעזאָלוציע, אַז:

„אונטער דעם אויסרייד פון פאַרטיידיקן די פרייהייט פון דרום־וויעטנאַמער פאָלק פירן די אַמעריקאַנער מיליטערישע כוחות אַ מלחמה סיי מיט צפון־וויעטנאַם סיי מיט דער מער־הייט פון דער דרום־וויעטנאַמער באַפעלקערונג."

און פון דאַנען איז אַרויסגעדרונגען די פאָדערונג:

„תיכף אָפּשטעלן דעם קריג... און גלייך אָפּשטעלן די באָמבאַרדירונג. איבערגעבן די סכסוכים פון צפון־ און דרום־וויעטנאַם אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ און די פאַראייניקטע פעלקער".

די וויטערדיקע טעזיסן האָבן פעסטגעשטעלט: (1) אַבסאָלוטע קעגנער־שאַפט קעגן פאַרענטפערן קאָנפליקטן צווישן ביידע בלאָקן מיט דער הילף פון מלחמות, און די פאַרפעסטיקונג פונעם פּרינציפּ פון קאָעקסיסטענץ און (2) די מעגלעכקייט פון אַ דיאַלאָג צווישן די מערב־אייראָפּעאישע קאָמו־

ניסטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מיטן ציל בייצוקומען די שפּאַלטונג וואָס האָט אָפּגעשוואַכטביידע טיילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין 1967, אין שייכות מיט דער 6־טאָגיקער ישראל־אַראַבישער מלחמה, האָט דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, נאָך אַ ברייטער דיסקוסיע, אָנגענומען מיט אַ מערהייט שטימען אַ רעזאָלוציע, פאַר וועלכער ס'האָט אויך געשטימט לעאָן אָלער. ער האָט נאָך פריער איינגעזען, אַז דער „בונד" דאַרף פאַרנעמען אַ קלאָרע און אויסגעהאַלטענע שטעלונג צו די פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט ישראל און ציוניזם. די דערמאָנטע רעזאָלוציע האָט אַרויסגעבראַכט די מיינונג, אַז „יעדער אָנהייב פון אַ מלחמה איז אומגערעכט, אפילו ווען די מאָטיוון דערפון זאָלן זיין גערעכטע", און אַז ישראל „האָט געדאַרפט און דאַרף ווייטער שטרעבן צו אַ פרידלעכער לייזונג פון אַלע ישראל־אַראַבישע פּראָבלעמען", בעיקר — דורך אָפּזאָגן זיך פון אָנעקסירן אַראַבישע טעריטאָריעס.

אין 1967 האָט זיך אין אונזער צייט באַוויזן לעאָן אָלערס אַן אַרטיקל א"ב „דער זינלאָזער קריג אין וויעטנאַם". דער מחבר האָט פאַראויסגעזען אַ ריי איינוווענדן ניט נאָר מצד די סופּער־פּאַטריאָטן וואָס פּאַרטיידיקן שטענדיק די פּאָליטיק פון אַמעריקע, נאָר אויך מצד די, וואָס האַלטן:

> „אַז אַלץ וואָס ס'ווערט געטאָן אין „קאַמף קעגן דער קאָמוניסטישער עקספּאַנסיע" איז באַרעכטיקט, און אַז שולדיק זייען שטענדיק די וואָס קעמפן קעגן דער „פרייער וועלט". פאַר זיי איז גאַנץ אָפּט יעדער רעזשים, וואָס איז אַנטי־קאָמוניסטיש, אַ באַשטאַנדטייל פון דער „פרייער וועלט".

אין דעם אַרטיקל ווייזט לעאָן אָן אויף דעם, אַז וואָס לענגער עס דויערט די מלחמה, אַלץ שטאַרקער ווערט דער פּראָטעסט קעגן דעם אומזיניקן אָנווער פון כוחות אינעם קאַמף מיט דעם קליינעם אַזיאַטישן פאָלק וואָס שטעלט ניט אין קיין סכנה די זיכערקייט פון אַמעריקע. ער באַשטייט אויף דעם, אַז אויך די באַרעכטיקטע נעגאַטיווע באַציאונג צו דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע טאָר ניט פירן צו דער באַרעכטיקונג פון יעדן מין קאַמף מיטן קאָמוניזם.

אַ יאָר פריער (פעברואַר 1966) האָט דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט מיט אַ מערהייט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע קעגן דער וויעטנאַמער מלחמה־פּאָליטיק פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. און אין 1969, האָט זיך דער ניו־יאָרקער קאָמיטעט פון „בונד" אַרויסגעזאָגט פאַר אָנטייל אינעם מאָראַטאָריום — די גרויסע אַנטי־מלחמה־דעמאָנסטראַציע אין וואַשינגטאָן.

אַרום דער זעלבער צייט איז אויפגעקומען די יוגנט־גרופּע, וואָס האָט זיך אָנגערופן „יידישער סטודענטן־בונד" און האָט אין זיך פאַראייניקט דעם ראַדיקאַליזם פון טייל אַ"ג „נייע ליבקע" מיטן בונדישן פּרינציפּ

פון דאַאיקייט און מיט אַ באַזונדערן אינטערעס פאַר דער פאַרגאַנגענהייט פון בונד. לעאָן האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער יוגנט און ער האָט געלייגט אויף איר גרויסע האָפענונגען.

אין זיין משפחה־לעבן האָט געהערשט אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע. ליאַניע איז געווען זיין געטרייע באַגלייטערין און זי האָט אים אין אַלעם געהאָלפן. ווען ביידע טעכטער האָבן חתונה געהאַט און זיינען אַליין געוואָרן מאַמעס, איז די בינדונג צווישן די דורות געבליבן פעסט: די אייניקלעך — דעמס זיינען געוואָרן מיטגלידער פון דער משפחה, און די אייניקלעך — פיר ייִנגלעך און איין מיידל — זיינען מיטן זיידן געוואָרן גרויסע פריינד. לעאָן האָט זיך אינטערעסירט מיט זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג און ער האָט זיך באַמיט אויפצואוועקן אין זיי אַן אינטערעס צום געזעלשאַפטלעכן לעבן; ער האָט געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט צו שטאַנד קומען אַן ערנסטער דיאַלאָג צווישן די פאַרשיידענע דורות. דער גורל האָט באַשערט אַנדערש.

דעם זומערדיקן אָפּרו האָבן די אַלערס געוויינלעך פאַרבראַכט ניט ווייט פון ניו־יאָרק אין אַ וואַלדיקן, אָדער בערגיקן אָרט. אין 1958 זיינען ליאַניע און לעאָן געפאָרן קיין פּאַריז זיך זען מיט לעאָנס אַ ייִנגערן ברודער, מיט וועמען ער האָט זיך געהאַט צעשיידט מיט יאָרן צוריק. דוד אַלער, אַ מאָלער און אַ סקולפּטאָר, איז אין דער צייט פון דער מלחמה געווען אין אַ נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער. די דאָזיקע גרויליקע יאָרן האָבן געפונען זייער אָפּשפּיגלונג אין אַ ריי צייכענונגען וואָס האָבן פאַרגעשטעלט די טראַגישע לאַגער־רעאַליטעט. זיינע צוויי אַנדערע ברידער וואָס זיינען אויך געווען אין לאַגער, זיינען פון דאָרטן ניט צוריקגעקומען.

די באַגעגעניש מיטן ברודער האָט אים אויף אַ ווײַלע צוריקגעקערט צו דעם וואָס ס'איז געווען. איצט איז אים אָפּט געקומען אויפן געדאַנק, אַז ס'איז שוין צייט אָנצוקלייבן זיך שרייבן זכרונות. ער האָט אויך פּלאַנירט צו שרייבן די געשיכטע פון דער לינקער ריכטונג אין בונד. נאָר ער האָט אָפּגעלייגט דאָס אויספירן דעם פּלאַן, ווען ער וועט זיך צוריקציִען פון דער אַרבעט. נאָר די יאָרן זיינען געגאַנגען און ער האָט זיך אַלץ ניט געקענט דעצידירן אויף אַזאַ טריט וואָס זעט אויס ווי אַן איבערבראַך נאָך לאַנגע יאָרן אַרבעט.

די עלטער האָט ניט אָפּגעשוואַכט זיין גייסטיקע אַרבעט־פעאיקייט: ער האָט אַ סך געלייענט, געשריבן מער ווי אין די יונגע יאָרן; ער האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט צו טון אַ בויטיקע בונדישע אַרבעט. אָבער מיט דער צייט האָבן זיך געוויזן מערן סימנים פון פיזישע שוואַכקייטן: דאָס האַרץ איז שוואַכער געוואָרן און ס'איז אַלץ אָפטער אויסגעקומען אַנצוקומען נאָך הילף צום האַרץ־ספּעציאַליסט. דער דאָקטאָר האָט

געעצהט צו זיין פאַרזיכטיק, אָבער ער איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז לעאָן זאָל ניט אויפהערן אַרבעטן און זאָל ניט אויפגעבן זיין פּאַרטייאישע טעטיקייט. דעצעמבער 1970 איז לעאָן אַלער אַרויסגעטראָטן אין מאָנטרעאַל אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג צום 73סטן יובל פון בונד. ער האָט גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג און האָט אויך אָנגעצונדן זיינע צוהערערס. קיינעם האָט ניט געקענט איינפאַלן, אַז ס'איז געווען באַשערט, אַז די דאָזיקע רעדע זאָל זיין זיין לעצטע...

דער האַרץ־אַטאַק איז געקומען יאַנואַר 1971. ווען לעאָן אַלער איז שוין געווען אין שפּיטאָל האָבן די אַרומיקע, מיטן דאָקטאָר זיך געריכט, אַז אַלץ גייט כשורה. אָבער דער צווייטער אַטאַק, וואָס איז געקומען דעם 23סטן יאַנואַר, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַטאַל. דער אומגעריכטער טויט האָט אויפגעטרייסלט די משפחה אַלער און האָט אַרויסגערופן אַ טיפן טרויער ביי די פריינד און חברים.

אין זיין צוואה האָט לעאָן אַלער געבעטן, מען זאָל אויף זיין לוויה קיין רעדעס ניט האַלטן; ער האָט געוואָלט די פּשוטסטע קבורה־צערעמאָניע — קרעמירונג, אָבער זיין פרוי איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז מען זאָל אים קובר זיין אויפן בית־עולם פון אַרבעטער־רינג אין סידאַר־פּאַרק, וואו ס'זיינען לעצטנס אויסגעוואַקסן אַ שפּאַר ביסל קברים פון זיינע חברים.

אויף זיין לוויה דעם 24סטן יאַנואַר 1971, האָבן די פאַרזאַמלטע חברים זיך שווייגנדיק געזעגנט מיטן אַוועקגעגאַנגענעם חבר, און דאָס טרויער־שווייגן איז געווען מער זאָגיק ווי אַ סך רייד. צווי לידער, וואָס ער פלעגט מיט אַזוי פיל האַרץ זינגען ביים לעבן — דעם אינטערנאַציאָנאַל און די שבועה — האָבן אים באַגלייט אויף זיין לעצטן וועג...

צו די שלושים אין אַטאַראַן־הויז האָבן אָפּגעקלונגען ווערטער וואָס לעאָנס פריינד האָבן אין הסכם מיט זיין פאַרלאַנג ניט געקענט זאָגן בעת זיין לוויה: ס'האָבן גערעדט: ע. שערער, מ. זעלמאַנאָוויטש און צווי געזעגנע מיטגלידער פונעם פראָמעטיי־קרייז חיים גרינבוים און אַלעקסאַנדער ערליך. די רעדעס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט טיפן טרויער; חברים און פריינד, וואָס זיינען מיט אים געווען אין בונדישער אַרבעט אין משך פון צענדליגער יאָרן, האָבן געפילט, אַז מיט אים איז אַוועק אַ טייל פון זייער אייגן לעבן.

אינעם נעקראָלאָג־אַרטיקל, אָפּגעדרוקט אין פעברואַר־נומער פון אונזער צייט פון יאָר 1971, האָט ע. שערער געשריבן:

„אידעען, בונדישע און סאָציאַליסטישע, אין אַ ניט־געצפעלשטן רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישן גייסט, האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין זיין לעבן. אין געוויסע פראַגן האָט ער געהאַט אויך דאָ אַ טיילוויז אייגענעם איינשטעל.

דאָס האָט אָבער ניט באַרירט די עיקרים פונעם בונדישן גלויבן, קאַמף און שטרעבן. לעאָן איז געווען און ביזן סוף געבליבן נישט בלויז אַ טייערער חבר און פריינד, נאָר אויך אַ פולער, קעמפנדיקער בונדיסט".

ס'זיינען אַריבער עטלעכע חדשים און אויפן בית־עולם פון אַרבעטער־רינג איז אויסגעוואַקסן אַ מצבה פון העל גרויען שטיין מיט אַן אויפשריפט וועגן דעם אָרט וואָס לעאָן אָלער האָט פאַרנומען אין די רייען פון בונד. ביי דער אַנטהילונג פון דער מצבה האָט א. ערליך גערעדט וועגן דער ענגער פאַרבינדונג פון לעאָנען מיט דער יוגנט־באַוועגונג; מ. זעלמאַנאָוויטש האָט אַרויסגעבראַכט זיין געטריישאַפט צו די אידעען פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם; ע. שערער, וואָס האָט פון דער נאָענט געזען לעאָנס טעטיקייט אין פאַרשיידענע בונדישע קערפּערשאַפטן, האָט אין נאָמען פון אַלע פאַרזאַמלטע געזאָגט:

„מיר וועלן אויף יעדן טריט פילן, אַז לעאָן פעלט — אין אַרטיקן קאָמיטעט, אין קאָאָרדינירקאָמיטעט, אין „אונזער צייט", אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען, צווישן די נאָענטע פריינד".

שוויַגנדיק האָבן די חברים אַרום קבר אויסגעדריקט זייער הסכמה צו די טרויער־ווערטער, און ס'האָבן זיך דערהערט די קלאַנגען פון דער „שבועה".

# ווענן לעאָן אָלערן —

## זיין פערזענלעכקייט

## און זיין אָרט אין דער באַוועגונג

פרץ גוטערמאַן (פּאַריז)

# מיט לעאָנען אין דער סאָוועטישער תפיסה

דורכגעדרונגען מיט צער און ווייטיק איבער דעם גרויסן פאַרלוסט, וועלכן ס'האָט איצט געליטן דער „בונד" און די נאָענטסטע חברים און פריינד, שרייב איך די וויטערדיקע שורות נישט כדי איבערצוגעבן וועגן דעם גאַנצן רייכן און קאָלירפולן לעבנסוועג פון דעם טייערן, ליבן און אומפאַרגעסלעכן לעאָן אָלער. איך וועל פאַרצייכענען בלויז איניקע מאָמענטן פון זיין לעבן, אָבער מאָמענטן פון אונדזערביידנס שווערסטער און פיינלעכסטער צייט, אין די יאָרן 1940—1942, וואָס ברענגען אַרויס די הערלעכע און קעמפערישע אייגנשאַפטן פון לעאָנען, וועלכער האָט 55 יאָר פון זיין לעבן געשטעלט אין דינסט פון „יוגנט־בונד־צוקונפט" און פון „בונד", פאַרטיידיקנדיק דערביי מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה די רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן פון אמתן, פרייהייטלעכן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם.

***

געווען איז דאָס דעם 28סטן אויגוסט 1940, אין ווילנע. מיר זענען געווען פּליטים — לעאָן און איך — האָבן מיר צוזאַמען געגעסן אָוונטברויט אין אַ ליטווישער מלעטשאַרניע. איך האָב געבראַכט עטלעכע בלומען, לויט מיר איז אין דעם טאָג אויסגעפאַלן דער געבורטסטאָג פון זיין צווילינג — היגדעלע און חנהלע. מיר האָבן לאַנג פאַרבראַכט צוזאַמען: גערעדט, ווי אַזעלכע יום־טובים זיינען געפּייערט געוואָרן אין דער היים; וועגן זיין פאַמיליע, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין באַראַנאָוויטש; וועגן דער פּאָליטישער לאַגע און ספּעציעל וועגן די שווערע איבערלעבונגען פון אונדזערע חברים, וועלכע געפינען זיך אויפן שטח, וואָס די סאָוועטן האָבן פאַרנומען. ערשט ביים געזעגענען האָט לעאָן מיט אַ ליבן שמייכל געזאָגט, אַז ער דאַנקט פאַרן דערמאָנען דעם געבורטסטאָג פון די קינדער; אָבער הגם דער 28סטער איז טאַקע דער ריכטיקער טאָג, האָב איך, ווייזט אויס, דעם חודש פאַרטוישט. מיר

האָבן זיך ביידע צעשמייכלט, צעקושט און אַלס אָנדענק האָט ער מיר געגעבן אַ קליינע פאָטאָגראַפיע פון אים, מיט אַ צושריפט פון עטלעכע וואַרעמע ווערטער.

אין דער זעלבער נאַכט, דעם 29סטן אויגוסט 1940, ליגנדיק אַ שלאָפלאָזער אין בעט, האָב איך פלוצלינג דערהערט אַ שטאַרקע טופּעריי אויף די טרעפּן און באַלד דערנאָך אַ האַסטיקן קלאַפּן אין טיר, און גלייך געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז דאָס קלאַפּט די פּאָליציי. מיין הויפּטזאָרג איז געווען די קליינע פאָטאָגראַפיע פון לעאָנען; כ׳האָב געציטערט, אַז צוליב דער פאָטאָגראַפיע זאָל נישט אַריינפאַלן אויך לעאָן. האָב איך גענומען די פאָטאָגראַפיע אין מויל, זי צעקייט און אַראָפּגעשלונגען. אָבער ווען מען האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ לימוזינע אין דער ווילנער לוקישקער תּפיסה, האָב איך אין דער קאַנצעלאַריע, וואו מען רעווידירט אויפן אמת־סאָוועטישן שטייגער, באַמערקט אַז אין צווייטן טייל פון זאַל שטייט — לעאָן. אונדזערע בליקן זיינען זיך צונויפגעפאַלן. ער האָט זיך מכלומרשט אָפּגעווישט דאָס מויל, און אַזוי אַרום מיר געגעבן אַ צייכן, אַז איך זאָל מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מיר קענען זיך נישט...

איבער 4 וואָכן בין איך געווען אין אַן איינצל־קאַמער. עטלעכע מאָל, ספּעציעל אין מיטן נאַכט, האָט מען מיך געשלעפּט אויף אויספאָרשונגען. ס׳אייזערנע בעט איז געווען צוגעשרויפט ביטאָג צו דער וואַנט, קיין בענקל איז אין דער צעלע נישט געווען, אויך אויף דער פּאָדלאָגע האָט מען זיך נישט געטאָרט אַוועקזעצן. די אויספאָרשונגען זיינען געווען ברוטאַל און שוידערלעך. הויפּטזעכלעך איז די נקוו״ד־אויספאָרשערס געגאַנגען אין דעם, מען זאָל זיי דערציילן וואו עס געפינען זיך אַ ריי חברים. זיי האָבן זיך נישט באַגנוגנט דערמיט, וואָס מען האָט פעסטגעשטעלט, אַז מיר זענען מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „י. ב. צוקונפט״, זיי האָבן געוואָלט, מיר זאָלן אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל אין וועלכן עס זאָגט זיך, אַז מען האָט אָנגעהערט צום „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן בונד״, און נאָכן אָפּזאָג צו טון דאָס, האָבן זיי זיך באַנוצט מיט די העסלעכע פיזישע און מאָראַלישע מיטלען.

עס איז צו באַוואונדערן, ווי מוטיק און העלדיש לעאָן האָט זיך געהאַלטן, נישט קוקנדיק דערויף וואָס די נ.ק.וו.ד.־אויספאָרשער האָבן זיך אפילו באַנוצט מיט דעם שענדלעכן שאַנטאַזש, אַז אויב ער וועט אָנגעבן וואו עס געפינען זיך טייל חברים און אויב ער וועט אונטערשרייבן, אַז ער האָט געהערט צום „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן בונד״, וועלן זיי אַריבערברענגען זיין פרוי און קינדער פון באַראַנאָוויטש.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן זיין האַלטונג בעת אַ קאָנפראָנ־

טאַציע, וואָס די נ.ק.וו.ד. האָט אַדורכגעפירט צווישן לעאָנען, יאַשקע ליפּ־שיץ און מיר. מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ, נישט קוקנדיק אויף דער גע־פאַר, ער האָט דערקלערט: איך וויל נישט זאָגן וואו עס געפינט זיך דער פאָרזיצער * אָדער דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „יוגנט־בונד־צוקונפט", אָבער איך לייקן נישט, אַז איך בין געווען דער וויצע־פאָרזיצער פון דער „צוקונפט".

נאָך אַ געוויסער צייט זיינען מיר ביידע אַריינגעזעצט געוואָרן אין איין און דער זעלבער צעלע (דאַכט זיך, נומער 146), וואו ס'האָבן זיך גע־פונען 46 מענטשן — אַ קאַמער, וואָס איז געווען באַשטימט מאַקסימום פאַר אַנדערהאַלבן צענדליק פּערזאָן. לעאָן, נישט גאָר שטאַרק פיזיש און טיף באַאומרואיקט צוליב זיין פרוי און קינדער, האָט זיך דאָ גלענצנד געהאַלטן און קיין מאָל זיך נישט געקלאָגט. ער איז געווען דער ליבלינג פון אַלע, און נישט געקוקט דערויף וואָס מען האָט געשמועסט, אַז אין קאַמער געפינען זיך ספּעציעלע צוטראָגערס פון דער נ.ק.וו.ד., האָט ער געהאַלטן אין פוליש רעפעראַטן וועגן פאַרשיידענע סאָציאַלע טעמעס. דאָס איז אָבער געווען מעגלעך בלויז גאָר אין אָנהייב, ווען ס'האָט נאָך אין אַ געוויסער מאָס פאַרפליכטעט דער אַלטער ליטווישער תפיסה־רעגולאַמין.

**
*

איין מאָל, נאָך אַ שטאַרקן אָנפאַל פון מיין נירן־קראַנקייט, האָט מען אַרויסגערופן אין קאַמער אַ דאָקטער. ס'איז געקומען אַ יידישע פרוי (אויב דער זכרון נאַרט מיך נישט, האָט זי געהייסן קאָהאַנע). זי האָט זיך באַ־נוגנט מיט געבן אויף מיר אַ קוק, און אַ זאָג געטון: „עס וועט אים גאָרנישט זיין". לעאָן האָט זיך מיט איר שטאַרק צעווערטלט. ער האָט נישט געקאָנט צוקוקן צו מיינע מוראדיקע ווייטיקן; האָט ער ביי די אויפזעער געמוטן ענערגיש פאָדערן, עס זאָל געבראַכט ווערן אַ צוויי־טער דאָקטער. ווען זיין ביטע איז נישט דערפילט געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די טיר פון דער קאַמער, סיי מיט די פויסטן סיי מיט בענקלעך. ער האָט נישט געוומען אין אַכט מיינע ביטעס. ער זאָל אויפהערן, און האָט אַזוי לאַנג געשטורעמט די טיר, אַז סוף כל סוף איז געקומען אַ מיליטעריש־סאָוועטישער דאָקטער, וועלכער האָט נאָך אַ גרינטלעכער אונטערזוכונג באַפוילן מען זאָל מיך אַוועקפירן אין שפּיטאָל.

איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען אַ גאַנצע ריי אַנדערע פאַלן פון מוט און געוואַגטקייט, וואָס לעאָן האָט אַרויסגעוויזן במשך פון זיין קנאַפּן

---

* דער פאָרזיצער איז געווען — יאַשקע ליפּשיץ, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן.

יאָר זיצן אין דער לוקישקער תּפיסה. איך וויל נאָך ברענגען איין פאַל — דווקא בנוגע נישט קיין אייגענעם חבר, נאָר וועגן אַ גאַנץ פרעמדן און נישט גאָר סימפּאַטישן מענטשן.

נאָכן אורטייל, האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין אַ קאַמער, וואו עס זענען געזעסן 6 מענטשן: דער ווילנער פּאָליטישער קאָמיסאַר מאַראַשעװיטש, אַ סערזשאַנט, וואָס האָט געאַרבעט אין דער קאַנצעלאַריע פון קאָמיסאַר, לעאָן, איך און נאָך 2 פּערזאָן. דער קאָמיסאַר איז מיט אַ מאָל שווער קראַנק געוואָרן, דאַכט זיך, אויף דיזינטעריע. מיר האָבן געפּאָדערט, מען זאָל דעם קראַנקן נעמען אין שפּיטאָל. ווען אַלע באַמיאונגען, סיי צו די קלוטשניקעס סיי צו די אָנפירער פון דער טורמע, האָבן נישט געבראַכט קיין רעזולטאַט, האָט לעאָן פאָרגעלייגט, אַז די אַרעסטירטע אין קאַמער זאָלן פּראָקלאַמירן אַ הונגער־שטרייק, כדי דורך דעם צווינגען די תּפיסה־מאַכט, זיי זאָלן איבערפירן דעם קאָמיסאַר אין שפּיטאָל. אַלע זײַנען אויף דעם פאָרשלאָג איינגעגאַנגען. דער איינציקער וועלכער האָט זיך קעגנגעשטעלט איז דווקא געווען דער סערזשאַנט, וועלכער האָט פריער געאַרבעט אין דער קאַנצעלאַריע פון דאָזיקן קאָמיסאַר.

ווען ס'איז געקומען די צייט פון מיטאָג, און ס'האָט זיך געעפנט דאָס פענצטערל פון דער צעלע, כדי צו דערלאַנגען יעדן איינעם אַ לעפל זופּ פון דעם קעסל, האָט זיך דער ערשטער געשטעלט ח' לעאָן, נישט דערלאַנגט די מענאַשקע און דערקלערט, אַז מ'האָט באַשלאָסן מיט אַ הונגער־שטרייק אויפצווינגען די תּפיסה־מאַכט, זיי זאָלן נעמען דעם קראַנקן אין שפּיטאָל. דער קלוטשניק האָט אָנגעהויבן שטאַרק שרייען, אַז דאָס איז אַ „בונט"... אָבער לעאָן האָט מיט אַ קאַטעגאָרישן טאָן איבערגעחזרט די סיבה פון הונגער־שטרייק. די רייע ביים פענצטערל איז געווען אַזוי אויסגעשטעלט, אַז אויך די איבעריקע זאָלן זיך אָפּזאָגן צו נעמען עסן. דער לעצטער איז געווען דער סערזשאַנט, אָבער נאָך דעם ווי אַלע פריערדיקע האָבן זיך אָפּגעזאָגט, האָט מען שוין ביי אים אפילו נישט פאָרלאַנגט די מענאַשקע.

סוף כל סוף, אַ דאַנק אָט דעם הונגערשטרייק, האָט זיך איינגעגעבן צו צווינגען דער טורמע־פאַרוואַלטונג, זי זאָל דעם קראַנקן איבערפירן אין שפּיטאָל.

איך וויל דערציילן נאָך איין עפּיזאָד, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. אין דער תּפיסה האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז מען וועט

אונדז פאַרשיקן אין ווייטן קאַלטן צפון, אין דעם לאַגער וואָרקוטאַ. אַנ־הייב זומער 1941 האָט מען אונדז געפירט קיין וואָרקוטאַ אין אַ גרוי־סער שווערער „באַרקע" (שיף); צווישן די פאַרשיקטע זיינען געווען אויך אַ"ג „אורקעס" — געפערלעכע קרימינעלע פאַרברעכערס. איינער פון די פּאַסאַזשירן האָט געהאַט עטלעכע וואַליזעס; אַ גרופּע „אורקעס" האָט באַ־שלאָסן זיי ביי אים צוצונעמען, און זיי האָבן פּראָוואָצירט אַ געשלעג. ווען איך האָב אָנגעהויבן שרייען און רופן נאָך הילף, האָבן עטלעכע „אורקעס" מיך אָנגעכאַפּט און געוואָלט מיך אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין. לעאָן האָט מיך אַרויסגעריסן פון זייערע הענט און גלייכצייטיק אַלאַרמירט די זשאַנדאַרמען; אַזוי ממש אין דער לעצטער מינוט, האָט זיך אים איינ־געגעבן מיך צו ראַטעווען פון טויט. די „אורקעס" האָבן געדראָט, אַז זיי וועלן זיך מיט אים אָפּרעכענען, אָבער ס'זעט אויס, אַז זיין מוטיקע האַל־טונג האָט זיי אָפּגעהאַלטן פון אויספירן די דראָאונג.

נינאַ טענענבוים־בעקער (בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע)

# לעאָן אָלער — דער לערער און גייסטיקער וועגווייזער

די טרויעריקע בשורה וועגן אָלערס פּלוצימדיקן טויט, וואָס איז צו מיר אָנגעקומען פון ניו־יאָרק, האָט מיך טיף דערשיטערט: איז ער דאָך אָקאָרשט נאָך געווען אַזוי אַקטיוו, שעפעריש און פול מיט פּלענער...

מ׳איז זיך נוהג צו זאָגן וועגן מענטשן, וואָס האָבן געהאַט וואָגיקע פּאָזיטיווע אויפטוען און איבערגעלאָזט נאָך זיך דויערהאַפטיקע שפּורן אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט, אַז עס איז נאָר געבליבן לעבן זייער גייסט; אָבער איך קאָן בשום אופן ניט אויסשיילן אָלערס גייסט פון זיין פיזישן מהות, וואָרעם פון זיין גאַנצן וועזן האָט עמאַנירט נשמהדיקייט און רוחניות. אַזוי האָט ער זיך איינגעקריצט אין זכרון פון אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געהאַט די זכיה אים צו האָבן פאַר זייער אידעאָלאָגישן דערציער, און אַזוי איז ער פאַרבליבן עד־היום אין אָנדענק פון די רעשטלעך לעבן־געבליבענע תלמידים; אייניקע פון זיי געפינען זיך אויך אין בוענאָס־איירעס.

איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין וואַרשע, אין עלטער פון 14־15 יאָר. מיין „פּאָליטישער באַוואוסטזיין״ פון יענער צייט האָט מיך דווקא געשטויסן אין דעם עקסטרעם־לינקן פּאָליטישן לאַגער. אָבער איין מאָל האָט מיר מיינס אַ פריינד צוגערעדט צו באַזוכן איר קרייז אין דער „צור־קונפט״־אָרגאַניזאַציע. איך האָב זיך געלאָזט צורעדן און אַהין געגאַנגען מיט אַ באַשלוס דאָס צו באַטראַכטן ווי אַן עקספּערימענט, וואָס קען ווערן אַ דורכפאַל. דאָרטן האָב איך געטראָפן בערך אַ 15 יוגנטלעכע, ס׳רוב גימנאַזיסטן.

דער אָנפירער פון דער גרופּע, לעאָן אָלער, איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער יונגער־מאַן מיט אַ סימפּאַטיש פּנים און גרויסע ברוינע אויגן. דער שמייכל, וואָס איז געלעגן אויף זיין פּנים און די נאַטירלעכע פריינד־לעכע האַלטונג האָבן באַלד געמאַכט אויף מיר אַ גוטן איינדרוק.

מיר האָבן געהאַט אַ שמועס וועגן די אויפגאַבעס פון דער יוגנט וואָס שטייט אויף דער שוועל פון אויספורעמען איר לעבן און איז גרייט צו ווערן געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. דער תוכן פון זיינע רייד, זיין עלאָקווענץ און דער ענטוזיאַזם, וואָס האָט געבראַוזט פון אים, האָבן געווירקט אַי־בערצייגנדיק. בכלל פלעגט זיין טעמפעראַמענט מיטרייסן די סענסיטיווע יוגנטלעכע אָודיטאָריע. איך האָב זיך באַלד דערפילט ווי אַ מיטגליד פון אַ משפּחה־געמיינשאַפט, וואָס איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט דער שטרעבונג צו אַ שענערן און ווירדיקערן לעבן. דער גוטער רושם פון דעם ערשטן צוזאַמענטרעף האָט צו נישט געמאַכט מיין פריערדיקן אומ־צוטרוי. דער סקעפּטישער צוגאַנג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַרקן בייגער און אַ באַדערפעניש פון ווייטערדיקע אַזעלכע אסיפות.

איינער פון די נאָענטסטע שמועסן איז געווען וועגן באַשטימען דעם נאָמען פאַר אונדזער קרייז. עס זיינען אַרויסגעשוואומען פאַרשיידענע פאָר־לייגן. עס האָבן אָפּגעהילכט נעמען פון גרויסע העלדן פון דער יידישער און אַלגעמיינער געשיכטע. מען האָט דיסקוטירט, אַרויסגערוקט פאָר־און קעגן־אַרגומענטן. אַלער האָט כסדר סטימולירט פרישע איניציאַטיוון, ביז ער אַליין האָט סוגערירט דעם נאָמען „פּראָמעטיי״, און קיינער האָט נישט אָפּאָנירט. אדרבא, אַלע האָבן עס אויפגענומען מיט באַגייסטערונג. פּראָ־מעטיי, וואָס זיין נאָמען האָט געזאָלט ווערן אונדזער סימבאָל, איז געווען לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע פון געטלעכן אָפּשטאַם. ער האָט אַרויס־געגנבעט פונעם הימל דעם פייער און עס אַראָפּגעבראַכט צו מענטשן צו פאַרלייכטערן זייער לעבן. פאַר דער דאָזיקער עבירה האָט אים זעוס, דער פאָטער פון די געטער, גרויזאַם באַשטראָפט: ער האָט אים געהייסן צושמידן מיט קייטן צו אַ קאַווקאַז־באַרג און אַ גרויסער רויב־פויגל האָט געפרעסן זיין לעבער. לויט דער זעלבער לעגענדע, האָט ערשט דער באַ־רימטער גבור הערקולעס באַוויזן אים צו באַפרייען.

פּראָמעטיי, מיט זיין וואונדערלעכן אויפטו צוצושטעלן דעם מענטש־לעכן מין פייער, איז געוואָרן אַ סימבאָל פונעם אַנהייב פון דער ציוויי־ליזאַציע. און מיר, די „פּראָמעטייער״, האָבן געפילט, אַז דער נאָמען פאַרפליכטעט צו אַ סך, ער אינספּירירט צו מעשים לטובת דעם כלל. די גרויסקייט פון דער מיטאָלאָגישער געשטאַלט האָט מיך אפילו פריי־טשמעליעט. ס׳האָט געעקבערט דער צווייפל, צי איך וועל זיין פעאיק צו לעבן אין הסכם מיט דעם דאָזיקן סימבאָל. ווי אַזוי דערגרייכט מען אַזאַ הויכע מדרגה? איך האָב אָבער געהאַט צוטרוי צו אונדזער אינסטרוקטאָר און האָב געוואַרט אויף אָנווייזונגען פון אים.

אין מיין לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל. אַזוי ווי אַנדערע, בין איך געגאַנגען אויף צוזאַמענטרעפן ווי אויף אַ יום־טוב, פון וועלכן

מען פלעגט זיך אומקערן דערמוטיקט, באַרייכערט מיט וויסן און מיט האָ־פענונג.

דער קאָנטאַקט מיט לעאָנען איז תמיד געווען אַ פריידיקער און אָפּ־פרישנדיקער, ווייל ער אַליין איז געווען אַ טרוימער, וואָס האָט נישט נאָר בילדעריש געשילדערט וויזיעס פון מאָרגן, נאָר אויך טיף געגלייבט אין זייער רעאַליזאַציע.

אַ מענטש מיט אַ סך קענטשאַפט און ברייטן אינטעלעקטועלן האָרי־זאָנט, האָט ער פונאַנדערגעוויקלט פאַר אונדז אַ רייכע טעמאַטיק. ער פלעגט אונדז דערציילן וועגן די גרויסע פרייהייטס־קעמפער און שיינע גייסטער פון פאַרשיידענע תקופות און פעלקער. דאָס האָט סטימולירט דעם דראַנג צום סאָציאַלן יושר און נאַציאָנאַלן אויפשטייג. און הגם אַ סך געשטאַלטן זיינען אונדז שוין געווען באַקאַנט, פלעגן זיי אונטער לעאָנס אייגנאַרטיקן רעפלעקטאָר אויפטויכן אין אַ מער פאַרביקער באַלייכטונג.

אַלער האָט אונדז אַריינגעפירט אין דער געשיכטע פון דעם סאָציאַ־ליסטישן געדאַנק אין זיינע פאַרשיידענע עטאַפּן. דער וויכטיקסטער פון זיי איז געווען מאַרקסיזם. אַלער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע פעאיקייט מסביר צו זיין די קאָמפּליצירטע אידעען אין אַ צוגענגלעכער פאָרעם. אַזוי האָט ער פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ ברייטע פּאַנאָראַמע פון מענטשלעכע אָנשטרענ־גונגען צו שאַפן אַ גערעכטע וועלט, און מיר האָבן דערפילט אַן אימפּולס צו ווערן מיט־שותּפים אין דעם דאָזיקן פּראָצעס. זיין איינפלוס האָט אונדז געגעבן אַ סטימול זיך צו פאַרטיפן און לערנען און דערוועקט ביי אונדז אַ באַגער צו פאַרפולקומונג. אַלער האָט זיך אויך באַמיט איינצופלאַנצן אין אונדז ליבשאַפט צו דער יידישער שפּראַך און צו אונדזער קולטור בכלל.

אונדזער אָנפירער פלעגט אָנרעגן צו מיינונגס־אויסטויש, צו אייגענע פאָרמולירונגען און צו זעלבשטענדיקן טראַכטן. די קרייז־פאַרזאַמלונגען פלעגן זיך אָפט פאַרוואַנדלען אין לעבעדיקע דעבאַטעס און פּאָליטישע צו־נויפשטויסן, אַ מאָל זייערליידנשאַפטלעכע, און נאָר ווען דער וויכוח איז אוועק אויף אַ פאַלשן וועג, פלעגט לעאָן אים אַ קער טאָן אין דער גע־העריקער ריכטונג.

ווי אַן ערשטקלאַסיקער דערציער, פלעגט ער אַדורכפלעכטן און פאַר־בינדן די טעאָריע מיט פּראַקטיק. אויף דער טאָג־אָרדענונג זיינען אָפט גע־שטאַנען אַקטועלע ענינים, געשעענישן סיי אין אַלגעמיינעם סיי אין יידישן לעבן, וואָס האָבן געפאָדערט אַן אויפקלערונג און אַ שטעלונג.

אַלער האָט געשטרעבט צו אונדזער שלימות. ער האָט פאַרשטאַנען די נאַטירלעכע קאָנפליקטן, וואָס בורטעווען די יונגע נשמות, אונדזער אומרו און דעזאָריענטאַציע, און ער האָט געהאָלפן צו ברענגען זיי צום אויס־

דרוק. אַט למשל שלאָגט ער פאָר צו באַהאַנדלען די פראַגע פון סעקס. די קיצלדיקייט פון דער טעמע רופט ביי אונדז אַרויס אַן אָנהייב באַוואַרעניש, אָבער ווען ער אַליין פירט אַריין דעם טאָן פון ערנסטקייט און זאַכלעכקייט, און אַ ריי קאָנקרעטע עלעמענטן, ווערט באַזייטיקט אונדזער שעמעוודיקייט. דאָס רוב מיידלעך, וואָס האָבן געפילט אַ מין מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס צוליב דער ביאָלאָגישער ראָלע פון אַ פרוי און עווענטועלע מניעות אין זייער געפלאַנטער טעטיקייט, באַגרייפן איצט די וויכטיקייט פון זייער מיסיע; די יינגלעך ווידער באַקומען אַ לעקציע פון אַנשטענדיקער, חברישער באַציאונג, רעספעקט פאַר סענטימענטן און אחריות אין זייער אויפפיר. עס צעבינדן זיך די צינגער; מען רוקט אַרויס מחשבות וואָס עקבערן דעם מוח, ווען מען קלערט וועגן די באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי, ווי אויך ספקות מכוח געוויסע האַנדלונגען. מיר רעדן וועגן משפחה־לעבן, און אונדז דאַכט זיך, אַז לסוף האָט מען באַנומען דעם אופן פון האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן און באַקומען די ריכטליניעס אין דעם דאָזיקן אַזוי פאַרשלייערטן ענין. מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויך אין דער דאָזיקער ספערע איז אַלער מסוגל צו זיין אונדזער פאַרטרוילעכער ראַטגעבער.

אַלערס פערזענלעך לעבן אַליין האָט געקענט דינען ווי אַ מוסטער. עס האָבן זיך אין אים האַרמאָניש געאייניקט וויסן, גוטסקייט און טיפע איבערגעגעבנקייט צו זיינע אידעאַלן. דער אינהאַלט פון זיין לעבן איז געווען געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. פון פאַך אַ בוכהאַלטער, פלעגט ער די גאַנצע פרייע צייט נאָך דער אַרבעט אָפּגעבן דער פאַרטיי.

אונדזער גרופּע איז געווען זייער גוט צונויפגעלעבט, די פערזענלעכע קאָנטאַקטן זיינען געווען נאָענטע און האַרציקע. מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן און פלעגן אָרגאַניזירן שותפותדיקע באַזוכן פון קולטור־אימפּרעזעס, אָדער אויספלוגן מחוץ דער שטאָט.

אַלערס שטוב איז געוואָרן אַ טייל פון דעם קאָלעקטיוו. ווען ביי אים זענען געבוירן געוואָרן די צווילינג־טעכטערלעך, האָט דער גאַנצער קרייז זיי באַשאָנקען מיט ליבשאַפט, געזאַנג און שפּיל.

אַלערס טעטיקייט אין דער „צוקונפט״ איז באַשטאַנען אין פאָרמירן באַוואוסטזיניקע קאַדערס פון טוערס, וואָס זאָלן שפּעטער אַליין אָנפירן מיט די יוגנטלעכע. ער איז געווען דער וויצע־פּרעזידענט פון דער „צוקונפט״. אין די „צוקונפט״־רייען איז ער געווען אַ וואָרטזאָגער פון דעם לינקן פליגל, די אַ״ג „צווייערס״. די דאָזיקע פּראַקציע איז געווען אַ מינדערהייט אין דער פאַרטיי, אָבער זי האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג און האָט עקשנותדיק געפירט אַ קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם און רעפאָרמיזם. אין אַלע אינסטאַנצן, קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן, אויף די שפּאַלטן פון פאַר־

טיי־ציײַטונגען, און שפּעטער אין זייער אייגענעם אָרגאַן „קעגן שטראָם" האָבן די „צווייערס" געקעמפט פאַר די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם; באַזונדערס שאַרף איז געווען דער וויכוח וועגן דעם אַרייַנטריט אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

עס איז נישט מיין כוונה צו אַנאַליזירן די חילוקי־דעות אין „בונד", איך וויל בלויז באַמערקן, אַז אָלטער האָט זיי קאָמענטירט און אינטערפּרעטירט אין דעם קרייז, וואו נישט אַלע האָבן געשטיצט זיין שטעלונג; ער האָט אָבער, אַזוי ווי אַ סך פון זיינע מיטקעמפערס, פאַרמאָגט אַ הויכע מדרגה פון געזעלשאַפטלעכער אחריות, וואָס האָט אים באַוואויגן אָפּצוהיטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע גאַנצקייט אפילו אין די קריטישסטע מאָמענטן. אויך זיינע תלמידים האָט אָלטער געלערנט דעמאָקראַטישע לאָיאַלקייט און דיסציפּלין, וואָס פאָדערט טראָץ אַלע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן צו שטיין אויף דער וואַך פון דער פּאַרטייאישער איינקייט.

די „פּראָמעטייער" האָבן געפּיבערט מיט קאַמפּס־אַטמאָספער און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין אַלע אַקציעס פון דער באַוועגונג. בעת די וואַלן פלעגט מען אַרויסגיין מיט פּראָפּאַגאַנדע־צעטלעך, אַרומגיין איבער די הייזער און אַגיטירן מיט אייפער און מיט גלויבן, אַז דער געגאַרטער זיג וועט ווערן אַ וויכטיקע דערגרייכונג. און כאָטש אין אַ סך ערטער האָט מען אונדז באַגעגנט מיט זידלעריי, האָבן מיר דאָך געפילט, אַז אין סך־הכל טוען מיר אַ נוצלעכע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. די אָנגעזאַמלטע ביטערקייט פלעגט מען אויסגיסן פאַר אָלטערן, און ער האָט תמיד געפונען די געהעריקע ווערטער, וואָס האָבן אונדז געמוטיקט און געשטאַרקט, און באַלד פלעגט אונדזער געמיט ווי אויסגעלייטערט ווערן; זיין איבערצייגונגס־קראַפט פלעגט איבערוועגן דעם פון צייט צו צייט נאָגנדיקן צווייפל. ווען די דאָזיקע השפּעה האָט אויפגעהערט דירעקט צו ווירקן אויף אונדז, איז ביי אַ טייל פון מיינע קאָלעגן, ווי אויך ביי מיר, ביסלעכוויז פאַרלאָשן געוואָרן דער ענטוזיאַזם. די פאַרשטויסענע ספקות האָבן אָנגעהויבן אַרויסצופליסן און האָבן נישט געפונען די פריערדיקע קעגנווירקונג. און דערפאַר, ווען איך בין נאָכן אַרייַנטריט אין אוניווערסיטעט אויטאָמאַטיש אַריבער אין דעם אַקאַדעמישן בונדישן קרייז, האָט מיין צוגעהעריקייט דאָרט געדויערט בלויז אַ קורצע צייט. די מיינונגס־פאַרשיידנקייטן האָבן מיך דערווייטערט פון דער אַמאָליקער סביבה. פונדעסטוועגן זיינען אויך די „פּראָמעטייער", וואָס זיינען אַוועק אויף אַנדערע אידעישע דרכים אויף תמיד געבליבן גוטע פריינד מיט אָלטערן. מען האָט גענומען אין אַכט דאָס געמיינזאַמע און אויסגעמיטן דאָס וואָס האָט אונדז פונאַנדערגעטיילט. נאַטירלעך האָט ער געהאַט אַ סך סאַטיספאַקציע פון די „פּראָמעטייער", וואָס זיינען געבליבן געטריי זיין לערע, געגאַנגען מיט זיין וועג, און אַליין געוואָרן אַקטיווע טוער אין „בונד".

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט אַלער נאָך לאַנגע וואָגלעניִשן זיך דערשלאָגן קיין ניו־יאָרק. נאָך דער קאַטאַסטראָפע האָבן די לעבן־געבלי־בענע חברים זיך קעגנזייטיק געזוכט, און אַלער האָט מיט אַ סך פון זיי איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט און אויסגעדריקט זיין זאָרג דורך שיקן ממשות־דיקע הילף.

ווען איך מיט מיין מאַן האָבן מיט זעקס יאָר צוריק געמאַכט אַ רייזע קיין ישראל, האָבן מיר באַזוכט אין פּאַריז עטלעכע געוועזענע מיט־גלידער פון אונדזער קרייז, און זיי האָבן אונדז אויפגענומען מיט דער פריינדשאַפט פון אַמאָל. אין ניו־יאָרק האָט אַלער און זיין גאַסטפריינד־לעכע פרוי לאַניע אונדז באַגעגנט מיט אָפענע אָרעמס, ווי עס וואָלט אונדז גאָר נישט אָפּגעטיילט קיין גרויסער מהלך יאָרן. אויך די היגע געוועזענע „פּראָמעטייער" האָבן אונדז אַרויסגעוויזן אַ סך האַרציקייט. מיר אַלע האָבן זיך מיט בענקשאַפט איבערגעטראָגן אין דער אַטמאָספער פון אַ מאָל, דערמאָנט מיט ווייטיק די קרבנות פון חורבן און אויך אונדזער חבר בע־ניעק, וואָס איז העלדיש געפאַלן אין קאַמף בשעת דעם בירגערקריג אין שפּאַניע.

לעאָן אַלער איז געבליבן געטריי זיינע איבערצייגונגען און זיך באַ־מיט צו דערציען זיינע טעכטער אין גייסט פון סאָציאַליזם. ווי פריער, איז ער געווען אין די לעצטע יאָרן געזעלשאַפטלעך אומדערמידלעך, מונ־טער און אַקטיוו. מיט אַ צייט צוריק האָב איך באַקומען פון אים דאָס כמורנער־בוך; אַלער איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע און האָט אָפּגעדרוקט אין דעם בוך אַן אינהאַלטרייכן עסיי — „די לינקע ריכטונג אין בונד אין פוילן"; ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש אַנטיילצונעמען אין אַן אויסגאַבע צום אָנדענק פון זיין פריינד און מיטקעמפער.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק.

מאטל זעלמאַנאָוויטש (ניו־יאָרק)

# לעאָן אָלער אין די פּאַרטיי־רייען

לעאָן אָלער האָט פאַרנומען אַן אַנגעזעענעם אָרט אין דער בונדישער באַוועגונג אין פּוילן. פאַרשיידן איז געווען זיין ווירקונג אויף פאַרשיידענע געביטן און אין פאַרשיידענע צייטן, אָבער שטענדיק האָט ער זיך אַרויסגע־רוקט אין די פאָדערשטע רייען.

ווען מען רעדט וועגן אים, מוז קודם־כל דערמאָנט ווערן זיין ווירקונג אין יוגנט־בונד „צוקונפט". אין דעם אַרטיקל וויל איך דערמאָנען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן.

עס קומט פאָר דער צוזאַמענפאָל פון דער „צוקונפט" אין וואַרשע אין יוני 1932. די יוגנטלעכע זיינען זיך צונויפגעקומען אין דער הויפטשטאָט פון פּוילן כדי צו דעמאָנסטרירן די סאָלידאַריטעט פון דער יידישער אַר־בעטער־יוגנט און צו פאָדערן איר רעכט צו אַ בעסער לעבן. אַלע וואָס האָבן בייגעוווינט דעם דאָזיקן היסטאָרישן צוזאַמענפאָל וועלן אַ גאַנץ לעבן געדענקען אַ סך דערהויבענע און דראַמאַטישע מאָמענטן. אין דעם וואַרשעווער צירק האָבן זיך צונויפגעזאַמלט עטלעכע טויזנט יונגע אַר־בעטער און שילער, אַלע אָנגעטאָן אין בלויע בלוזעס מיט רויטע קראַוואַטן. דער זאַל איז בלוי און רויט; עס קלינגט דאָס ליד פון האָפענונג, געזונ־גען דורך אַ יונגן סקיפּיסט: „יאָ, די וועלט וועט ווערן שענער, ליבע גרעסער, שינאה קלענער", און דער גאַנצער זאַל חזרט איבער די פערזן מיט באַגייסטערונג. באַלד נאָך דעם געזאַנג באַגריסט לעאָן אָלער די יידישע אַרבעטער־יוגנט אין נאָמען פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער „צוקונפט".

אין אַן אַרטיקל, געדרוקט אין די טעג פונעם צוזאַמענפאָל, שרייבט לעאָן אָלער: „אונדזער גאַנצער צוזאַמענפאָל איז איין גרויסער פּראָטעסט־רוף קעגן מיליטאַריזם. ס'האָט זיך אונדזער פיר־טויזנט־קעפּיקע מחנה, ווי אַ העלער זוניקער הימל פאַרשפּרייט איבער דעם פינצטערן לעבן פון דער יידישער מאַסע פון פּוילן".

אַלערס ווערטער זיינען פול געווען מיט גלויבן אין אַ שלומדיקער וועלט און זיי האָבן מיטגעריסן יונגע הערצער.

לעאָן אַלער איז געווען אַקטיוו אויך אויפן קולטור־געביט און אין די יאָרן פון באַרג־אַרויף פון דער בונדישער באַוועגונג אין פּוילן האָט ער האַרמאָניש צוזאַמענגעבונדן דעם פּאָליטישן קאַמף פאַר אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג מיט די קולטור־אַספּיראַציעס פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. ביי אים איז דער קאַמף פאַר דער יידישער שול, פאַר דער אויפהאַלטונג און פאַרפעסטיקונג פון דער יידישער שפּראַך, פאַר אַ שעפעריש נאַציאָנאַלן יידישן לעבן געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם קאַמף פאַר אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט.

אַלער איז געווען אַ דערציער און אַ לערער, און ווי אַזאַ האָט ער געשפּילט אַן אייגנאַרטיקע ראָלע אין דער בונדישער יוגנט־באַוועגונג. אויף יעדער קולטור־קאָנפערענץ פון דער בונדישער יוגנט איז ער געווען איינער פון די הויפּט־לעקטאָרן און רעדנערס. אויף איינער פון די באַדייטנדיקסטע קולטור־קאָנפערענצן פון דער „צוקונפט", פון דעם 7טן, 8טן און 9טן אָקטאָבער 1936 אין וואַרשע, האָלט ער אַ רעפעראַט וועגן מאָדערנע יוגנט־פּראָבלעמען. דער דאָזיקער רעפעראַט האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן רושם, און אין אַ סך שטעט און שטעטלעך זיינען די יוגנט־פּראָבלעמען דיסקוטירט געוואָרן לאַנג נאָך דער קאָנפערענץ. מיט געפיל און איבערצייגונג האָט אַלער גערעדט וועגן דער ווירקונג פון לעבנס־באַדינגונגען אויף דער פּסיכיק פון דער יוגנט, וואָס לעבט אין אַ צייט פון גראַנגל צווישן פאַשיזם און סאָציאַליזם.

לעאָן אַלער האָט זיין גאַנץ באַוואוסטזיניק לעבן געווידמעט דעם „בונד", און די גאַנצע צייט איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער לינקער ריכטונג אין דער פּאַרטיי. ער האָט גענומען אָנטייל אין פאָרמולירן טעזן און רעזאָלוציעס פון דער מינדערהייט אויף פאַרשיידענע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן. פאַר אים איז די לינקע ריכטונג נישט געווען נאָר אַ פּראַקציע, וואָס איז אומצופרידן מיט דער אָדער יענער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי; ער האָט געגלייבט אַז זי האָט געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו פאַר דעם „בונד" און האַרמאָניש צוזאַמענגעבונדן די אינטערנאַציאָנאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיע מיטן אויפהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן יידישן לעבן. די דאָזיקע עיקרדיקע בונדישע פּרינציפּן האָט ער הייליק געהאַלטן און אָנגעווענדט אין זיין טאָג־טעגלעכער פּאַרטיי־אַרבעט.

איך וויל איצטער דערמאָנען דעם לעצטן צוזאַמענפאָר פון „צוקונפט" אין וואַרשע אין אַפּריל 1936. דאָס איז געווען די צייט, ווען די דיסקו־

סיעס צווישן די פראַקציעס זיינען געווען אין פולן גאַנג. „קעגן שטראָם", דער אָרגאַן פון דער לינקער ריכטונג, האָט באַאייִנפלוסט באַדייטנדיקע טיילן פון אונדזער יוגנט. דער „בונד" איז שוין געווען אָנגעשלאָסן אין דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל קעגן דער אָפּאָזיציע פון דער מינדערהייט, און דער „צוקונפט"־צוזאַמענפאָר האָט געדאַרפט אָננעמען אַ באַשלוס וועגן אַריינטרעטן אין דעם יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל.

דער צוזאַמענפאָר איז געווען אַן אימפּאָזאַנטער. די יוגנט־באַוועגונג איז אין די לעצטע יאָרן שטאַרק אויסגעוואַקסן. אין 1936 האָט די „צוקונפט" געהאַט 184 אָרגאַניזאַציעס מיט ביין טויזנט מיטגלידער. יעדער דעלעגאַט וואָס איז געזעסן אין דעם זאַל פון דעם האַנדלס־אָנגעשטעלטע־פאַראיין, איז שטאָלץ געווען מיט די דערפאָלגן פון זיין אָרגאַניזאַציע. און די צייט איז געווען אַ שווערע: דער הימל איבער איראָפּע איז געוואָרן פינצטער, די מלחמה־געפאַר איז געהאַנגען איבער די קעפּ, די נויט אין די יידישע שטעטלעך איז געווען גרויס און עס זיינען געוואַקסן די אַנטי־סעמיטישע שטימונגען. אויסזיכטלאָז האָט אָפּט אויסגעזען די צוקונפט, אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, האָבן בשעת דעם צוזאַמענפאָר, פון הונדערטער אויגן אַרויסגעשטראַלט האָפענונג און גלויבן.

אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דעם צוזאַמענפאָר איז געשטאַנען דער דיאַלאָג צווישן צוויי ריכטונגען. לעאָן אָלטער איז געווען דער הויפּט־רעדנער פון דער לינקער ריכטונג אין דער „צוקונפט"; דער הויפּט־רעדנער פון דער מערהייט איז געווען שלום הערץ, וואָס האָט פאַרטיידיקט דעם אָנשלוס פון „בונד" אין דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. לעאָן האָט דערקלערט: „דער אַרגומענט, אַז די יוגנט דאַרף אָננעמען אַן אַ דיסקוסיע די שטעלונג פון דער פּאַרטיי, איז פאַר אונדז נישט אָננעמבאַר. דער באַשלוס פון דעם 4טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" באַדייט נישט, אַז די מינדערהייט זאָגט זיך אָפּ פון איר רעכט צו פאַרטיידיקן און פּראָפּאַגאַנדירן איר שטעלונג: עס באַדייט בלויז, אַז אונדזער יוגנט־אָרגאַניזאַציע דאַרף נישט האַנדלען אין סתירה מיט דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי. מיר האָבן אָבער דאָס רעכט אַרויסצוברענגען אונדזער אייגענע מיינונג".

די אַטמאָספער איז געוואָרן אַן אָנגעגליטע. לעאָן האָט פאַרענדיקט זיין רעדע מיט די ווערטער: „יאָ, מיר ווילן טאַקע ווערן אַ טייל פון אינטערנאַציאָנאַל, אָבער פון אַן אינטערנאַציאָנאַל פון טאַט".

נאָך די דעבאַטעס האָט די „איינסער"־רעזאָלוציע געקראָגן 49 שטימען און די רעזאָלוציע פון די „צווייער" — 31. דאָס אָפּשטימען פון דעם באַריכט פון צ"ק פון דער „צוקונפט" האָט געבראַכט די זעלביקע שטימען־פאַרטיילונג.

לעאָן האָט פאַרטיידיקט זיין שטעלונג מיט טיפער איבערצייגונג. אָבער באַלד נאָך דער אָפּשטימונג האָט ער געפילט אַז די אַטמאָספער איז שטאַרק אָנגעשטרענגט; דער צוזאַמענפאַר איז געקומען צום סוף: מאָרגן דאַרפן הונדערטער יונגע בונדיסטן צוריקפאָרן אין זייערע שטעט און שטעלן זיך צו דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. עס איז געווען נייטיק גראָד אין דעם מאָמענט אונטערצושטרייכן די געשלאָסנקייט אין די רייען פון די יוגנטלעכע. אויף אַ באַראַטונג פון די „צוויייער" האָט לעאָן געמאַכט אַזאַ פאָרשלאָג: באַלד וועט קומען אין זאַל העבריק ערליך, און זעלבסטפאַרשטענדלעך וועלן מיר אים אויפנעמען מיט אָפענע הערצער, אָבער כדי אונטערצושטרייכן די איינקייט אין אונדזערע רייען, דאַרף מען ברענגען אַהער דעם חבר חיים וואַסער, און מיר וועלן באַגריסן זיי ביידע צוזאַמען; דאָס וועט זיין אַ סימבאָל פון איינהייט אין דער פּאַרטיי און אין דער יוגנט־באַוועגונג.

אַלערס פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. דער שלום פון דעם צוזאַמענפאָר איז געווען אַ געשלאָסענער, אַ געאייניקטער, און דאָס האָט פאַר דער בונדישער יוגנט סימבאָליזירט די איינקייט פון „בונד".

לעאָן איז געווען אַ שרייבער, אַ באַגאַבטער מאַסנרעדנער און אַ דערציִער פון די יונגע אַרבעטער און שילערס. ער האָט שטאַרק משפּיע געווען די יוגנטלעכע, ווייל זיי אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער טראָגט אין זיך טיפן גלויבן אין די אידעען, וועלכע ער פאַרטיידיקט, און אַז ער באַמיט זיך זיי צו פאַרווירקלעכן אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן, אין די באַציאונגען מיט זיינע מיטמענטשן — אין גאַס, אין שטוב, אין זיין אַרבעטספּלאַץ.

די, וואָס האָבן געהאַט די זכיה לעאָנען פּערזענלעך צו קענען, האָבן אין אים געזען דעם בעסערן מענטשן פון מאָרגן.

ער האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין אונדזער פּאַרטיי אויך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. די רעשטלעך פון די בונדישע מאַסן האָבן געפונען נייע היימען אין פאַרשיידענע לענדער. אַלער איז אַריין אין דער אָנפירערשאַפט, וואָס האָט אָנגעהויבן אויפצובויען די בונדישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. מענטשן האָבן געבראַכט אין די נייע היימען אַ סך זאָרגן, אַנטוישונגען און צווייפלען. אַלער האָט אָבער קיין מאָל נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין סאָציאַליזם און בונדיזם.

אין אַלע באַדינגונגען, און אויך אין דער תפיסה און אין דעם לאַגער, איז ער געווען טריי צו זיין נאַטור און פלעגט העלפן די אָרומיקע מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ טרייסט, מיט אַן אויסגעשטרעקטער ברידערלעכער האַנט. ווען ער איז באַפרייט געוואָרן און געקומען צוריק צו

זיין משפחה און צו דער בונדישער סביבה, איז זיין דאָמינירנדע שטימונג געווען אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן סטאַליניסטישן רעזשים און ברוטאַלע טעראָר־מעטאָדן, פון דעסט וועגן איז ער געבליבן טריי די אידעען פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. ער האָט מיט דער זעלבער איבערצייגונג ווי פריער אָפּגעטיילט דאָס בילד פון סאָציאַליסטישער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט פון די פאַרקריפּלטע פאָרמען פון סאָציאַליזם, געשאַפענע דורך דער טאָטאַליטאַרער דיקטאַטור.

ביז דער לעצטער מינוט האָט לעאָן אָלער טריי אָפּגעהיטן די גרונטפּרינציפּן, אויף וועלכע אונדזער באַוועגונג איז געווען געבויט. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געדינט די דאָזיקע הויכע אידעען.

שאַשקע ערליך (ניו־יאָרק)

# דזשעלנע 22

אין דער דירה ג׳ 14 אויף דזשעלנע 22 האָבן געוואוינט די אַלערס: לעאָן, ליאָניע און זייערע צווילינג־מיידלעך חנה און הינדע. אָבער ניט נאָר זיי, אַ שטענדיקער איינוואוינער אין דער דירה איז געווען דער ח׳ קאַץ, דער פאַרוואַלטער פונעם בונדישן קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו אויף דזשעל־נע, וואָס אַלע אַלערס האָבן אים גערופן „קעצל״ און זיינען געווען צו אים זייער צוגעבונדן. דאָס פאַרפאַלק האַפּטאַרטשיק (פרוי האַפּטאַרטשיק איז געווען ליאָניעס אַ שוועסטערן־טאָכטער) איז כמעט יעדן טאָג געקומען זיין כאַטש אַ ביסל מיט די אַלערס; און זייער אַן אָפטער גאַסט פון גריצע איז געווען „די געלע פּערל״, ניט קיין קרובה, אָבער איינע פון די געטרייסטע מיטגלידער פון דער משפּחה. אין דער זעלבער דירה האָט ליאָניע געניית קליידער אויף באַשטעלונג, און ס׳האָט איר אין דעם צוגעהאָלפן די שטילע איידעלע אסתר וואָס איז זייער גיך געוואָרן אַ טייל פון דער משפּחה. זי האָט נאָך פון איר זייט צוגעצויגן איר ברודער אויך. די משפּחה אַלער איז ניט געווען קיין איין מאָל פאַר אַלע מאָל געשלאָסענער איינס. דער משפּחה־קרייז האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן, גרייט אַריינצו־נעמען נאָך און נאָך מיטגלידער, און אַלע צוזאַמען האָבן געשאַפן אַ ניט־אויפגעצוואונגענע, פרייוויליק אויסגעקליבענע אויסגעברייטערטע משפּחה. דאָ האָט מען געקריגן וואַרעמקייט, ווען מען האָט באַדאַרפט, אַ מאַלצייט, ווען מען איז געווען הונגעריק, אַ הלוואה, ווען מען איז געבליבן אָן אַ גראָשן, אָדער אַן עצה, ווען מען איז געווען אין אַ קלעם.

לעאָן איז געווען דער רעפּערענט פונעם קרייז „פּראַמעטיי״ ביי דער אָרגאַניזאַציע פון יוגנט־בונד „צוקונפט״. די פאַרזאַמלונגען פונעם קרייז פלעגן אָפט פאַרקומען ביי די אַלערס אין דער היים אויף דזשעלנע 22. ביסלעכווייז האָבן די פּראָמעטייערס אָנגעהויבן קומען אויף דזשעלנע ניט דווקא צוליב די קרייז־פאַרזאַמלונגען, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל מען האָט זיך דאָרט גוט געפילט, ווייל ס׳איז דאָרט געווען וואַרעם, ווייל ליאָניע איז גרייט געווען אויסצוהערן יעדן איינעם, און ווייל חנה און הינדע האָבן די פּראָמעטייערס גענומען באַטראַכטן ווי זייערע עלטערע ברידער און

שוועסטערס. די טיר פון דער דירה ג׳ 14 אויף דזשעלנע 22 איז דוכט זיך קיין מאָל ניט געווען פאַרשלאָסן. דאָרט איז אַלע מאָל עמעצער געווען. מען האָט ניט דווקא געמוזט פריער אָנקלינגען, מאַכן אַ באַשטעלונג, מען איז פשוט געקומען. האָט מען צוליב עפּעס געדאַרפט האָבן לעאָנען, און ער איז געווען ביי דער אַרבעט, אָדער אויף אַ זיצונג, איז מען געקומען נאָך אַ מאָל.

דער פּראָמעטיי־קרייז איז אין תוך געווען אַן אַליין־בילדונג־קרייז, לעאָן, ווי דער פירער פון קרייז האָט ניט צוגעשטעלט קיין באַשטימטן לערן־פּראָגראַם; ער פלעגט פאָרלייגן, אָדער בלויז סוגערירן אַ טעמע, אָדער גאָר שטעלן אַ פראַגע. דאָס זעלבע האָט אויך געקענט טאָן יעדער מיטגליד פון קרייז. ס׳רוב רעפעראַטן פלעגן צוגרייטן די מיטגלידער פון קרייז גופא; פון צייט צו צייט פלעגט רעפערירן לעאָן, און דערנאָך איז געווען אַן אַלגעמיינער שמועס. אין די אַלע שמועסן איז געווען אַן עיקר: ניט יאָגן זיך מיט געבן גערעכט איין צד, אָדער אַ צווייטן, נאָר באַקענען זיך מיט פאַרשיידענע שטאַנדפונקטן, אויסהערן וואָס פאַרשיידענע מענטשן זאָגן וועגן איין און דער זעלבער פּראָבלעם. לעאָן פלעגט מיט אַ סך טעמפּעראַמענט פאַרטיידיקן זיין אייגענע שטעלונג, אָבער ביים רעפערירן האָט ער זיך זייער באַמיט איבערצוגעבן אָביעקטיוו אַן אַנדערנס מיינונג. ער אַליין האָט אין בונד געהערט צו דער אַ״ג „צווייער״־פראַקציע, אַ גרויסער טייל מיטגלידער פון קרייז — ניט. אָבער לעאָנען איז געגאַנגען אין דעם, אַז יעדער מיטגליד פון קרייז זאָל פילן, אַז מען מוז ניט דווקא מסכים זיין מיט אַ צווייטנס פּאָליטישע שטעלונג, כדי צו האָבן דרך־ארץ איינער פאַרן אַנדערן, כדי צו זיין נאָענטע פריינד. דאָס האָט געשטאַרקט דעם צוטרוי און דרך־ארץ צו אים. די מיטגלידער פון פּראָמעטיי־קרייז האָבן לעאָנען ליב געהאַט.

לעאָנס טעכטערלעך האָבן מיט גרויס נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צו דעם וואָס סע טוט זיך אין שטוב. זיי האָבן באַמערקט, אַז די פּראָמעטייערס קומען צו זייער טאַטן מיט פאַרשיידענע קשיות, און ער ענטפערט אַלעמען. האָט הינדעלע איין מאָל באַשלאָסן, זי וועט אויך שטעלן אַ פראַגע (זי איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 9): טאַטע, ווער זיינען דאָס די איינסער און די צווייערס אין בונד? האָט לעאָן, ווי זיין שטייגער איז געווען, זייער ערנסט און געדולדיק גענומען אויפקלערן דער 9־יאָריקער הינדען דעם חילוק צווישן די צוויי בונדישע פראַקציעס. ער, דער צווייער האָט זיך זייער באַמיט אָביעקטיוו איבערצוגעבן די אַרגומענטן פון דער איינסער־פראַקציע. האָט הינדעלע ברייט צעעפנט די אויגן, אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן מיט גרויס וואונדער און געזאָגט: אויב אַזוי, זיינען דאָך די

איינסער גערעכט. דו מיינסט אַזוי? האָט לעאָן געענטפערט מיט אַ פראַגע, און ער האָט זיך האַרציק צעלאַכט.

איין מאָל אויף אַ פאַרזאַמלונג פונעם קרייז האָט איינער פון די פראַ־מעטייערס איבערגעלייענט אַ בריוו פון אַ געוועזענעם מיטגליד פון קרייז. דער תמצית פונעם בריוו איז געווען:

ווען איר וואָלט געוואוסט וואָסער ראָלע איך האָב געשפילט אויפן פראָמעטיי־קרייז, וואָלט איר מיר געשפיגן אין פנים אַריין. די קאָמוניס־טישע פאַרטיי האָט מיך געשיקט צו אייך איך זאָל זיך פאַרשטעלן פאַר אייערס אַן אָנהענגער כדי עס זאָל מיר זיין גרינגער אייך צו פאַראַגיטירן און צו געווינען אייך פאַר מיין פאַרטיי. איר האָט מיך ניט איבערצייגט, אַז איר זענט פאָליטיש גערעכט. דער בונד קען ניט זיין גערעכט, ווייל ער איז לעגאַל און ווייל אייערע קרייזן אין דער וואַרעמער שטוב אויף דזשעלנע 22 זיינען פונקט אַזוי פאַרפירעריש ווי די פאַרזאַמלונגען ביי דער שומרישער יוגנט. אָבער מער אויף אייער קרייז וועל איך ניט קו־מען, ווייל איך קען ניט טאָן מיין אַרבעט אין דער אַטמאָספער פון פער־זענלעכן צוטרוי וואָס איר האָט איינער צום אַנדערן און אַלע צוזאַמען צו לעאָנען.

די פראָמעטייערס האָבן אַקצעפטירט לעאָנס פאָטערלעכע ראָלע וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. ער איז צווישן די פראָמעטייערס געווען דער עלטסטער אין יאָרן, אַ מיטגליד פון צענטראַלן קאָמיטעט פון דער בונדי־שער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, און דער אָפיציעלער קרייז־פירער. אָבער ניט דאָס האָט דעצידירט. לעאָנס באַציאונג צו ייִנגערע פון זיך (ניט בלויז פראָמעטייערס) איז בכלל געווען אַ פאָטערלעכע. אַ גלעט איבערן קאָפ איז געווען זיינס אַ באַטירלעכער זשעסט לגבי דעם יוגנטלעכן, מיט וועלכן ער האָט גראָד געהאַלטן אין שמועסן. ער האָט זיך אַלע מאָל געזען אין דער ראָלע פון אַ מילדן פאָטער וואָס פאַרשטייט גוט די קינדער פון זיין אויסגעברייטערטער משפחה און ער איז גוט צו זיי. ער האָט זיי שטענ־דיק באַגעגנט און באַגלייט מיט אַן אָפן און שמייכלענדיק פנים. ס׳זיינען געווען אויך אַזעלכע פראָמעטייערס וואָס האָבן זיך זייער גענייטיקט אין לעאָנס פאָטערלעכקייט: זיי האָט לעאָן געהאָלפן איבערהאַלטן דעם קאָנ־פליקט מיט זייערע אייגענע פאָטערס.

דער פראָמעטיי־קרייז איז אָפיציעל געווען אַ שילער־קרייז און דאָס האָט משפיע געווען דעם אינטעלעקטועלן ניוואָ פונעם קרייז. אָבער צום קרייז האָבן געהערט ניט נאָר שילער: טייל מיטגלידער זיינען געווען פיזישע אַרבעטער, וואָס ניט נאָר זיינען זיי ניט אָפגעשטאַנען פון די שי־לערס אינטעלעקטועל, נאָר זיי האָבן נאָך צוגעטראָגן סאָלידקייט וואָס האָט דעם קרייז פאַרהיט פון צעשוואומענקייט און פון סתם שיין־ריידעריי. אַלע

מיטגלידער פון קרייזן זיינען געווען צוגעבונדן איינער צום צווייטן; די שילערס און די אַרבעטער זיינען זיך געווען נאָענטע פריינד.

צום „פּראָמעטיי" האָבן געהערט גימנאַזיסטן, וואָס זייערע עלטערן האָבן געוואוינט אין וואַרשע. אָבער טייל פּראָמעטייערס זיינען געהאַט געקומען פון דער פּראָווינץ זיך לערנען אין אַ וואַרשעווער גימנאַזיע. פאַר די פּראָווינצער גימנאַזיסטן איז דער קרייז „פּראָמעטיי", און די אויסגעבריטערטע משפחה אויף דזשעלנע 22, געווען ניט אָפּצושאַצן. אוודאי איז דער חשק צום לערנען זיך געווען גרויס און אויף שוועריקייטן איז מען געווען גרייט, אָבער מען איז דאָך פאַרט צום ערשטן מאָל אַוועק פון דער היים און מען איז פונעם קליינעם שטעטל אַריינגעפאַלן אין דער גרויסער פרעמדער שטאָט, וואו ס'איז קיין קרוב ניט געווען. איז דער קרייז „פּראָמעטיי" און די משפחה אַלער געוואָרן פאַר די פּראָווינצער גימנאַזיסטן אַן אָנשפּאַר בעת די גימנאַזיע־יאָרן און אפילו נאָך דעם ווי מען האָט שוין די גימנאַזיע געענדיקט. פון דזשעלנע 22 איז מען ניט אַוועק. שפּעטער ווען עס פלעגן פון דער פּראָווינץ קומען ייִנגערע, אָדער עלטערע משפּחה־מיטגלידער פון די פּראָמעטייערס, פון מאַלקין צי פון קאָסעווע, פון גאָמבין צי פון ביאַליסטאָק, האָט יעדערער פון זיי געהאַט דעם אַדרעס דזשעלנע 22: מען איז געקומען צו לעאָנען און ליאַניען.

אין דער פלעגערין־שול ביים ייִדישן שפּיטאָל אויף טשיסטע האָט זיך געלערנט ליאָניעס שוועסטערן־טאָכטער עוואַ. אויף צוצוטוליען זיך צו דער משפחה אַלער האָט זי קיין באַזונדערן זכות ניט באַדאַרפט; ס'איז געווען איר משפחה. זי איז געווען לעאָנס אַ פּאָליטישער קעגנער. אָבער זיך אָפּזאָגן צוליב דעם פון לעאָנס גאַסטפריינדלעכקייט האָט זי ניט געמוזט. אויף אירע רייד קעגן בונד פלעגט לעאָן ענטפערן מיט אַ שמייכלענדיקן קרעכץ, מיט אַן אמתן באַדויער, וואָס זי ניצט אַזאַ שפּראַך. אָבער ער האָט זי ניט באַליידיקט, זי האָט דאָך געדאַרפט אָנקומען צו אים און צו זיין היים. אַן אַנדער שילערין פון דער זעלבער פלעגערין־שול איז געווען געניע בריליאַנטשטיין, אַ צוקונפטיסטקע, אַ מיטגליד פון לעאָנס פּראָמעטיי־קרייז. האָט זי זיך ניט איין מאָל געקלאָגט פאַר לעאָנען, אַז עוואַ און אירע חברטעס טוען איר אָן געברענטע צרות אין שול און אין שפּיטאָל ביי דער אַרבעט. לעאָן האָט געניען געטרייסט, איר אויפגעוויזן ווי וויכטיק עס איז צו בלייבן ביי דער אייגענער מיינונג אפילו ווען מען איז אין דער מינדערהייט, אפילו ווען מען האָט פאַר זיך אַ פּאָליטיש אַגרעסיוון קעגנער וואָס ניט אַלע מאָל ניצט ער עטישע מעטאָדן פון קאַמף. פאַר לעאָנען איז געווען וויכטיק, אַז די טיר פון דער דירה ב' 14 אויף דזשעלנע 22 זאָל בלייבן אָפן סיי פאַר עוואַן סיי פאַר געניען.

דער צייט־אָפּשניט צווישןביידע וועלט־מלחמות (1918—1939) איז

פאַר דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן געווען אומגלייבלעך אינטענ־סיוו. אין די אַן ערך צוואַנציק יאָר פון אומאָפּהענגיקן פוילן האָבן זיי זיך פאַרמאָסטן אויפצובויען אַ מאָדערנעם שטייגער לעבן, וואָס עלעמענטן זיינע האָבן שוין עקזיסטירט, נאָר זיי זיינען געווען צעוואָרפן אין פאַרשיי־דענע ווינקלען פון יידישן לעבן; מען האָט זיי ערשט געדאַרפט צונויפ־נעמען און פּרוּוון סיסטעמירן.

אַ סך נייעס איז געקומען פון דעם אַרבעטער־סעקטאָר. יידישע סאָ־ציאַליסטן האָבן גענומען פאַרענטפערן פּראָבלעמען פון פּערזענלעכן אויפ־פיר אין הסכם מיט זייער אידעאַל פון אַן אַבסאָלוט יושרדיקער וועלט אַן דער הילף פונעם פאַרפיקסירטן טראַדיציאָנעל־יידישן מאָראַלישן קאָדעקס. מען האָט געהאַלטן אין איין זוכן דעם ריכטיקן וועג. מינהגים האָבן זיך גענומען איינשטעלן „פון זיך אַליין"; איינער האָט ביים צווייטן געלערנט ווי אַזוי צו זיין אַ סאָציאַליסט ניט נאָר פּאָליטיש, אין דער פּאַרטיי, נאָר אויך אין וואַרשטאַט ביי דער אַרבעט, און ביי זיך אין דער היים, אין פּריוואַטן לעבן. ווי דאַרף אויסזען אַ סאָציאַליסטישע משפּחה? ווי דאַרפן זיין די באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי? צווישן עלטערן און קינדער? קיין אַנטגעגרייטע ענטפערס זיינען ניט געווען. די בונדישע יוגנט פלעגט אויף אירע קרייזן הייס דיסקוטירן די אַלע פראַגן. מען האָט גע־זוכט ענטפערס ביי די מאָדערנע שרייבערס פון דער וועלט־ליטעראַטור; ספּעציעל האָט מען געטייטשט און אַריינגעטייטשט אין די ווערק פון ראָמען ראָלאַן. פון רוסלאַנד און פון דייטשלאַנד זיינען דערגאַנגען אָפּ־קלאַנגען פון די אַמפּערנישן אַרום דער „גלאַז וואַסער־טעאָריע", וואָס די בונדישע יוגנט האָט געהאַלטן פאַר ניט־סאָציאַליסטיש. אין די דיסקוסיעס און שמועסן איז געקומען צום אויסדרוק אַ שפּאָר ביסל נאַאיווקייט גע־פּאָרט מיט טרוימערישן אידעאַליזם. עלטערע חברים וואָס זיינען ביז אי־בערן קאָפּ געווען פאַרוואָרפן מיט וויכטיקער פּאָליטישער אַרבעט האָבן ניט אַלע מאָל געהאַט צייט און געדולד זיך פונאַנדערצוקלייבן אין די „נייע" יוגנט־פילאָסאָפיעס. אָבער לעאָן איז אין דעם פּרט געווען איינס מיט דער יוגנט. נאָך מער. ער האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירן אין דער פּראַקטיק דעם אידעאַל פון אַ סאָציאַליסטישער משפּחה: זיין שטוב, זיין היים האָט געזאָלט זיין אַ פּרוּוו צו אילוסטרירן דעם אידעאַל. לעאָן האָט זיין משפּחה־לעבן ניט אָפּגעשלאָסן פון דער יוגנט; די יונגע האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו זיין עדות פון אַ משפּחה־לעבן, וואו ס'איז געווען אַן אַ שיעור וואַרעמקייט, ליבשאַפט און דרך־ארץ פון איינעם צום אַנדערן. ניט איינער פון די יונגע האָט ביי זיך געטראַכט: אפשר איז דאָס דער וועג.

די מיטגלידער פון דער אויסגעברייטערטער אַלער־משפּחה זיינען גע־

ווען ניט בלויז נעמערס און געניסערס. זיי האָבן זיך אין דער אַלער־משפּחה געלערנט געבן אויך. ווען לעאָן און ליאָניע האָבן באַדאַרפט ערגעץ גיין, ווען עמעצער אין דער משפּחה איז קראַנק געוואָרן, אָדער גאָר בעת מען האָט לעאָנען און ליאָניען אַרעסטירט, האָט די שטוב ניט אויפגע־הערט זיין שטוב. ס׳האָט זיך אַלעמאָל געפונען עמעצער וואָס האָט איבער־גענומען די התחייבות פאַר דער שטוב, פאַר די קינדער. דער משפּחה אַלער איז מען גרייט געווען צו געבן פּונקט אַזוי גרינג ווי מען האָט פון איר גענומען. פון דעם איז צוגעקומען אַ סך געזונט דער אַטמאָספער אויף דזשעלנע 22.

מיט דער צייט זיינען די פּראָמעטייערס עלטער געוואָרן און זיי זיינען פון דער „צוקונפט" אַריבער אין דער פּאַרטיי: די סטודענטן זיינען גע־וואָרן מיטגלידער פון דער בונדישער אַקאַדעמישער גרופּע „רינגען", די אַרבעטער זיינען אַריין אין זייערע פּאַרטייאישע פאַכגרופּעס און די פאַר־זאַמלונגען פונעם קרייז „פּראָמעטיי" האָבן צו ביסלעך אויפגעהערט. ניט אַלע מיטגלידער פונעם „פּראָמעטיי"־קרייז זיינען געבליבן אין בונד.

ס׳זיינען געווען אַזעלכע וואָס זיינען אַוועק, ווען זייערע פּערזענ־לעכע פאַרבינדונגען מיט לעאָנען און מיט זיין משפּחה האָבן זיך איבערגעריסן (ווען זיי זיינען אַוועק אין אויסלאַנד למשל), ווען די קרייז־פאַרזאַמלונגען האָבן אויפגעהערט, נאָר וואוהין זיי זאָלן ניט האָבן אַוועק, האָבן זיי מיט זיך מיטגענומען אַ מעסטל פון יענער וואַרעמער מענטשלעכקייט, מיט וועלכער לעאָן און ליאָניע האָבן אויסגעשטאַט זייער דירה אויף דזשעלנע 22. לעאָן איז געווען זייער שטאָלץ מיט דעם וואָס דער רוב פונעם קרייז איז געבליבן מיטן בונד. טייל פון די קרייז־מיט־גלידער זיינען מיט דער צייט אַליין געוואָרן אַקטיווע טוערס אין דער בונ־דישער באַוועגונג און זיי זיינען געבליבן פאַרבונדן מיט לעאָנען סיי אידעע־איש סיי פּערזענלעך ביז צום סוף פון זיין לעבן.

פנחס וואָלקאָוויטש (מאָנטרעאָל, קאַנאַדע)

# ח׳ לעאָן אָלער אין יוגנט־בונד־„צוקונפט״ אין פוילן

דעם 23סטן יאַנואַר 1971 האָט זיך פּלוצלינג איבערגעריסן דאָס לעבן פון לעאָן אָלער. זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַ טיפן טרויער ביי דער שארית־הפּליטה פון דער בונדישער באַוועגונג. דער גורל האָט באַשטימט, אַז זיין לעצטע רעדע, געווידמעט דעם 73סטן יובל פון „בונד״, זאָל חבר אָלער האַלטן שבת דעם 5טן דעצעמבער 1970 אין מאָנטרעאָל. פאַר די אויגן פון די מאָנטרעאָלער בונדיסטן שטייט נאָך זיין הויכע און גלייכע פיגור; עס קלינגט אין אונדזערע אויערן זיין שטים, און עס איז אַזוי פיינפול אָנצונעמען דעם טראַגישן פאַקט פון זיין טויט. עס איז פון אונדז אַוועק איינער פון די, וואָס האָבן הויך געהאַלטן די העראָאישע פאָן פון פוילישן „בונד״.

לעאָן אָלער האָט געהערט צו די, וועמען זייער עפּאָכע האָט אָפּגעקליבן צו זיין פּיאָנערן און טראָגערס פון די נייע אידעען און לעבנס־פאָרמען פון זייער צייט. זייער היסטאָרישע שליחות איז באַשטאַנען אין אַרויס־ברענגען די שטרעבונג פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט צו קעמפן פאַר אַ בעסערן און שענערן וועלט־סדר. דאָס איז געווען די אויפוואַכנדיקע יידישע יוגנט ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. שווער און ביטער איז געווען איר לעבן אין דער צייט פון דער מלחמה און אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן. די יידישע אַרבעטער־יוגנט האָט שטאַרק געליטן פון אַנטיסעמיטישן עקאָנאָמישן באָיקאָט, פון אַרבעטסלאָזיקייט און נויט, פון רעכטלאָזיקייט און פון פּאָליטישע רעפּרעסיעס, וואָס האָבן אָפּט דערפירט צו טראַגישער אויסזיכטלאָזיקייט. אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען האָט דער יוגנט־בונד „צוקונפט״, דער נאָכגייער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״, אָנגעהויבן פונאַנדערצובויען, נאָך דעם ערשטן צוזאַמענפאָר אין 1919, אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע און גענומען פירן אַן אינטענסיווע טעטיקייט אויף פאַרשיידענע געביטן פון יידישן לעבן. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן יוגנט־סעקציעס ביי די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען, וועלכע האָבן געפירט דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון דער אַרבע־

טנדיקער יוגנט; אַ פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט איז געפירט געוואָרן אויף
אָונט־קורסן, קרייזן און אין ביבליאָטעקן; ס׳זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן
זומער־און ווינטער־אויספלוג־לאַגערן, צוזאַמענפליען, רעפערענטן־שולן און
צוזאַמענפאָרן. מיט דער פילזייטיקער טעטיקייט האָבן אָנגעפירט באַקאַנטע
איבערגעגעבענע אידעאַליסטישע יוגנט־טוער. ח׳ אַלער איז געווען איינער
פון זיי. ער האָט אָבער פּרעזענטירט אַן אייגענעם סטיל, וואָס האָט זיך
אויסגעדריקט אין זיין דירעקטן, אינטים־חברישן צוגאַנג צו די יוגנט־
לעכע, מיט וועלכע ער פלעגט אָפט פאַרברענגען און פירן לאַנגע שמועסן.
אַלער איז געוואָרן דער אָנערקענטער מוסטער־יוגנט־טוער, און ער האָט
גענאָסן פון אַ באַזונדערער אָנערקענונג און ליבשאַפט פון דער יוגנט
און שפעטער אויך פון סקיף, צו וועמענס אָנפירונג ער האָט געהערט. אויף
די קולטור־קאָנפערענצן און רעפערענטן־שולן האָט ח׳ לעאָן רעפערירט וועגן
די מעטאָדן פון קרייז־פירונג און וועגן דער מאָדערנער יוגנט־פּראָבלע־
מאַטיק. ער איז אויך געווען אַ מוסטער אין קאָנסעקווענט דורכפירן אָנ־
גענומענע באַשלוסן: און אין הסכם מיט זיי האָט ער נישט גערייכערט
און נישט געטרונקען קיין שום אַלקאָהאָלישע געטראַנקען; ער האָט זיך
באַגריסט מיט דער „חברשאַפט"־באַגריסונג און איז מיט יעדן איינעם
צווישן אונדזער יוגנט געווען אויף „דו". ח׳ לעאָן איז געווען אַ גוטמוטי־
קער: ווען ער פלעגט רעדן צו אַ ייִנגערן פון זיך, פלעגט ער אַרויפ־
לייגן די האַנט אויף זיין אַקסל און אים אַרומנעמען מיט אַ וואַרעמען
בליק. דאָס האָט געשאַפן אַן אַטמאָספער פון נאָענטקייט און צוטרוי.

לעאָן אַלערס גרונט־כאַראַקטער־שטריך איז געווען די טיף־מענטש־
לעכע איבערגעגעבנקייט צו זיינע חברים און פריינד. איך האָב אַ סך וועגן
דעם געהערט פון דעם קרייז־מענטשן וואָס זיינען מיט אים געקומען אין
באַרירונג. מיין פערזענלעכע פּראַקטיק האָט דאָס באַשטעטיקט: יעדע באַ־
געגעניש מיט לעאָנען האָט פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן; יעדער באַזוך
ביי די אַלערס האָט מיך אַריינגעפירט אין אַן אַטמאָספער פון האַרציקער
גאַסטפריינדלעכקייט. ווען איך האָב נאָך דער מלחמה אין 1946 זיך אום־
געקערט פון רוסלאַנד קיין פוילן, האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון
ח׳ אַלער, אין וועלכן ער האָט מיר צווישן אַנדערן געשריבן, אַז אויב איך
וויל, איז ער גרייט מיר צו העלפן צו קומען קיין אַמעריקע. ער האָט
מיר אויך געשיקט אַ מתנה. איך בין געווען איבערראַשט, ווייל איך האָב
צו קיינעם נישט געהאַט געשריבן, און דאָס פאַרלאָזן פוילן איז אין יענער
צייט פאַר מיר נישט געווען אַקטועל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ח׳
לעאָן אַלער האָט וועגן מיר געטראַכט און געזאָרגט. איך בין געווען אין
דעם חרובדיקן פוילן איינזאַם, אָן מיין משפּחה, און זיין זאָרג פאַר מיר
איז געווען אַ וואַרעמע דערמוטיקונג...

די גאַנצע בונדישע באַוועגונג איז זינט דעם 1טן צוזאַמענפֿאַר אין קראַקע אין 1920, און דעם 2טן אין דאַנציק אין 1921, געווען צעטיילט אויף כמעט צוויי גלייכע טיילן, אַ״ג „איינסער״ און „צווייער״. היינט נאָך אַזוי פיל יאָרן, קוקנדיק פֿון אַ היסטאָרישער דיסטאַנץ, איז צו באַוואונ־דערן די פֿאָרעם פֿון דעם דאָזיקן אידעאישן געראַנגל. הגם ער איז גע־ווען אַ טיפֿגרייכיקער און אָפֿט אַ ליידנשאַפֿטלעכער, האָט אָבער אין דעם צוזאַמענלעבן פֿון ביידע צדדים דאָמינירט דאָס באַוואוסטזיין פֿון זייער קעגנזייטיקער פֿאַרבינדונג און זייער זאָרג פֿאַר דער גאַנצקייט פֿון „בונד״. אויב דאָס איז אַזוי געווען, איז דאָס צו פֿאַרדאַנקען ביידע צדדים, וואָס האָבן אין פֿייער פֿון שטרייט נישט פֿאַרלוירן זייער טאָלעראַנץ און קעגנ־זייטיקן רעספּעקט. אויב עס רעדט זיך וועגן דער „צווייער״־ריכטונג, איז דאָס געווען דער פֿאַרדינסט פֿון דעם אומפֿאַרגעסלעכן אויסערגעוויינלעכן מענטשן יוסף לעשטשינסקי (כמורנער). פֿאַרן יוגנט־בונד „צוקונפֿט״ איז דער ח׳ אָלער געווען דאָס וואָס ח׳ כמורנער איז געווען פֿאַרן „בונד״. ער האָט מיט זיין רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט באַגרינדעט די איינשטעל־לונג פֿון דער „צווייער״־ריכטונג צווישן דער יוגנט. אין די רעפֿעראַטן אויף די צוזאַמענפֿאָרן פֿון דער „צוקונפֿט״ פֿלעגט ער אַרויסטרעטן ווי דער פֿירער פֿון די „צווייער״ און ער איז געווען זייער וואָרטזאָגער אין וואָרט און שריפֿט. זיינע רעדעס און אַרטיקלען זענען געווען שיין אין פֿאָרעם און באַלערנדיק אין אינהאַלט.

אידעאיש און פּאָליטיש איז ח׳ אָלער אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן געבליבן געטריי זיין ריכטונג און איר איינשטעלונג סיי אין דער אינ־טערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, סיי אין דער יידישער פּראָבלעמאַטיק. דאָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין זיין לעצטער רעדע אין מאָנטרעאָל, וועלכע איז געווען פֿיין קאָנסטרואירט און רייך אין היסטאָרישער אינפֿאָרמאַציע.

ח׳ לעאָן אָלער איז געווען איינער פֿון די, וועמענס שיף איז צום ברעג נישט דערגאַנגען נישט צוליב זיין שולד: בייזע כוחות האָבן זי צעשטערט. די העראָאישע, לעגענדאַרע יידישע אַרבעטער־יוגנט אין פּוילן איז אומגעקומען. דער נאָמען פֿון יוגנט־בונד איז געווען „צוקונפֿט״, אָבער קיין צוקונפֿט איז איר נישט געווען באַשערט. ס׳איז אָבער פֿאַרבליבן איר „גאַנג אויף אַ זוניקן וועג״, און אין דעם גאַנג איז ח׳ לעאָן אָלער געווען איינער פֿון די שענסטע פֿירערס, און ווי אַזאַ וועט ער אַריין אין די אַנאַלן פֿון דער געשיכטע פֿון „בונד״. דער זוניקער וועג צום סאָציאַליזם בלייבט ווייטער אונדזער טרייסט און אונדזער האָפֿענונג.

יהודה־משה אַליוּוער (מעלבורן, אויסטראַליע)

# דער ערשטער מאַי אין פּלאָצק אין 1936

## (אַ בלעטל זכרונות)

מיר, פּלאָצקער בונדיסטן, זיינען געווען זייער צופרידן, ווען מיר האָבן געהערט, אַז דער חבר לעאָן אָלער קומט צו אונדז קיין פּלאָצק צו דער ערשטער־מאַי־פייערונג. מיר האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ גלענצנדיקער רעדנער אין יידיש און אין פּויליש. מען האָט באַלד אַנאָנסירט וועגן זיין קומען אין די אַפישן אין פיל וויטרינעס און מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער פייערונג.

אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אַ לאָקאַל אויף דער ברייטער גאַס מיט אַ גרויסן הויף. באַלד אין דער פרי, אין טאָג פון ערשטן מאַי האָבן זיך דאָרטן פאַרזאַמלט בונדיסטן, צוקונפטיסטן, סקיפּיסטן און אויך פאָלקס־מענטשן; צווישן זיי זיינען געווען יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס. עס האָבן זיך אויך באַוויזן קאָמוניסטן. ווען דער חבר לעאָן איז געקומען, האָבן מיר זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים.

איך עפן דעם מיטינג, שטעל פאָר אונדזער גאַסטרעדנער און רעד אַליין אַ פּאָר ווערטער צו די פאַרזאַמלטע; צווישן אַנדערע ווענד איך זיך אויך צו די קאָמוניסטן, ווייל איך בין חושד געווען, אַז זיי האָבן זיך געגרייט אַראָפּצורייסן אונדזער מיטינג און אונדזער דעמאָנסטראַציע. איך שטרעק אויס מיינע הענט און רעד צו זיין מיט הארץ. איך זאָג, אַז מיר זאָלן דעם היינטיקן טאָג דעמאָנסטרירן צוזאַמען פאַר סאָציאַליזם און קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם. עס האָבן גערעדט נאָך עטלעכע חב־רים, און דערנאָך גיב איך איבער דאָס וואָרט דעם חבר לעאָן אָלער. ער ווערט אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם און האַלט אַ פּרעכטיקע רעדע. נאָכן פאַרענדיקן קריגט ער שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

לאַנג נאָך זיין אָפּפאָרן קיין וואַרשע האָבן נאָך מענטשן גערעדט וועגן דער דאָזיקער רעדע.

מיר האָבן פאָרמירט אונדזער וועג צו זעקס אין אַ ריי. צווישן אונדז זיינען געווען פיל פרויען. מיר האָבן הויך געטראָגן אונדזער שיינע

בונדישע פאָן. אין דער ערשטער ריי האָט מאַרשירט דער היגער קאָמי־
טעט — צווישן די מיטגלידער איז געווען אויך אונדזער גאַסט־רעדנער;
נאָך זיי אַ גרויסע מאַסע יונגע צוקונפטיסטן און סקיפּיסטן מיט טראַנס־
פּאַראַנטן אין די הענט און רויטע שטורעם־פענער, און אַרום זיי — די
שטאַרקע בונדישע מיליץ אונטער דער אָנפירונג פון חבר הערשל ציטרין
און חבר אולטשע־בער זאַפּאַסט. מיט אונדז האָט מאַרשירט דער אָרקעס־
טער, וואָס איז געווען געשיקט דורך דער פּ. פּ. ס.

מיר מאַרשירן מיט שטאָלץ, מיט אויפגעהויבענע קעפּ און זינגען די
שבועה; דערנאָך שפּילט דער אָרקעסטער דעם אינטערנאַציאָנאַל. דער בונ־
דישער צוג טרעט אַריין אין די צענטראַלע גאַסן, און אַ גרויסער עולם
באַגלייט אונדז, ביז מיר קומען צום גרויסן צוג פון דער פּ. פּ. ס., וואָס
באַגריסט אונדז. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע מיטן אָנטייל
פון היגע אַרבעטער, פּויערים און פּויערטעס פון די אַרומיקע דערפער און
פיל אַרבעטנדיקע מענטשן פון די קליינע שטעטלעך נעבן פּלאָצק. דער
צוג האָט אויסגעזען אימפּאָזאַנט. עס האָט גענומען אָנטייל אויך אַ גרופּע
רעכטע פּועלי־ציון — דאָס איז געווען אַ געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציע.
דער לאַנגער צוג האָט מאַרשירט איבער די צענטראַלע פּלאַצקער גאַסן
אין דער באַגלייטונג פון גרויסע מאַסן מענטשן, יידן און קריסטן, יונג און
אַלט, און מיר זענען צוגעקומען צום זאמלפּונקט — דעם לאָקאַל פון
פּ. פּ. ס. אויף דעם גרויסן הויף האָבן זיך פאַרזאַמלט העכער צען
טויזנט מענטשן. מען האָט געשטעלט אַ טריבונע פאַר דעם פּרעזידיום און
פאַר די רעדנער. איך האָב צוגעפירט דעם חבר אַלער צום פּרעזידיום
און האָב אים פאַרגעשטעלט. אויף דער טריבונע איז געזעסן די סענאַ־
טאָרקע דאַראָטאַ קלושינסקאַ, אַ באַוואוסטע טוערין אין פּ. פּ. ס. זי האָט
געקענט דעם חבר אַלער פון וואַרשע און זיי האָבן זיך פריינדלעך
באַגריסט.

דער פאַרזיצער עפנט דעם מיטינג און שטעלט פאָר אַלע רעדנער.
דאָס וואָרט קריגט די סענאַטאָרקע קלושינסקאַ; זי האַלט אַ קורצע, שטאַר־
קע רעדע. דער צווייטער רעדנער איז אונדזער חבר לעאָן אַלער. זיין
שפּראַך איז נישט אַקאַדעמיש, ער רעדט אַ פּראָלעטאַרישן לשון, זיין רעדע
איז געווענדעט צו די אַרבעטער, פּויערים און פּויערטעס, צום קליינשטעטל־
דיקן עולם. ער רעדט וועגן דער פאַרברעכערישער פּאָליטיק פון דער רע־
גירונג, וועגן די פּאָגראָמען אין פּשיטיק און אַנדערע ערטער; ער פרעגט
די פּויערן, צי זיי האָבן גענוג מילך און צוקער. אַ סך דאָרפישע פּויערן
האָבן זיך צעוויינט און געווישט מיט זייערע פאַרטעכער די אויגן, הערנדיק
אים רעדן וועגן זייער ביטערן פינצטערן לעבן. נאָכן ענדיקן האָט ער גע־
קראָגן שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

נאָך דעם האָבן גערעדט עטלעכע פ.פ.ס.ישע רעדנער, און דער פאַר־זיצער האָט דערקלערט דעם מיטינג פאַר געענדיקט. ער האָט שטאַרק געדריקט דעם חבר אַלערס האַנט און אים באַדאַנקט פאַר זיין פיינער רעדע. דער חבר לעאָן און דאָראָטאַ קלושינסקאַ האָבן זיך האַרציק גע־זעגנט. ביים אַרויסגיין האָבן אַ סך קריסטלעכע אַרבעטער געדריקט דעם חבר לעאָן די האַנט און באַדאַנקט אים פאַר זיינע ווערטער. ער האָט דעם „בונד" פיל כבוד פאַרשאַפט.

מיר האָבן פאַרברענגט מיט אים אַ האַלבן טאָג און פאַרנאַכט האָבן מיר אים באַגלייט צו דער שיף און זייער האַרציק זיך מיט אים געזעגנט.

איצטער איז ער אַוועק פון אונדז. עס זיינען ניטאָ מער אויף דער וועלט די בונדיסטן, וואָס האָבן דעמאָלט דעמאָנסטרירט מיט אים צוזאַ־מען, ווי עס זיינען ניטאָ מער די אַנדערע פלאַצקער יידן. עס זיינען גע־בליבן געציילטע חברים, און זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע עקן וועלט. אָבער איך בין זיכער, אַז עס לעבט נאָך אין זייער זכרון די גרויסע בונדישע דעמאָנסטראַציע, וואָס מיר האָבן אָרגאַניזירט מיט 35 יאָר צוריק.

# פון לעאָן אַלערס פּעז

- אונדזער לעבן איז נישט הפקר
- שפּאַניע גייט אָפּ מיט בלוט
- פּראָבלעמען פון קרייז־פירונג
- דעם פירער פון דער בונדישער יוגנט — צום אָנדענק
- מאָמענטן
- אין דער פּאַרטיי און פאַר דער פּאַרטיי
- 11טער יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד
- די „צווייער" אין פּוילישן „בונד"
- דערמאָנונגען וועגן ערליך־אַלטער
- דער זינלאָזער קריג אין וויעטנאַם
- רעפלעקסן
- 100 יאָר אינטערנאַציאָנאַל
- „סאָציאַליסטישער הומאַניזם"

# אונדזער לעבן איז נישט הפקר! *

שוין עטלעכע טעג, ווי דאָס גאַנצע עפנטלעכע לעבן ביי אונדז אין לאַנד געפינט זיך אונטערן איינדרוק פון די ווילדע מעשים, וואָס עס טוען אָפּ די ענדעקישע כוליגאַנישע סטודענטן.

איבער די הויפּט־גאַסן פון קראָקע, וואַרשע און ווילנע האָבן זיך באַוויזן מחנות צעיושעטע פּריצישע און פאַבריקאַנטישע זונדלעך, וואָס פאַרהילכן די לופט מיטן ווילדן מענטשן־פרעסערישן אויסגעשריי: שלאָגט די יידן, אַ טויט די יידן!

און דאָס דאַזיקע „שענסטע" און „בעסטע" פון בירגערלעכן פּוילן, די „איידלסטע" זין פון דער געזעלשאַפט, שלאָגן פרויען און קינדער, באַפאַלן אַלטע און שוואַכע יידן און שלאָגן זיי מכות־רצח, צעבלוטיקן יידישע סטודענטן און שפּאַלטן יידישע קעפּ, האַקן שויבן, באַשעדיקן האָב און גוטס פון יידישע קרעמער.

אין לאַנד הערשט אַ מוראַדיקער קריזיס; די צאָל פאַררעגיסטרירטע אַרבעטסלאָזע מאַכט אויס קרוב דריי הונדערט טויזנט; אַחוץ די רעגיסטרירטע געפינט זיך נאָך אַזוי פיל נישט־רעגיסטרירטע; אין די נאָענטסטע וואָכן וועט די צאָל ברויטלאָזע און אַרבעטלאָזע אין פּוילן דערגרייכן ביז אַ מיליאָן. דער אָנקומענדער ווינטער קלאַפּט שוין מיט זיינע טויטפינגער אין די טירן פון די מיט צאָרן און פאַרצווייפלונג אָנגעפילטע אַרבעטערשטובן. אין אַזאַ צייט זענען געקומען די ענדעקישע סטודענטן און פאַרנומען די גאַס מיט זייער ווילדער חיהשער העצע.

אָט האָט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק באַשלאָסן די רעגירונג אָנצוהייבן אַ ברייטע געזעלשאַפטלעכע קאַמפּאַניע צו העלפן די אַרבעטסלאָזע, ס'זענען געשאַפן געוואָרן בירגער־קאָמיטעטן, וועלכע מען האָט געגעבן די אויפגאַבע צונויפצוזאַמלען ביי דעם באַזיצנדן טייל פון דער געזעלשאַפט פרייוויליקע באַשטייערונגען און איינמאָליקע נדבות, בכדי צו קענען לינדערן

---

* אין נומער 24 „יוגנט־וועקער" איז געווען אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ ווי פאָלגט: דער נומער 23 פון „יוגנט־וועקער" איז קאָנפיסקירט געוואָרן פאַר אַ טייל פון די אַרטיקלען: „אונדזער לעבן איז נישט הפקר" און „נאָך נישט דער לעצטער משפט". די אָפּגעדרוקטע נומערן האָט די פּאָליציי צוגענומען. מיר גיבן אַרויס אַ צווייטע אויפלאַגע אָן די קאָנפיסקירטע ערטער.

די גויט, די שרעקלעכע גויט פון די אַרבעטלאָזע. און די פאַרשידענע בירגער־קאָמיטעטן מיט די ענדעקישע סאַנאַטאָרישע און אַנדערע בירגערלעכע טואָער אין דער שפּיץ זענען צוגעטראָטן צו די זאַמלונגען.

אין זעלבן קראָקע, פון וועלכן עס האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן די שוואַרצע כוואַליע פון מענטשן־האַס און כוליגאַניזם, האָט מען אין משך פון אַ גאַנצן חודש צונויפגעזאַמלט אַרום זיבן טויזנט גילדן. און אין די אַנדערע שטעט איז דאָס בעסער נישט צוגעגאַנגען. ס׳האָבן די גבירים ברייט אָן עפן געטון די הערצער און טייסטערס און ס׳האָבן זיך אַרויסגעשיט עטלעכע שמוציקע גראָשנס. דאָס זענען די טאַטעס פון די צווילדעוועטע סטודענטן. זיי האָבן באַוויזן ווי טיף דאָס מענטשלעכע געפיל איז ביי זיי. און די זין און טעכטער האָבן דאָס נאָך בעסער באַוויזן. אויב מענטשלעכקייט, אויב סאָלידאַריטעטס־געפיל פאַרמאָגן די טאַטעס און מאַמעס, די פריצים, פאַבריקאַנטן און סוחרים וויניק, פאַרמאָגן אָבער זייערע זין און טעכטער ווילדקייט און מענטשן־שנאה זייער אַ סך. אויב די טאַטעס האָבן פאַר די אַרבעטער געוואָרפן איינציקע קמצנישע פּרוטות, וואַרפן דערפאַר זייערע זין מיט פולע פּיסקעס בלוט־דורשטיקע געשרייען און מיט פולע הענט רוצחישע קלעפּ. אַ טאָפּלטן שניט ווילן די ענדעקעס שניידן: די אַרבעטסלאָזע „זעטיקן" מיט ייִדן־האַס און פירן זייער קאַמף מיט די סאַנאַציע. אויסשפּילן דעם גרעאַנגל פאַר דער מאַכט, כדי אַליין פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער דיקטאַטור, אַליין איבערנעמען די לייצעס אין די אייגענע, שוואַרצע, מיט בלוט־באַפלעקטע הענט. אין קאַמף פון די צוויי פאַשיסטישע לאַגערן פאַר מאַכט ווילן די ענדעקעס, לויטן מוסטער פון דער באַרבאַרישער צאַרישער מאַכט, פון דער ווילדער רומענישער קוזיסטישער רויבער־באַנדע, אויסנוצן דעם „ייִדן־אַרגומענט".

ס׳האָבן זיך איבער די לערן־זאַלן און לאַבאָראַטאָריעס פון די אוניווערזיטעטן, פּאָליטעכניקומס און אַנדערע הויך־שולן אַ לאָז געטון די סטודענטן מיטן געשריי: ייִדן אַרויס! מען האָט געשלאָגן, מען האָט געוואָרפן פון די טרעפּ, מען האָט מיט שטעקנס נאָכגעיאָגט די געטריבענע ייִדישע סטודענטן און נאָך דער „אַפּריייניקונגס"־אַרבעט זיך געלאָזן אין דעמאָנסטראַציעס איבער די גאַסן מיטן רוף: שלאָגט די ייִדן, אַ טויט די ייִדן.

## שפּאַניע גייט אָפּ מיט בלוט

אין עטלעכע טעג אַרום וועט ווערן צוויי יאָר זינט גענעראַל פראַנקאָ האָט אויפגעפאָדערט די שפּאַנישע גאַרניזאָנען צו ברעכן די שבועה פון טריישאַפט צו דער רעפּובליק און אויפצוהייבן קעגן דעם אייגענעם פאָלק דאָס געווער, וואָס האָט געדאַרפט שיצן אירע גרענעצן. גענעראַל פראַנקאָ,

וואָס די רעפּובליק האָט אים אָנגעטרויט דעם פּאָסטן פון גענעראַל־גובערנאַטאָר פון מאַראָקאָ, האָט געשיקט די קאָלאָניאַלע חיילות אין קאַמף קעגן די איינוואוינערס פון שטעט און דערפער פון זיין היימלאַנד שפּאַניע.

ווען דעם 18טן יולי 1936, און אין די וויטערדיקע טעג, האָבן די אַרבעטער־מאַסן פון די שטעט געשטורעמט די קאַזאַרמעס פון די צעבונטעוועטע מיליטערישע אָפּטיילונגען און געגומען זיי כמעט מיט נאַקעטע הענט, האָט זיך געדוכט, אַז די רעפּובליק האָט באַוויזן צו דערשטיקן דעם פאַרראַט. מיליאָניקע מאַסן פונעם פאָלק פון שפּאַניע, אירע אַרבעטער און פּויערים, אינטעליגענץ און שטאָטישע בירגער, האָבן זיך געשטעלט צום שוץ פון דער רעפּובליק און פון איר פּאַרלאַמענט, וואָס איז אַרויסגעהויבן געוואָרן פון די טיפענישן פון דער נאַציע אין רעזולטאַט פון פרייע וואַלן.

דאָס פאָלק פון שפּאַניע האָט צו טייער באַצאָלט פאַר זיין פרייהייט כדי זיך אָפּצוזאָגן פון איר אונטערן ערשטן שטויס פון גענעראַלסקן בונט. די יונגע רעוואָלוציאָנערע שפּאַניע, אויפגעוואַקסט פון דעם יאָרהונדערטער לאַנגן היגערפּלעט, אין וועלכן עס האָט זי געהאַלטן די ממשלה פון די בורבאָנען, אַריסטאָקראַטיע און קלער, האָט פאַרטריבן דעם לעצטן אַלפאָנס, צוגענומען די מאַכט ביי די יעזואיטן און אָנגעהויבן אַן איבערבוי פון סאָציאַלן און ווירטשאַפטלעכן לעבן לטובת דעם וואוילזיין פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון שטאָט און דאָרף. אָט שוין צוויי יאָר ווי עס פירט זיך אַ בירגערקריג, וואָס זיין גיכן סוף קאָן מען ניט פאָראויסזען ביים שוועל פונעם דריטן יאָר פון די בלוטיקע קאַמפן.

די פרייהייט פון שפּאַניע באַדראָט נישט נאָר אירע אַמאָליקע קעניגן און מאַגנאַטן. היטלער און מוסאָליני שטייען הינטער די פּלייצעס פון גענעראַל פראַנקאָ. מוסאָליני, דער פירער פון איטאַליענישן פאַשיזם און דער „דעראָבערער" פון אַביסיניע, קעמפט פאַרן מיטללענדישן ים. די ברעגעס פון דרום־שפּאַניע און שפּאַניש מאַראָקאָ נעמען אַרום אַ שטח פון הונדערטער קילאָמעטערס פון דעם ים, וואָס אַ קאַריקאַטור פון יוליוס צעזאַר האָט אָנגערופן „מארע נאָסטרום". די שפּאַנישע רעפּובליק, רעגירט לויטן ווילן פון פאָלק, וועט זיך ניט אַראָפּלאָזן צו דער מדרגה פון אַ וואַסאַל פונעם פאַשיסטישן דיקטאַטאָר. מוסאָליני האָט באַשלאָסן צו צעשמעטערן די רעפּובליק און איבערצוגעבן די מאַכט איבער איר באַפעלקערונג אין די הענט פון זיינס אַ מאַריאָנעטקע.

האָט טאַקע מוסאָליני געקויפט דעם גענעראַל פראַנקאָ און געוווּנען היטלערן, דעם פירער פון דריטן רייך, ווי אַ שותף צום געשעפט.

היטלער האָט פּראָקלאַמירט פראַנקרייך ווי אַ דם־שונא: אַרומרינגלען

זי, אָפּטיילן פון פּאָטענציעלע אַליאַנטן, פאַרנעמען פּאָזיציעס אין איר הינ־טערלאַנד, איז דער ציל פון דער היטלעריסטישער פּאָליטיק.

פאַר דער הילף ביים צוקריגן זיך צו דער מאַכט וועט פראַנקאָ ברייטהאַרציק באַצאָלן. ער וועט צאָלן מיט אייזן־און קופּער־גרובן, מיט עקאָנאָמישע און מיליטערישע קאָנצעסיעס. ווי אַ פלאַצהאַלטער פון היט־לערן און מוסאָליניך אויפן פּירענעער האַלבאינזל, וועט ער געטריי פאַר־טיידיקן די אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן פון פאַשיזם.

דערפאַר איז ווען די בונטן פון די גאַרניזאָנען זענען אַדורכגעפאַלן, און די אַטאַקעס פון די מורינישע „באַשיצערס פון דער ציוויליזאַציע" זענען געוואָרן זיגעריש צוריקגעשטויסן דורך די לאָיאַלע רעפּובליקאַנישע חיילות און פרייוויליקע אַרבעטער־באַטאַליאָנען, האָבן איטאַליענישע טראַנס־פּאָרט־שיפן אָנגעהויבן ברענגען צו די פּאָרטן פון די אויפשטענדלערס אי־טאַליענישע „פרייוויליקע" און ריזיקע סכומים אַמוניציע און כלערליי מינים כלי־זין.

נאָך די איטאַליענישע טראַנספּאָרטן זענען געקומען, און האַלטן נאָך אַלץ אין איין קומען, טראַנספּאָרטן פון די „בלאָנדע מורינען", פון די טרויִ־עריק באַרימטע היטלערישע פליערס, וואָס האָבן חרוב געמאַכט דאָס לאַנד פון די באַסקן, די חסידים פון וואָטאַנען האָבן בכבודיק דערפילט די ראָלע פון פאַרטיידיקער פון קאַטאָליציזם...

די גאַנצע וועלט הערט חוצפּהדיקע באַרימערייען פונעם איטאַליענישן דיקטאַטאָר, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם מבול פון בלוט און פייער, וואָס פאַרפלייצט דעם פּירענעער האַלבאינזל, און אַז ער איז גע־ווען דער וואָס האָט געגעבן דעם גענעראַל פראַנקאָ דעם סיגנאַל אַרויס־צוגיין אין שלאַכט, כדי צו באַדעקן „זיין פאָטערלאַנד" מיט מיליאָנען מתים פון די זין און טעכטער פונעם פאָלק, מיט וועלכן אים האָט זיך פאַר־גלוסט צו רעגירן. אויך דער האַר פון דריטן רייך זינדיקט ניט מיט קיין באַשיידנקייט. ער מאַכט ניט קיין סוד פון דעם, אַז טויזנטער דייטשע אינסטרוקטאָרן און טעכניקערס און הונדערטער דייטשע פליערס העלפן דעם גענעראַל פראַנקאָ.

די שפּאַנישע רעפּובליק האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די שטאַרקע אַקס־לען פון אירע אַרבעטנדיקע זין. דאָס שפּאַנישע פאָלק, יונג און אַלט, האָט געשוואוירן צו פאַרטיידיקן די פרייהייט ביזן סוף. זייער שבועה איז קורץ און וואָגיק: אויב לעבן, איז אין פרייהייט; גלייכער טויט ווי שקלאַפע־ריי. פיל האָבן זיי ליב געקראָגן די פרייהייט, צו שטאַרק האָבן זיי זיך פאַרבענקט נאָך אַ מענטשלעכן, גליקלעכן לעבן, וואו יעדער ווערט באַ־שאָנקען מיט ברויט און מיט זון, כדי צו לאָזן עס צונעמען ביי זיך. נאָך די יאָרהונדערטער פון שקלאַפעריי האָט זיך אין זיי דערוועקט דער

פאַרלאַנג צו ווערן בויערס פון אַ נייער אָרדענונג, פון אַן אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און פון פרייהייט.

דאָס שפּאַנישע פאָלק וואָלט זיך אַן עצה געגעבן מיט זיין פאַררעטער און מיט זיין קליינער גרופּע פון צעבונטעוועטע אָפיצירן, וואָס האָבן זיך פאַרבריידערט מיט דער שוואַרצסטער רעאַקציע פון לאַנד, מיט די זין פון דער יחוס־אַריסטאָקראַטיע און מיט דער אַריסטאָקראַטיע פון די בענק. אָבער אין קאַמף מיטן אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם, מיט היטלערן און מוסאָליניץ מוז זיך דאָס פאָלק פון שפּאַניע אָנשפּאַרן אָן דער מאַכט פון דעם אַר־בעטספאָלק פון אַלע פרייע לענדער. די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן דער־פילט, אַז עס איז זייער חוב צו טראָגן הילף דער קעמפנדיקער שפּאַניע.

סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ספּאָרט־אָרגאַ־ניזאַציעס פון אַרבעטער־קלאַס האָבן געהאָלפן און העלפן ווייטער אַן אויפ־הער די שפּאַנישע מאַסן, וואָס זענען פאַררעטעריש אַטאַקירט געוואָרן.

די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע האָט זיך קונה שם געווען מיט דער גלאָריע פון קומען צו הילף די פאַרטיידיקערס פון מאַדריד אין דער קריטישסטער מינוט. די בריגאַדע טרעט אַרויס אומעטום, וואו דער אַטאַק פונעם שונא איז צום שטאַרקסטן און וואו עס דראָט די גרעסטע סכנה. זי האָט אין אירע רייען אַרבעטער פון אַלע לענדער און נאַציעס. עס־טרייכישע שוצבונדיסטן מאַרשירן נעבן רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן פו־נעם דייטשישן אונטערערד, די בעלגישע יוגנט האָט זיך פאַרברודערט מיט יונגע מענטשן פון ענגלאַנד און אַמעריקע.

די שפּאַנישע רעפּובליק האָט זיך אויך געווענדעט צו די אַ״ג דעמאָ־קראַטישע גרויסמאַכטן. זי האָט פאַרלאַנגט איין זאַך: זיי זאָלן צווינגען אַלעמען אָן אויסנאַם צו שאַנעווען די פונדאַמענטאַלע יסודות פונעם אינ־טערנאַציאָנאַלן רעכט: פרעמדע מלוכות טאָרן זיך נישט מישן אין די אי־נעווייניקסטע ענינים פון אַן אַנדער לאַנד.

יעדער רעגירונג האָט דאָס רעכט צו פאַרטיידיקן די פרייהייט פון איר לאַנד. אַלע אַנדערע מלוכות, וואָס זענען ניט אין מלחמה־צושטאַנד מיטן באַפאַלענעם לאַנד, זענען אָבער מחויב צו לאָזן די לעגאַלע רעגי־רונג פון אָט דעם לאַנד קריגן געווער אויף צוריקצושטויסן דעם אָנגריף פונעם שונא.

אַנשטאָט דעם האָבן די דעמאָקראַטישע גרויסמאַכטן אָנגענומען אַזאַ פּאָליטיק פון „ניט־אינטערווענץ״, וואָס איר סך־הכל איז, אַז די לעגאַלע שפּאַנישע רעגירונג איז פּאַראַליזירט: מען נעמט ביי איר צו דאָס רעכט, וואָס איז גאַראַנטירט דורך אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן און באַשטעטיקט דורך דער פעלקער־ליגע. מען לאָזט די דייטשע און איטאַליענישע פליערס

באָמבאַרדירן פראַנק און פריי די ציווילע באַפעלקערונג פון דער רעפּו־בליקאַנישער שפּאַניע. עס געשעט אַזוי קודם־כל דערפאַר, וואָס די ענגלישע קאָנסערוואַטאָרן ווילן גיכער זען אַ פאַשיסטישע, איידער אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג אין מאַדריד.

דער אַרבעטער־קלאַס וועט קיינמאָל ניט אויפהערן צו פאָדערן הילף פאַר שפּאַניע. די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט, וואָס האָט ליב פרייהייט און מענטשלעכקייט, פאַרלאַנגט די דאָזיקע הילף. עס פאַרלאַנגען זי אויך יענע, וואָס שטייען מחוץ די רייען פונעם קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס, אָבער וואָס גלייבן אַזוי שטאַרק אין הומאַניזם און סאָציאַלן יושר, אַז די לאָנ־דאָנער סיטי, אָדער פאַריזער בערזע קענען זיי ניט קויפן. פראַנקאָ האָט איבערגעלאָזט חורבות אויף די שטחים, וואָס ער האָט פאַרנומען; ער האָט איינגעשמידט אין קייטן דאָס לאַנד, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט מיטן בלוטיקן באַגנעט, און האָט עס פאַרוואַנדלט אין אַ בית־עולם. אַרבעטער און פּויער, האַנטווערקער און אינטעליגענט זענען ווידער פאַרשקלאַפט געוואָרן — טאָפּלט פאַרשקלאַפט, ווייל אַחוץ זייערע אייגענע הארן, מוזן זיי נאָך טראָגן אויף זייערע פּלייצעס די תקיפותדיקע יונקערס און „העלדן" פון גוואַדאַלאַכאַראַ. אין דעם טייל פון לאַנד, איבער וועלכן עס פלאַטערט די פאָן פון דער רעפּובליק, איז דאָס גאַנצע פאָלק מאָביליזירט געוואָרן צו אַ גרויסער אויפבוי־אַרבעט. דער ביטערער געראַנגל קעגן דעם שונא און פאַרכאַפּער גייט געפּאָרט מיטן קאַמף פאַר באַפרייען פון פינאַנ־טעריש מיליאָניקע אַרבעטנדיקע מאַסן.

דער קאַמף קעגן אַנאַלפאַבעטיזם, דער קאַמף פאַר דער נייער קול־טור ווערט ניט אָן אויפהער. דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער איבערבוי גרייכט אַלץ ווייטער און נעמט אַריין אין פעלד נאָכן צווייטן.

ווי טיף די דאָזיקע העלדישע קאַמפן האָבן אַדורכגעאַקערט די ברייט־סטע שיכטן פונעם שפּאַנישן פאָלק — וועגן דעם זאָגט עדות דער ענ־טוזיאַזם פון דער שפּאַנישער יוגנט. 300 טויזנט יונגע סאָציאַליסטן האָבן אויסגעפילט די אָקאָפּעס אויף אַלע פראָנטן פון שפּאַניע. די יוגנט פון שפּאַניע פאַרטיידיקט איר צוקונפט, די צוקונפט פון באַפרייטער אַרבעט, די צוקונפט פון פרייע מענטשן, פאַרברידערטע אין קאַמף פאַרן סאָציאַ־ליזם מיטן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס.

דער געוואַלדיקער אָנשטרענג, אומפאַרגלייכלעכע העלדישקייט און טי־פע ליבע צו פרייהייט וואָס פילן אויס די הערצער און נשמות פון שפּאַ־ניעס בעסטע זין זענען אַ כוח, וואָס דער שונא וועט אים ניט מנצח זיין. עס וועלן נאָך אפשר זיין אַ סך פאַרשפּילטע שלאַכטן; אָבער דער בלו־טיקער קאַמף וועט זיך ענדיקן מיטן זיג פון די העלדן פון פרייהייט.

וואַלנאַ מלאַדזשעזש, יולי 1938

(איבערגעזעצט פון פּויליש.)

# פראָבלעמען פון קרייז־פירונג

מיר ווילן דאָ אָרומרעדן אייניקע פון די פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אַרבעט פון קרייז־פירער. קודם־כל אינטערעסירט אונדז זיין באַציאונג צום קרייז. אויפן קרייז דאַרף קומען צום אויסדרוק זיין ווירקונג סיי אַלס העלפער אין דער זעבלסט־בילדונגס־אַרבעט, סיי אַלס דערציער און איבערגעשטאַלטער פון כאַראַקטער פון יוגנטלעכן.

בכדי זיך לייכטער און פשוטער מאַכן דאָס באַהאַנדלען די פראַגן, וועלן מיר דאָ אַרומרעדן נאָר די פּראָבלעמען, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער בילדונג־און דערציאונג־אַרבעט אין אייגנטלעכן זין צום שול־קלאַס. סיי דער קרייז, סיי דער שול־קלאַס דאַרפן ווירקן דערציעריש אין אַ באַשטימטער ריכטונג. ביים אויספירן די דאָזיקע אויפגאַבן ווערט דער לייטער פון קרייז אַ לערער.

ווי פאַרשיידן זענען אָבער די באַדינגונגען פון זייער טעטיקייט — סיי די סוביעקטיווע, סיי די אָביעקטיווע.

דער לייטער פון קלאַס איז אַ פאַך־פּעדאַגאָג. דער קרייז־פירער האָט נישט קיין סיסטעמאַטישע פעדאַגאָגישע שול. ס'פעלט אים נישט זעלטן די סאַמע נויטיקע פעדאַגאָגישע צוגרייטונג. און דאָך איז אין אַלגעמיינעם און אין גאַנצן דער רעזולטאַט פון דער טעטיקייט פון די קרייז־פירער אַ דורכשניטלעך באַפרידיקנדער. וואו ליגט דער סוד דערפון? אין דעם, וואָס דער קרייז איז נישט בלויז אַן אייגנאַרטיקער שול־קלאַס, נאָר אויך דאָס לעבעדיקע קעמערל פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע.

דאָס הייסט אָבער נים, אַז מיר מעגן זיך פאַרלאָזן אויף דער „פּאָלי־טישער קאַרעקטור". מיר העלפן זיך אַרויס דערמיט, וואָס פון צייט צו צייט רופט די אָרגאַניזאַציע קולטור־קאָנפערענצן און אָרדנט איין צענ־טראַלע און אָרטיקע רעפערענטן־שולן.

דער קרייז־פירער האָט פאַר זיך די אויפגאַבע: אויסניצן די שעה־אָנדערהאַלבן אין דער וואָך, ווען די מיטגלידער זענען אויפן קרייז, און אַדורכפירן אַ טייל פון דעם אָנגעמערקטן פּלאַן. דערפון דרינגט שוין אַרויס, אַז צו קיין שום קרייז־פאַרזאַמלונג קען ער נישט קומען, נישט צוגעגרייטערהייט. דער דאָזיקער כלל, וועלכער איז חל (אָדער דאַרף פאַר־פליכטן) אין אַלע שולן, דאַרף מיט אַ פּילפאַכער שטרענגקייט אָפּגעהיטן ווערן דורך די קרייז־פירער. דער קרייז, וואָס איז אויסגעפאַלן „לידיק", וואַרט אויף זיין דערגענצונג אַ גאַנצע וואָך. דאָס ווירקט שלעכט סיי אויף די קרייז־מיטגלידער און אויף דעם קרייז־פירער גופא. מיר ווילן דאָ אויפמערקזאַם מאַכן אויף אַ דערשיינונג, וואָס האָט אַן אָרט נישט נאָר ביי די קרייז־פירער.

דער קרייז־פירער גופא מוז זיך דיסציפּלינירן. לאָזט ער נאָך די

לייצעס און פאַרלאָזט זיך דערויף, אַז דער קרייז וועט שוין, ווי עס איז, אַדורך, ווערט ער אַליין גאַר שנעל אַ קנעכט פון דער דאָזיקער שלעכ־טער געוואוינהייט און פאַרלירט די קאָנטראָל איבער זיך. נאָך אַ געוויסער צייט פון אַזאַ אַרבעט, קען ער זיך שוין צו קיין אַנדערער נישט צוגעוואוינען. ס'איז איבעריק צו רעדן וועגן די פאַטאַלע פאָלגן פון אַזאַ „דערציאונגס־אַרבעט". מיר האָבן איין עצה דערויף — קאָנטראָל. ס'האָבן די שולן איינגעשטעלט דעם שול־זשורנאַל, אין וועלכן די לערער נאָטירן דעם דורכגעאַרבעטן מאַטעריאַל אויף דער געגעבענער שעה. ווי יעט־וועדע גוטע זאַך, וואָס ווערט פאַרביוראָקראַטעוועט, האָט אויך דער „זשור־נאַל" פאַרלוירן אַ סך פון זיין באַדייטונג. מיר וואָלטן פאָרגעשלאָגן, אַז די קרייז־פירער זאָלן פירן נאָטיצן אין ספּעציעלע העפטן, וואו זיי זאָלן פון פאָרויס — לכל הפּחות אויף אַ חודש — פאַרצייכענען דעם אָנגע־מערקטן פּלאַן פון אַרבעט. און שפּעטער, נאָך יעדן קרייז, נאָטירן דעם באַאַרבעטן מאַטעריאַל. אויב דער קרייז פירט פּראָטאָקאָלן, וועלן די פּראָ־טאָקאָלן זיין אַ זייער גוטער צושטייער צו די נאָטיצן, וועלכע דער קרייז־פירער וועט מאַכן אין זיין קאָנטראָל־העפט.

אין די גרעסערע אָרגאַניזאַציעס, וואו ס'אַרבעטן מינימום עטלעכע קרייז־פירער, דאַרפן פאָרקומען יעדע 3 אָדער 4 וואָכן צוזאַמענקונפטן פון די קרייז־פירער, וואו יעדער פון די קרייז־פירער זאָל לייענען זיינע נאָטיצן.

מיר מיינען, אַז אַזעלכע „קרייז־פירער־ראַטן" וואָלטן געהאַט אַ גאַר גרויסע ווירקונג אין צוויי ריכטונגען: 1) אַן איבערלעגטע און אויסערלעכע קאָנטראָל איבער דער אַרבעט און 2) אַ קעגנזייטיקער מיינונגס־אויסטויש וועגן די מעטאָדן און רעזולטאַטן פון דער אַרבעט.

ס'וואָלט אפשר אַקטועל געוואָרן דאָס שאַבלאָנירן פון אַזאַ „קאָנטראָל־העפט". אַפילו פאַר איינצלנע קרייז־פירער אויף די ערטער, וואו זיי קענען נישט האָבן קיין מיינונגס־אויסטויש מיט אַנדערע קרייז־פירער, ווייל אַזעלכע זענען נישט פאַראַן, דער העפט וועט פאַר זיי אַליין האָבן אַ גרויסע באַדייטונג.

מיר קענען נישט דעם פּראָיעקט אָנגעבן ווי אַ פאַרפליכטנדן. ס'וואָלט אָבער גוט געווען, קרייז־פירער פון גרעסערע און קלענערע שטעט זאָלן אים פּרוּוון פאַרווירקלעכן און זיך אין אַ צייט אַרום טיילן מיט דער דערפאַרונג מיטן קולטור־אָפּטייל ביים צ. ק.

***

מיר ווילן דאָ אויפמערקזאַם מאַכן אויף נאָך אַ פּראָבלעם, וואָס האָט אַ שטיקל שייכות מיט פּעדאַגאָגיק. זייער אַ סך איז גערעדט און גע־שריבן געוואָרן וועגן דער באַציאונג פון לערער צום קלאַס. מען האָט

געפּרואווט אָנווענדן דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכע מעטאָדן — פון פרייע, כמעט אַנאַרכישע באַציאונג אין דער לערן־גרופּע (פּאַרוואַרפן דעם טער־מין קלאַס, שילער, לערער) ביז קאַזאַרמע־דיסציפּלין, וואו דער קאַפּראַל־סקער טאָן איז געוואָרן דער הערשנדער. מוסטערן פון די דאָזיקע עקס־טרעמען קען מען געפינען אויף דער לינקער זייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (איר אַפּאָלאָגיע אין פילם „הימלאַזע") און אויף דער עקסטרעם רעכטער זייט אין היטלערלאַנד.

מיר ווילן דאָ נישט פאַרנעמען זיך מיט דער גענויער באַהאַנדלונג פון די פאַרשידנסטע סיסטעמען און נישט מיט דער קריטיק פון די באַזונ־דערע לערן־און דערציאונגס־מעטאָדן. איינס איז פאַר אונדז אומשטרייט־באַר — די פּאַשיסטישע שול מיט איר טאָטאַלער דיסציפּלין איז אַ טויט־געפאַר פאַר דער דערציאונג. זי דערהרגעט דעם מענטש, זיין ווילן און ווירדע.

מיר טאָרן זיך אָבער נישט געפינען אונטערן רושם פון די דאָזיקע פאַרקנעכטונגס־מעטאָדן און פאַרוואַרפן דאָס, וואָס ווערט גערופן מיטן נאָ־מען דיסציפּלין און לאָמיר זיך דאָ דערלויבן אויף אַ שטיקעלע אפּי־קורסות.

אין אונדזער אָרגאַניזאַציע זענען די מיטגלידער אין 95% אַרבעטער. זיי פאַרמאָגן שוין די געגוגנדע דאָזע פון זעלבסשטענדיקייט און געזונטן שכל, וואָס דאָס לעבן גיט אַזאַ יוגנטלעכן, ווען ער קומט אַריין אין לעבן. מיר נעמען מיט רעכט אָן, אַז אין אונדזערע רייען געפינען זיך די אַקטיווסטע, אינטעליגענטסטע שיכטן פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט. איר גרויסע זעלבסטשטענדיקייט דראָט גיכער אין אַ גאַנץ באַדייטנדער מאָס מיט דער געפאַר פון „אַנאַרכיזירן". פאַר דעם מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע איז דער אויטאָריטעט פון דער היים, שול אָדער חדר געפאַלן מיט דעם מאָמענט, ווען ער טרעט אַריין אין אַ נייער וועלט.

ער מוז אָבער וייטער האָבן אין די דאָזיקע יאָרן, ווען ס'געשטאַל־טעט זיך זיין וועלט־באַנעם, ווען ס'פורעמט זיך זיין געמיט און געוויסן — אַן אָביעקט פון צוטרוי, גלויבן און אויטאָריטעט.

ס'ווערט גאָרנישט געטון קיין טובה דעם יוגנטלעכן, ווען זיין דער־ציער און פירער הערט אים אויף צו אימפּאָנירן.

דער קרייז־פירער דאַרף אימפּאָנירן דעם מיטגליד פון קרייז סיי מיט זיין וויסן און וואָס וויכטיקער מיט די פערזענלעכע מעלות, וואָס זאָלן צוציען, וועקן צוטרוי און דרך ארץ.

ס'דאַרף זיין געפאָרט זיין האַרציקייט, צוגעלאָזנקייט, אמתע חבריש־קייט מיט אַ געוויסער דיסטאַנץ. ד. ה. אַז נישט אַלץ, וואָס ס'איז דער־לויבט דעם קרייז־מיטגליד איז נישט דערלויבט דעם קרייז־פירער. וועגן

וואָס האַנדלט זיך דאָ? כ'וועל געבן אַ ביישפּיל: די קרייז־מיטגלידער דערלויבן זיך אויף געוויסער „צוגעלאָזנקייט”, זיי באַהאַלטן אים דעם הוט, וואַרפן אויף אים שניי א. א. וו. און אויב עמיצן געפעלט דאָס נישט, דאַן געפינען זיך אַזעלכע, וועלכע בלאָזן זיך אויף דעם דאַזיקן קאָנסערוואַטיזם, מען רירט אָן דעם הייליקסטן פּרינציפּ פון... „יאַטיש־קייט”! יאָ, אַזוי לאָמיר אָנרופן דעם דאַזיקן סיסטעם וואָס האָט אַ געווי־סע צייט אויסגענומען, אַלס אַ מין „מאָדערנע” פּעדאַגאָגיק, ער איז אַ וואוילער „יאַט” דער לערער, דערציער, קרייז־פירער, אָרגאַניזאַציע־פי־רער. דער „יאַטיזם” האָט געדאַרפט זיין דער אַלץ־אויסגלייכנדער, דעמאָ־קראַטישער דערציונגס־טיפּ. מיר מיינען, אַז זיין צייט איז פאַרביי. און, אַז ס'איז געווען אַ פעלערהאַפטער טאָן אין דער דערציאונג, קענען עדות זאָגן די פירער פון אַ סך עלטערע סקיפּ־קרייזן און צוקונפט־קרייזן.

יוגנט־וועקער, 1־2, 1939

# דעם פירער פון דער בונדישער יוגנט — צום אָנדענק

שווער איז צו שרייבן וועגן ח' אַבראַשע. די ווערטער, וואָס פליסן שטראָמיק און פאַרמולירן אַזוי געהאָרכזאַם געדאַנקען און באַגריפן, ווערן בלאַס און הילפלאָז, ווען ס'שווימען אויף געפילן און איבערלעבונגען, צו־נויפגעוואַקסענע און צונויפגעקניפּטע מיטן לעבן פון נאָענטן חבר און פריינט.

אַ לעבן, מיט וועלכן ס'האָט געבונדן אַזויפיל אינטימע פעדעם, איז צו 35 יאָר, גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן!

הילפלאָז זענען מיר, די נאָענטסטע, ביי זיין גסיסה־בעט געשטאַנען, צוזאַמענגעבראָכענע זיין טויטן קערפּער דער קאַלטער ערד אָוועקגעגעבן.

איצט קריצן מיר אויס אויף די שפּאַלטן פון דעם אַזוי געליבטן דורך אים „קעגן־שטראָם” דעם מצבה־טעקסט, וועלכער קומט אַבראַשען דעם רעוואָלוציאָנער און קעמפער, דעם מיטגליד פון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־פּאַרטיי, דעם מיטבויער און פירער פון דער ריכטונג, וועמענס טע־טיקייט ציט זיך ווי אַ בונט־רויטער פאָדעם דורך דער געשיכטע פון „בונד” אין פּוילן.

אונדזערע געפילן און טרויער בלייבן וויטער מיט אונדז.

***

ח' אַבראַשע האָט זיין רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אָנגעהויבן אין דער

יוגנט־באַוועגונג, איר האָט ער זײַנע בעסטע כּוחות אָוועקגעגעבן, זי איז אײגנטלעך זײַן לעבנס־ווערק.

אין די ערשטע יאָרן פֿון אויפֿבוי פֿון דער „צוקונפֿט", אין די יאָרן, ווען ס'האָט זיך געשאַפֿן סײַ די פֿאָרם סײַ דער אינהאַלט פֿון דער אָרגאַניזאַציע, איז ער געווען אײנער פֿון די אַקטיוווסטע, אײנער פֿון די פּרובֿט־באַרסטע און אומדערמידלעכסטע בויער.

ס'זענען געווען יאָרן, ווען אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, און נישט נאָר אין דער וואַרשעווער, איז דער נאָמען אַבֿראַשע געווען אַ פֿאָן, אַ נאָמען פֿון אַ ריכטונג.

די וואָס האָבן שטענדיק געזוכט דעם נאָענטסטן אָנשפּאַר אין דער איבערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, די, וואָס האָבן געוואָלט באַהעפֿטן די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־יוגנט אַלס אַ גאַנצע מיט דער גרויסער רוסלענדער רעוואָלוציע, וואָס האָבן געוואָלט אײַנגלידערן די שטורמנדע לאָזונגען און טאָט פֿון אָקטאָבער אין דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע פֿון „בונד", האָבן אין אַבֿראַשען זײער וואָרט־פֿירער געהאַט.

ער האָט זײ צו זיך געצויגן מיט דער טיפֿקײט פֿון זײַנע געפֿילן, מיט דער פֿעסטקייט פֿון זײַנע איבערצײַגונגען און מיט דער דעצידירטקייט און אומבויגזאַמקייט אינעם קאַמף פֿאַר זײער זיג אין אונדזער באַוועגונג.

ער האָט מיט אַלע זײַנע פֿיבערן געשטרעבט צו דער צײַט, געהאָפֿט אויף דעם מאָמענט, ווען די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער־יוגנט, די „צוקונפֿט", וועט קענען איר קאַמף קאָנסאָלידירן מיטן קאַמף פֿון דער איבערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. דער דאָזיקער טיפֿער באַגער האָט אים פֿאַרוואַנדלט אין דעם איבערגעגעבנסטן קעמפֿער פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם אײנהײטלעכן פּראָלעטאַרישן פֿראָנט.

זײַנע טיפֿע, אויפֿריכטיקע רעוואָלוציאָנערע איבערצײַגונגען און געפֿילן האָבן פֿאַראורזאַכט זײַן שאַרפֿן און קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף קעגן רעפֿאָרמיזם. רעפֿאָרמיזם האָט בײַ אים אַרויסגערופֿן אַ טיפֿע שנאה און ער האָט אים באַקעמפֿט מיט דער גאַנצער לײַדנשאַפֿט פֿון זײַן טעמפּעראַמענטפֿולער נאַטור. אויך אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, און שפּעטער, אין דער פּאַרטײ, פֿלעגט ער קאָמפּראָמיסלאָז און אָפֿט שאַרף און קאַנטיק אַרויסטרעטן קעגן יעטוועדן קער און דערנענטערונג צו די רעפֿאָרמיסטישע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטײען. זײַן שאַרפֿער קאַמף קעגן דער צוזאַמענאַרבעט מיטן „טור" און פּ. פּ. ס. אין פּוילן, זײַן אומאויפֿהערלעכע אַקטיווע אָפּאָזיציע צו דער אָנגעהעריקײט פֿון אונדזער פּאַרטײ צום סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל זענען נישט אײנמאָל געקומען צום אויסדרוק אין שאַרפֿער פֿאָרם סײַ אין שריפֿט סײַ אין וואָרט.

אויב נישט אַלץ, וואָס אַבראַשע האָט פּאַרטיידיקט, וואָס ער פלעגט פאָרמולירן אויף די צענדליקער קאָנפערענצן, צוזאַמענפאָרן פון דער יוגנט, איז דורך דער מערהייט פון דער אָרגאַניזאַציע אָנגענומען געוואָרן, טראָגט אין זיך די אידעאָלאָגיע פון אונדזער יוגנט־באַוועגונג אַ סך פון דעם, וואָס אַבראַשע האָט אין די אידעאישע שטרייטן אַריינגעבראַכט.

זיין אַקטיווע אַרבעט אין וואַרשע, און צ. ק. און אין „יוגנט־וועקער" האָבן אַ טיפן שפּור אין דער באַוועגונג איבערגעלאָזן. ליידער איז ער די לעצטע יאָרן פון זיין טעטיקייט געווען אַ ביסל ווייטער פון דער יוגנט־באַוועגונג.

זיין שאַרפער אָפּט קאָנטיקער קאַמף קעגן דעם קער אויף רעכטס, וועלכן אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט אַדורכגעמאַכט פון 1928 יאָר אָן, האָט אָנגעטראָפן אויף אַ שאַרפער רעאַקציע פון די חברים פון דער מער־הייט און די באַציאונגען זענען געוואָרן אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז דער שטאַרק פילבאַרער אַבראַשע האָט זיך אויסגעקליבן אַן אַנדער געביט פון אַרבעט: ער איז אַריבער צו דער אַרבעט אין דער פּאַרטיי.

און דאָ הויבט זיך אָן אַ נייַ קאַפּיטל, וואָס איז פאַרבונדן מיטן „קעגן־שטראָם". אויך דאָ איז זיין ווירקונג אַ גרויסע, אַ שטאַרקע ווירקונג פון אַ בולטער פּערזענלעכקייט. ער האָט אין דער צווייער־ריכטונג פאַרנו־מען אַן אָנגעזען אָרט, ער האָט איר אַ סך פון זיין טעמפּעראַמענט גע־שאָנקען.

ער האָט זיין גאַנץ באַוואוסטזיניק לעבן געקעמפט און געשאַפן אין אונדזער באַוועגונג און פאַר אונדזער באַוועגונג. ער איז שטענדיק געווען איינער פון די אומצופרידנסטע. געווען שטענדיק אין אָפּאָזיציע, שאַרף אַטאַקירט און קאָמפּראָמיסלאָז געקעמפט אָבער גלייכצייטיק ווי טיף־אינ־טים געווען צוגעבונדן צו אונדזער באַוועגונג, זי ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן, אָן איר נישט געקאָנט לעבן.

געקעמפט אין דער „צוקונפט", אין „בונד" — אָבער פאַר דער „צו־קונפט" פאַרן „בונד". וועגן דער גרויסער, האַרציקער ליבע צו דער פּאַר־טיי, צו איר פאַראַנגענעהייט, צוזיפגעקניפּטקייט מיט דער קעגנוואַרט קענען עדות זאָגן זיינע נאָענטסטע, די, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים אין איין ריכטונג געאַרבעט, געשטרייט און געשטרעבט!

מיר, זיינע נאָענטע חברים, האָבן אַ נאָענטן, אַ ליבן חבר פאַרלוירן! דער „בונד" — אַ קעמפנדן, ברויזנדן זון!

קעגן־שטראָם, 1935

# מאָמענטן

אַ האַלבער יאָרהונדערט איז אַוועק זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער „בונד״. דאָס וואונדערלעכסטע וואָס די שאַפונגס־כוחות, די קוואַליקע און קוועלנדע כוחות פונעם יידישן פאָלק, האָבן צום לעבן געבראַכט. און ס׳ווילט זיך אַזוי שטאַרק אַרויסצוציבערן דעם נעכטן, אַז כ׳מוז אָנקלאַפּן צום אוצ־רות־קאַמער פון דער אויסלאָשער פאַנטאַזיע און אויסבאַרגן ביי אים זיין אומשאַצבאַרן רייטוואָגן, דעם רייטוואָגן פון צייט, און לויפן צוריק, צוריק צו די יאָרן, וועלכע האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אין די שאַטנדיקע ווינקעלעך פונעם זכרון.

***

דאָס זיינען די אַמאַליקע, פּרעהיסטאָרישע פאַר מיר צייטן. אין וואַר־שע, אויף דזשעלנע גאַס, אין אַ הויז קעגנאיבער דעם פּאַוויאַק, וואָס איז דאַן געווען אַ צאַרישע טורמע, זע איך זיך אין אַ לעצטן צימער פון דער דירה פון מיין לערער — יוסף ראַטנער.

ס׳איז 1912. די שטוב איז פול מיט פרויען, שוועסטער און מוטערס פון יונגע אַרעסטאַנטן, רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיצן אַלע אַט גאָר נאָענט איבער דער גרויער וואַנט.

דאָרט אַהין גרייט מען פעקלעך, דאָרט אַהין שיקט מען פּאָסט־קאַרטן מיט גרוסן, און אויף איינער אַזוינער — אַ גרויסע, רויטע רויז.

און די נעמען וואָס האָבן זיך כסדר איבערגעחזרט: שאַפּראַן, קאַץ, קאַפּעלמאַן, קעזמאַן, שפינאַק, פּאַמעראַנץ, בערענשטאַק. אין אַט דער דאָ־זיקער שטוב האָב איך מיט דער לופט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס, וואָס האָט אין מיר דעם עמאָציאָנעלן פונדאַמענט פון מיין בונדיזם געבויט.

***

ווידער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיין שנעל־לויפנדער צייט־וואָגן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דעם יאָר 1916, אויף דעם ראָג פון דער כלאָדנע און אייזן־גאַס.

ס׳שפּאַצירן יונגע גרופּן, טאַקע יונגע גרופּן, נישט נאָר יונגע מענ־טשן. פון איין זייט — יונגע בונדיסטן, פון דער אַנדערער — יונגוואַרג פון דער „וויעדזשע״, די ס. ד. ק. פּ. ל.־יוגנט, וואָס האָט אונדז פאַר־שריגן אַלס נאַציאָנאַליסטן און שאָוויניסטן. מען דיסקוטירט און מען ענט־פערט זיך, כאָטש נישט ביי אַלע שטרייטנדע און דיסקוטירנדע איז קלאָר וועגן וואָס דער שטרייט גייט דאָ, איינס איז אָבער יאָ קלאָר: מיר זיינען מיט יידיש, יידישער שפּראַך, יידישער מאַסע, יידישע אַרבעטער; יענע פאַרלייקענען די דאָזיקע וויכטיקסטע, טיפע באַנדן וואָס פאַראייניקן אונדז

פיל שטאַרקער מיט דער צוקונפט, ווי מיטן נעכטן פונעם יידישן מאַסן־לעבן.

***

און איצט אַ בילד: טיף, ווייט, גאָר ווייט אויף דער סצענע, צו וועלכער כ׳קוק אַראָפּ פון דער העכסטער ריי אינעם טעאַטער, וואָס איז געפּאַקט מיט אַ טויזנט־קעפּיקן עולם, שטייט אַ מענטש, צו וועלכן איך ציִ זיך מיט אַלע חושים, ווייל ער צויבערט מיט זיין רעדן. און ס׳קלינגען נאָך איצט די וואונדערבאַרע ווערטער פון מעדעמען.

„דער יידישער אַרבעטער־קלאַס איז אַ ברייט פעלד, דאָס פעלד איז גרין, די זון לייכט, דער הימל איז בלוי — קומט אַקערן און שניידן!״ און ס׳ברויזט אויף מיט שטורעם דער גאַנצער זאַל, ס׳קלינגט אָפּ זיין געריש ווייט איבער די שטעט און גאַסן פון פּוילן, וואָס לעבט איבער דעם פרילינג פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

***

כ׳האָב פאַרגעסן אַ קוק צו טאָן אויף דעם צייט־מעסטער. אַגב איז דאָס איצט גאַרנישט נויטיק, ווייל נישט אין איין יאָר האָבן זיך איבער־געחזרט די דאָזיקע בילדער, וואָס טויכן איצט אויף.

אַ גרופּע פון יונגע אַרבעטער און שילער, לאָזן מיר זיך אַרויס אי־בער אונדזער ראַיאָן: ס׳איז מילע די ברייטע, די שמאָלע און נייע מילע. מיר גייען פון שטוב צו שטוב, פון בוידעם צום קעלער. פון אומעטום קוקט אַרויס נויט און זאָרג, וואָס פאַרכמאַרעט די פּנימער פון די אַלטע. אָבער גאַנץ אַפּט קומען אונדז אַנטקעגן יונגע, שטראַלנדיקע אויגן, האָ־פנדיקע אויגן: מיר וועקן, מיר מאָנען צו גיין צו דער וואַל־אורנע. מיר טראָגן מיט זיך וואַל־צעטלען, וואַל־פּלאַטפאָרמען און די נומערן פון אונ־זער ליסטע. נישט קיין נעמען פון אונדזערע קאַנדידאַטן ברענגען מיר צו אונדזערע וויילער: אונדזערע קאַנדידאַטן, האָבן איין נאָמען — „בונד״! זיי האָבן איין נומער — דעם נומער „4״, וואָס איז געוואָרן אַ סימבאָל.

אַ סך שפּעטער, אין יאָרן אַרום, פלעגט נישט איין מאָל אין מיין דמיון באַווייזן זיך אַ בילדל: אַן אַלטישקע יידענע זאָגט מיט אַ שמייכל, גוטמוטיק, צו מיינער אַ באַגלייטערין, אַ יונגער שילערין: „טעכטערל, דאָ דאַרפסטו קיין צייט נישט פאַרלירן: דאָ זיינען מיר אַלע פאַרן נומער „4״, מיר וועלן שוין שטענדיק אַזוי בלייבן״.

***

און איצט, לאָמיר נאָר אויף געציילטע מינוטן אַוועק פון דער ברייטער גאַס — פון מאַסן־שטראָם — אין די ד׳ אמות פון אַ קליינער גרו־

פע. ס׳איז אַ קרייז פון דער בונדישער, סאָציאַליסטישער יוגנט, וואָס זאַמלט זיך צונויף אין געהיים, אין אַ קלאַס פון דער שול, אויף גזשי־באָווסקע. מען לייענט און מען דיסקוטירט. שורה ביי שורה לערנט מען דעם אלף בית פון סאָציאַליזם: דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״. אַרום יעדן זאַץ אַ דיסקוסיע, אַ שטרייט. צי איז דאָס האַר־שפּאַלטעריי, פּיל־פּוליסטיק? אַ, ניין! — מיט יאָרן שפּעטער זיינען פון אָט דעם דאָזיקן קרייזל אַרויס טוער און פירער פון גרויסע אָרגאַניזאַציעס. אָט יענע טעג, יענע דיסקוסיעס האָבן זייער לעבנס־וועג באַשטימט. איך זע זיך צווישן זיי, צונויפגעבונדן מיט זייערע זוכעניש און שטרעבונגען.

**
*

מיר מוזן נאָך איניקע רגעס פאַרבלייבן אין אַ צימער. אין אַ קאַלטן צימער, וואו הונגער פון דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעזעצט. איך זיץ אויף אַ „טאַפּטשאַן״ מיט די פיס איינ־געוויקלט אין אַ וואַלענעם טוך. זיי זיינען אָפּגעפרוירן פון קעלט און פול מיט וואונדן פון אונטערדערנערונג. פּלוצעם רייסט זיך אַריין דער חבר סענדער („מאָסאָוויעץ״) מיט אַ רוף:

„קומט, איר מוזט גיין אויף קרייז, דער גאַנצער אַקטיוו פון דער צוקונפט איז אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט, מען קען נישט לאָזן די אַרבעט שטיין״!

און איך גיי אַוועק מיט אים, וואָס האָט געטראָגן אַ מיט ווינט אונ־טערגענייטן רעקל, צוריק אויף מילע, אויף גענשע, אויף סמאָטשע. ער טרייבט אונטער, ער לאָזט נישט אָפּ.

**
*

אַ שפּעטער מערץ־טאָג, 1917. כ׳קום אַרויף אין גראָסער־קלוב, אויף קאַרמעליצקע 29. עס לויפט מיר אַנטקעגן בנימין „וואַלקער״, דער אַל־טערע חבר, וועמען די צאַרישע פּאָליציי האָט בעת אַ בונדישער דעמאָנ־סטראַציע אַ פוס אַראָפּגעשאָסן. ער כאַפּט מיך אַרום, קושט מיך, וויינט און לאַכט אין דער זעלבער צייט. „אין רוסלאַנד איז אַ רעוואָלוציע, דער צאַר אַבדיקירט און איך האָב דאָס דערלעבט!״ דאָס זענען געווען זיינע האַרציקע ווערטער. אין אַ קורצער צייט שפּעטער הילכט אַראָפּ זיין שטימע פון אַ באַלקאָן אויפן באַנק־פּלאַץ, אין וואַרשע, און ער שרייט אויס צו אַ ריזיקער, פאַרזאַמלטער מאַסע זיין פרייד, זיין לויב דער רע־וואָלוציע.

**
*

די דאָזיקע שורות דאַרפן נישט זיין נישט קיין זכרונות, נישט קיין

געשיכטע, אפילו נישט אַ קורצער סקיץ. כ׳נעם זיך דעריבער דאָס רעכט אויסצוקליבן מאָמענטן, פון צווישן די אַלע בילדער וואָס שטויסן זיך צו די טירן פון זכרון, און געציילטע פון זיי איינראַמען אין ווערטער.

שוין אין די צוואַנציקער יאָרן. אַן ערשטע מאַי־פייערונג אין אַ פּוילישער פּראָווינץ־שטאָט נישט ווייט פון וואַרשע. אויף דעם ברייטן מאַרק־פּלאַץ, ביי די מויערן פון קלויסטער, האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ ריזיקער עולם: פּוילישע און יידישע אַרבעטער און הונדערטער פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, וואָס האָבן זייערע קאָסעס און גרינע פּענער מיט רויטע בענדער באַצירט און זיי צו גאַסט געבראַכט צו די רויטע קאַמפּס־פּענער פון די שטאָטישע אַרבעטער. ס׳איז אַ געמיינזאַמער מיטינג פון פּ. פּ. ס. און „בונד". אַ צופאַל איז געשען: דער פּ. פּ. ס.־ישער רעדנער איז קראַנק געוואָרן און מיר איז אויסגעקומען צו רעדן סיי אין דעם נאָמען פון דעם פּוילישן סאָציאַליזם, סיי אין נאָמען פון „בונד". הויך פון דער טריבונע קוק איך אַראָפּ צו אַ ריזיקער מאַסע וואָס הערט זיך צו מיט געשפּאַנטקייט צו יעדן וואָרט, כאַפּט אויף די רופן און ברויזט אויף, ווען איך אַליין ווער מיטגעריסן אויף די פליגלען פון אַ לאָזונג! ס׳רעדט צו די פּויערים פון דאָרף, צו די פּוילישע אַרבעטער פון שטאָט אַ יידישער סאָציאַליסט, פּאַר זיי אַן אומבאַקאַנטער, אָבער מיט אַ באַגלייט־שיין וואָס רופט אַרויס צוטרוי — „בונד"!

שפּעטער מיט יאָרן, ווידער אַ מאָל אויף אַן ערשטער מאַי־פייערונג, אין דער מאַלערישער וויסל־שטאָט פּלאָצק. ס׳איז איינע פון די לעצטע מאַי־פייערונגען ערב דער וועלט־שׂרפה, וועלכע היטלער האָט אָנגעצונדן.

מיר קומען מאַנען אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט ביי די צענדליקער טויזנטער פּוילישע אַרבעטער און פּויערים — און צי קען מען פאַרגעסן דעם געפיל וואָס וואַקסט אין דיר אויס, ווען דו דערפילסט, אַז הענט פון פּוילישע אַרבעטער טראָגן דיך אַרויס צו זייערע פּענער אונטער דעם געזאַנג פון „דער רויטער פאָן", אַלס ענטפער אויף דיין רוף?!

נישט בכדי אַן אייגענע איבערלעבונג צו דערציילן שרייב איך דאָס. אַ, ניין, ברייט איבער פּוילן איז דער נאָמען „בונד" שוין געוואָרן פאַרשפּרייט אַלס דער סימבאָל פון אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט, פון פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף. און זיין וואָרט, דעם „בונדס" וואָרט, פלעגט טרעפן צו די הערצער פון טויזנטער פּוילישע אַרבעטער און פּויערים ווען נאָר, מיר, די שליחים פון „בונד", פלעגן דאָס דאָזיקע וואָרט ברענגען.

***

און לסוף וועגן אַ מאָמענט פון גרעסטן געוויגטאָן — פונעם העכסטן באַצאָל, וואָס דער גורל קען געבן!

דער ריזיקער זאַל פון וואַרשעווער צירק, וואָס נעמט אין זיך אַריין איבער פינף טויזנט מאַן, איז באַצירט פון דער זאַמדיקער אַרענע ביז אַרויף צום שפּיץ פון זיין קופּאָל מיט אַ בלוי־רויט געוואַנט! בלויע בלוזן, רויטע קראַוואַטן און פּורפּורענע שטורעם־פענער האָבן פאַרדעקט די גרוי־קייט פון די ווענט.

דאָס האָט די פאַראויסמאַרשירנדע בונדישע יוגנט אויף די שפּיצן פון אירע פענער, וועלכע זי האָט טראַציק געטראָגן „דעם מאָרגן־רויט אַנטקעגן", געבראַכט דעם גרויסן מוט און טיפן גלויבן אינעם רעוואָלו־ציאָנערן קאַמף וואָס איר פּאַרטיי, דער „בונד", פירט.

און ווען מיר, די פון דער „צוקונפט", האָבן אונדזער רוף דער מחנה געוואָרפן, האָט זי מיט דעם ווידער־שאַלט פון דער שבועה געענטפערט, אָנפילנדיק מיט פרייד און שטאָלץ די פירער, די אומפאַרגעסלעכע: יוזעף, הענריק, וויקטאָר, כמורנער און די אומצאָליקע, וועמען די דאָזיקע נעמען סימבאָליזירן.

***

שטעל זיך אָפּ, ציַיטוואָגן, דעם מאָמענט וויל איך איינהאַלטן, צושמידן צום היינט.

אונזער צייט, 1947

# אין דער פּאַרטיי און פאַר דער פּאַרטיי

## (דעראינערונגען וועגן חבר חיים וואַסער)

ס'איז מיר שווער, זייער שווער זיך אונטערגעבן דער ווירקלעכקייט און שרייבן וועגן חבר חיים, ווי וועגן אַ פאַרגאַנגענעם... נעכטן, ממש ערשט נעכטן האָבן מיר געשמועסט וועגן דער נאָענטסטער צוקונפט. ער האָט זיך געגרייט צו אַן אינטענסיווער אַרבעט — זיך געגרייט צו דער נאָענטסטער וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד", וואָס האָט געזאָלט פאַרקומען דעם האַרבסט און איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף עטלעכע חדשים.

און אָט די אַלע שמועסן און פּלענער זיינען געוואָרן פּלוצים איבער־געריסן, אומדערוואַרטעט אָפּגעהאַקט. טעזן, פּראָיעקטן פון רעפעראַטן זיי־נען געבליבן נישט פאַרענדיקט.

זיין טיפער גלויבן אין סאָציאַליזם, זיין גרויסע האָפענונג, אַז ס'וועט נאָך קומען אונדזער צייט, פלעגט אין מאָמענטן פון רעפלעקסן און בענק־שאַפט באַפאַרבט ווערן מיט אַזאַ האַרציקייט, וואָס נאָר די, וועלכע האָבן אים נעענטער געקענט, האָבן געקאָנט אַרויספילן.

ער איז געווען שטענדיק גרייט צו זאָגן אַלץ מיט דער גאַנצער שאַרפ־

קייט און קלאָרקייט, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּאָליטישע און גע־זעלשאַפטלעכע ענינים. ער איז אָבער געווען צוריקגעהאַלטן, שטאַרק גע־צוימט ווען געפילן און איבערלעבונגען פלעגן אים ברענגען אין אַ גע־מיט, וואָס ביי אַנדערע פלעגט עס זיך פאַנאַנדערגיסן אין פליסיקע פּראָזן און פּאַטעטישע רעדעס.

כ'האָב איצט דאָס געפיל, אַז די זעלבע געצוימטקייט מאָנט דאָס אי־ריקע, ווען ס'קומט אויס צו שרייבן וועגן אים.

***

דאָטעס אינעם לעבן פונעם „בונד" אין פּוילן זיינען געווען די דאַ־טעס פון זיין לעבן.

ס'האָט אים די אַרבעט אין „בונד" געברענגט אין ענגן באַריר מיט אַלע פירער און טוער פון פּוילישן „בונד". מיט עטלעכע האָבן אים גע־בונדן וויכטיקע געשעענישן אין זיין און זייער לעבן.

נישט איין מאָל פלעגט ער מיר זאָגן: „לעאָן, פאַרגעדענקט דאָס, אפשר וועט דאָס אייך אויסקומען צו וויסן".

„איר ווייסט, לעאָן? כ'בין אַריין אין „בונד" אין דער זעלבער צייט, וואָס העניק ערליך און מיר זיינען ביידע אין דער זעלבער צייט אויס־געקליבן געוואָרן אין וואַרשעווער קאָלעקטיוו פון „בונד". — און פון 1906 ביז 1939 האָט די טיפע צוגעבונדנקייט צום חבר ערליך גענעסט אין אים. ווייניקע האָבן וועגן דעם געוואוסט, אָבער דער חבר העניק — יאָ.

מיט אַ סך פון דעם, וואָס דער שפּרודלדיקער רעבעל חבר וויקטאָר אַלטער האָט געזאָגט, האָט חבר חיים נישט מסכים געווען — אָבער דאָס אַלץ וואָס אַלטער האָט געטאָן אינעם „בונד" און פאַרן „בונד", האָט חיימען צוגעצויגן צו אים. אין זיין קאַמף פאַר וויקטאָרס באַפרייאונג אין מאָסקווע אין 1921 איז נישט באַר געווען אַן אויסדרוק פון זיין אומבאַ־גרענעצטער לאָיאַליטעט צו דער פּאַרטיי; ער איז אויך געווען מאָטי־ווירט מיט דעם טיפן סענטימענט וואָס ער האָט געהאַט פאַרן ח' וויקטאָר.

ווי פאַרשיידן אין זייער פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי — איז דאָך געווען אַ טיפע קרובהשאַפט צווישן חיימען און דעם ח' יוזעף (נח). נח האָט אים דיסטאַנסירט אין וואַג, אין סטאַזש און אין זיין ראָל, באַזונדערס אין די פריערדיקע, אין די לעגענדאַרע יאָרן פון „בונד". ס'האָט זיי אָבער דער־נענטערט די ראָל, וואָס ביידן איז אויסגעקומען — אויף פאַרשיידענע וועגן — צו שפּילן ביים איינהאַלטן די גאַנצקייט פון „בונד" — אין פּוילן אין די גורלדיקע יאָרן, ווען שפּאַלטונג האָט געשלאָגן די סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג פון דער וועלט. — טיפע קעגנזייטיקע אַכטונג האָט זיי ביידן פאַרבונדן און אויך אַ פאַרבאַהאַלטענער סענטימענט.

חיים האָט דאָס געבּרענגט צום אויסדרוק ווען ער האָט אין זיין צוואה געזאָרגט פאַר אַ יוזעף (נח)־בוך . . .

צו דער פלעיאַדע יונג פאַרשניטענע בונדישע פּערזענלעכקייטן האָט געהערט יוסף לעשטשינסקי (כמורנער). זיין גלענצנדע פעדער, זיין גרויסע, טיפע חכמה, לומדות און אימפּאָזאַנטער וויסן, געפּאָרט מיט אַ ברויזנדן טעמפּעראַמענט האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַ פירער, וואָס האָט איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אויפן גאַנצן וועג, וועלכן דער „בונד" האָט אַדורכגעמאַכט אין פּוילן זינט 1921 ביז סעפּטעמבער 1939. פאַר דעם דאָזיקן דרייסטן און שאַרף קריטישן מוח, פאַר דעם אָפּטמאָל בייסנדיקן פּאָלעמיסט איז חיים געווען די מאָס און וואָג. כמורנער האָט געגעבן גלאַנץ דער לינקער ריכטונג אין „בונד", אָן חיימען וואָלט אַזאַ ריכטונג נישט געווען און נישט געהויזט אינעם „בונד".

און אויך די דאָזיקע צוזאַמענאַרבעט איז געווען אַדורכגעפלאָכטן מיט טיפער פריינטשאַפט. נישט איין מאָל האָט ער געטראַכט און געזאָגט: כמורנערן קומט אַ מאָנומענט; ס'איז דאָס שולדיק די פּאַרטיי, ס'זיינען דאָס שולדיק קודם כל מיר, זיינע אַמאָליקע מיט־חברים פון דער ריכטונג — מ'דאַרף אָנשרייבן אַ כמורנער־מאָנאָגראַפיע. אָן אַזאַ אַרבעט וועט די געשיכטע פון „בונד" אין פּוילן נישט זיין אַ פולקאָמע אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס „בונד" מיינט.

און לסוף — דאָ, אין אַמעריקע, אין די יאָרן פון צווייטן וועלט־קריג און שפּעטער, ווען דער גאַנצער גרויל פון אונדזער חורבן איז אַנטפּלעקט געוואָרן, האָבן זיך צוויי אויסגעוואָרצלטע, אָבער טיף אין „בונד" איינגעוואָרצלטע, דערנענטערט אין אַ נאָענטער פריינטשאַפט: פראַנץ קורסקי און חיים וואַסער. זיי זיינען פריער נישט געווען אַזוי נאָענט: פראַנץ קורסקי האָט געלעבט אין אויסלאַנד, חיים וואַסער אין פּוילן; ח' פראַנץ האָט געהערט צו דער מערהייט־ריכטונג פון „בונד", ח' חיים צו דער מינדערהייט. אין ניו יאָרק האָבן זיי זיך דערנענטערט — צוערשט פּערזענלעך, דאַן אויך אידעאָלאָגיש. עס האָט זיי ביידן פאַרבונדן אַ געמיינזאַמע, טיפע בענקשאַפט צום „בונד", — דעם „בונד" פון נעכטן, וועלכן זיי האָבן געוואָלט אָפּהיטן אין די געדעכענישן פון דורות.

***

אין אָנהויב 1916, אין איינעם פון די ווינטערדיקע אָוונטן איז אין לאָקאַל פון וואַרשעווער גראַסער־קלוב, אויף עק מילנע און פּזשעיאַזד, פאַרגעקומען אַ דיסקוסיע־אָוונט. ביים רעדנער־טישל איז געשטאַנען חבר חיים און גערעדט וועגן דער פּאָליטישער לאַגע. כ'געדענק נישט צי ער איז דאַן געווען אַ רעפערענט, אָדער איינער פון די דיסקוטאַנטן. שוין דאַן האָט ער אָבער אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק מיט זיין לאָגיק.

זיין רעדע איז געווען קלאָר, ניכטער, אָן אָראַטאָרישע קונצן, אָבער אַ שטאַרק־איבערצייגנדיקע. דער דאָזיקער ערשטער איינדרוק איז דערנאָך באַפעסטיקט געוואָרן אין משך פון צענדליקער יאָרן וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן דעם ח׳ חיים.

זיין לאָגישקייט און קאָנסעקווענטקייט האָט ביי טייל געמאַכט דעם איינדרוק פון איינזייטיקייט. נישט ריכטיק. ס׳איז געווען אַ גראַדליניקע, אָבער קאָנסעקווענטע און שטענדיק מיט פאַקטן באַקרעפטיקטע מאָטיווירונג פון אַ שטעלונג.

ער איז געקומען צום „בונד" אין 1905 און אין 1906 איז ער שוין געווען איינעם אַקטיוו פון „בונד". די דאָזיקע יאָרן — פול מיט רעוואָלוציאָנערן אימפעט — האָבן פאָרמירט זיין רעוואָלוציאָנערן גייסט. דער שטעמפּל פון די דאָזיקע יאָרן איז געבליבן ביז צום סוף פון זיין לעבן.

דער גרויסער רעוואָלט פון 1905 איז געפירט געוואָרן דורך אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס איז געווען דורך און דורך מאַרקסיסטיש. און אָט די לעקציע פון רעוואָלוציאָנערן — נישט וואולגאַרן — מאַרקסיזם איז געבליבן אַזוי טיף אין זיין באַוואוסטזיין, אַז די אַלע אומוואַנדלונגען אין די שפּעטערע יאָרן און אַלע זיינע נאָך שפּעטערע וואַנדערונגען איבער קאָנטינענטן האָבן נישט אָנגערירט זיין מאַרקסיסטישע וועלט־אָנשויאונג. לאָמיר דערביי אונטערשטרייכן, אַז מאַרקסיזם און רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם, זיינען נישט קיין סינאָנימען פון קאָמוניזם. צווישן ביידע איז אַ ריזיקער אונטערשייד.

אין 1917 האָבן זיך שוין אין דער פּאַרטיי אָנגעהויבן אויסצוטיילן די עלעמענטן, וואָס האָבן שפּעטער געבילדעט דעם „לינקן פליגל" אין אונדזער באַוועגונג. וויפל מאָל האָט דאָס דער חבר חיים געדאַרפט פאַרנעמען די טריבונע צו פּאָלעמיזירן, צו פאַרטיידיקן זיין שטעלונג. אָבער ער איז גלייכצייטיק געווען אימון צו דער היפּנאָטישער ווירקונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און פון דער קאָנצענטרירטער אַטאַקע, וועלכן דער „קאָמינטערן" האָט אָנגעהויבן קעגן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג בכלל און קעגן „בונד" בפרט.

זיין פעסטער כאַראַקטער האָט אים און דער פּאַרטיי געהאָלפן ווידערשטעלן זיך דער געפאַר פון פּאָליטישער צעשטערונג און פאַרניכטונג. זיין פעסטקייט, אָפטמאָל באַצייכנט, אַלס עקשנות, האָט אים טאַקע געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג און האָט נישט איין מאָל געהאָלפן אים אַליין און אַ גרויסן טייל פון דער פּאַרטיי אין מאָמענטן פון קריזיס צו פאַרנעמען די איינציק ריכטיקע שטעלונג: אין דער פּאַרטיי און פאַר דער פּאַרטיי. „מיר זיינען אַ לינקע ריכטונג, אָבער מיר זיינען אויך

אַן אינטעגראַלער טייל פון דער פּאַרטיי״ — דאָס איז געווען זיין לייט־מאָטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג.

נאָך היינט קען איך איבערדערציילן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער גורלדיקער נאַכט אויפן לאָדזשער צוזאַמענפאָר פון „בונד״, (1930) ווען די געשפּאַנטקייט איז דערגאַנגען ביז דער דראַמאַטישער הויך. ח׳ חיים האָט נישט פאַרלוירן דעם קאָפּ און נישט זיין דעצידירטקייט. אויב חבר הענריק ערליכס טיף מענטשלעכע און חברישע אַרויסטרעטונג אין נאָמען פון דער מערהייט האָט געהאָלפן באַרואיקן די געמיטער, האָט חיימס רעדע איבערצייגט און ווידעראַמאָל איז די פּאַרטיי געבליבן גאַנץ.

אוודאי איז חיים נישט געווען דער איינציקער אין דעם פּרט — אין דער לינקער ריכטונג — אָבער ער איז געווען דער, צו וועמען אַלע האָבן זיך צוגעהערט אין אַט די שווערע מאָמענטן.

***

זיין טיפער גלויבן, אַז די שטעלונג פון דער לינקער ריכטונג, די שפּעטערדיקע צווייער, איז וויכטיק ניט נאָר פאַר די, וועלכע זיינען אירע אָנהענגער, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי און יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט אים באַפעסטיקט אין דער איבערצייגונג וועגן דער נויטיקייט פון „קעגן שטראָם״. די מערהייט פון דער פּאַרטיי איז געווען קעגן דער דאָזיקער אויסגאַבע פון דער „לינקער״ מינדערהייט־ריכטונג, און די מינדערהייט האָט זי לסוף אָפּגעשטעלט. אָבער ס׳איז כאַראַקטעריסטיש: „קעגן שטראָם״ איז געבליבן דער מאָטאָ, וועלכן ער איז טריי געבליבן ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן.

ס׳איז געווען זיין טיפער גלויבן, אַז די סיבה פון דעם גרויסן פאַרנעם פון דער בונדישער באַוועגונג אין פּוילן, איז געלעגן אין דעם, וואָס דער „בונד״ האָט פאַרבונדן רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע מיט קאָנקרעטער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, וועלכע האָט אַרומגענומען אַלע געביטן פון דעם מאַסן־לעבן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. און דעריבער האָט ער אויך שטאַרק געגלויבט, אַז נאָך דער באַפרייאונג פון פּוילן פון דער היטלערשער באַצווינגונג, וועט ווידער אַנטשטיין די סביבה און מעגלעכקייט פאַר אַ בונדישער אַרבעט — אמת אין אַן אַ פאַרגלייך קלענערן פאַרנעם, ווייל פונעם יידישן פאָלק אין פּוילן זיינען נאָר רעשטלעך געבליבן.

ער איז געפאָרן אַהין אין 1947 גלויבנדיק, אַז ס׳וועלן זיין באַדינגונגען פאַר בונדישער אַרבעט אויך אין די אַ. ג. „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס״, וואָס זיינען דאַן נאָך געווען אַ נייע דערשיינונג. דער דורכפאַל פון דאָזיקן פּרוּוו האָט אים זייער טיף דערשיטערט. פּונקט אַזוי ווי ער האָט

דערשיטערט פאַרשיידענע ראַדיקאַלע סאָציאַליסטישע און פּויערישע גרופּן, וואָס האָבן אויך געלייגט האָפענונגען אויף אַ ווידער־אויפגעבויט, באַפרייט פאָלקס־פוילן.

**
*

אין דער גאָר לעצטער צייט, במשך זיין מיטאַרבעט מיטן וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס, האָט ער דעם הויפּט־געוויכט געלייגט, אַז דאָס פונדאַמענטאַלע, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן „בונד" אין פוילן, זאָל אויך ווייטער בלייבן אין דער באַוועגונג, וואָס האָט געגומען אויף זיך צו זיין דער המשך פונעם נעכטן. נישט איינמאָל פלעגט ער זיך לעצטנס ווענדן צו דער מערהייט: „חברים, געדענקט וועגן דעם, וואָס די אַמאָליקע איינסער — די מערהייט פון דער פּאַרטיי — האָט ביזן 7טן סעפּטעמבער 1939 געטאָן, געזאָגט און געשריבן".

און צו זיינע אידייען־חברים פלעגט ער נישט איינמאָל זאָגן: „ווער רעדט איצט וועגן אַ צווייער־שטעלונג, ס'איז גאָר אונדזער אויפגאַבע צו מאָנען, אַז די „איינסער"־שטעלונג זאָל נישט פאַרגעסן ווערן".

**
*

ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די גאָר יונגע יאָרן. אַ 15־יעריקער בחור איז ער געקומען פון קליינעם שטעטל גראַיעווע קיין וואַרשע, און באַלד אַוועק אַרבעטן, פאַרדינען זיין אויסהאַלט. זיין געוואַלטיקער דורשט נאָך וויסן און זיין שטאַרקער ווילן האָבן אים דערפירט צו דער מדרגה פון אַ מענטשן מיט אַ גרויסן אָנגעזאַמלטן סאָציאַלן וויסן. אָבער נישט נאָר סאָציאַליסטישע ליטעראַטור האָט אים געצויגן — ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסע ליבע צום יידישן בוך, צו דער יידישער ליטעראַטור. דער דאָזיקער ליבע איז ער געבליבן געטריי ביז זיין לעצטן טאָג.

די שול פון „בונד" איז אין יענע יאָרן געווען פון די בעסטע אוניווערסיטעטן. זי האָט אויך דערצויגן דעם ח' חיים, געגעבן אים טעאָרעטישן וויסן און אַנטוויקלט זיינע פּילזייטיקע פעאיקייטן.

זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייטן זיינען געקומען צום אויסדרוק אַחוץ אין פּאָליטישן לעבן אויך אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. לאַנגע יאָרן האָט ער געהערט צום „לאַנד־ראַט" (עקזעקוטיווע) פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און צו דער צענטראַל־קאָמיסיע פון דער גאַנצער פּראָפעסיאָנעלער קלאַסן־באַוועגונג אין פוילן.

ווען אין 1918 האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערוואַקסן די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין פּוילן, איז ער אויך אויף דעם געביט געוואָרן אַקטיוו און אין משך פון צענדליקער יאָרן האָט ער געהערט צו די אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן פון דער יידישער אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע, בפרט אויפן געביט פון יידישן פאַרלאַגס־וועזן; ער איז געווען פאַרוואַלטער פון דעם גרויסן ביכער־פאַרלאַג „קולטור־ליגע".

דעם אָנגעזעענעם אָרט אין דער באַוועגונג האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין קלאָרן לאָגישן שכל, זיין אומבאַגרענעצטער לאָיאַלקייט. און זיין אומבויגזאַמען כאַראַקטער. ער איז נישט געווען קיין פעסט־אָראַטאָר, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען דורכגעטראַכט און גוט אָפּגעוואויגן.

ער האָט געהאַט, אמת נישט „צופיל", אָבער דאָך זיין חלק טורמע און לאַגערן. ער האָט געהאַט דעם „כבוד" צו זיין אַ צאַרישער אַרעסטאַנט אינעם אַלעקסיעיעווסקע פאָרט פון וואַרשעווער ציטאַדעל. און האָט אויך מיטגעמאַכט בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה די פאַרשיקונג און די דייטשע לאַגערן אין האָוועלבערג און אין מאָדלין.

***

ער האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה, וואָס באַשטייט פון צוויי טיילן. די ערשטע — אַ נישט־געשריבענע — רופט זיינע אידייען־חברים צו טאָן ווייטער די אַרבעט, וועלכער ער האָט לעצטנס אָפּגעגעבן אַזוי פיל האַרץ און געזונט. די צווייטע — די געשריבענע — באַשטימט צו פאַרווענדן דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין געלט אויף צוועקן, וואָס באַווייזן צום ווייפלסטן מאָל, ווי איינגעפלאָכטן זיין לעבן איז געווען אין דער בונדישער באַוועגונג בכלל און אין דער ריכטונג, צו וועלכער ער האָט געהערט און געוואָלט פירן דעם גאַנצן „בונד", בפרט.

און נאָך איין וואָרט...

ווען ער איז געקומען אין 1947 פון זיין באַזוך אין פּוילן, האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך אַ הויפן אַש און ביינער פון דער אָשוויענטשימער קרעמאַטאָריע... ער האָט נישט געוואוסט, וואו ס'זיינען די קברים פון זיין פרוי און טאָכטער — האָט ער מיט זיך געפירט דאָס דאָזיקע אַש...

זאָל עס זיך צונויפמישן מיט דער גאַסטפריינטלעכער ערד פון דעם בית עלמין פון אַרבעטער־רינג אין ניו יאָרק, וואָס האָט צוגענומען צו אייביקער רו אים און אַ סך פון די, מיט וועמען ער האָט יאָרן, יאָרן לאַנג געלעבט, געקעמפט, געפרייט זיך און געליטן.

אונזער צייט, 1953, נ' 10

# װוטער יאָרטאָג פֿון װאַרשעװער געטאָ־אױפֿשטאַנד

## 19טער אַפּריל

דעם 19טן אַפּריל 1943 איז אױסגעבראָכן דער באַװאָפֿנטער אױפֿשטאַנד פֿון װאַרשעװער געטאָ...

דער דאָזיקער קורצער, פּשוטער זאַץ איז אַזױ טיף טראַגיש אין זײַן אינהאַלט, אַז װיפֿל מאָל מיר זאָלן אים נישט איבערחזרן, אַזױ פֿיל מאָל שװימען אױף סײַ בילדער פֿון מענטשלעכן אױפֿשטײַג — אױפֿשטײַג צו דער העכסטער מדרגה פֿון העראָאיזם — סײַ בילדער פֿון מענטשלעכער געפֿאַלנקײט, אַכזריות און ברוטאַליטעט, װאָס פֿאַרלעצן און פֿאַרלײקענען דעם נאָמען „מענטש"

***

אין זײַן משוגענעם חלום פֿון אַן אײראָפּע אונטער דײַטש־אַרישער הערשאַפֿט האָט היטלער געטרוימט זײַן בעסטיאַליש־װאַנזיניקן טרוים פֿון אַן אײראָפּע אָן ײדן.

ס'האָט נישט גענוגט, אַז איבער די אײראָפּעאישע היפּשטעטע זאָל פֿלאַטערן דער זיגרײַכער האַקן־קרײץ. ס'האָט אים אין שלאָף און װאָר פֿאַרפֿאָלגט דאָס „גרױליקע געשפּענסט" — דער לעבעדיקער ײד!

הונדערטער טױזנטער דײַטשן, מיליאָנען יונגע און אַלטע, פֿרױען און מענער — פּראָפֿעסאָרן און קלײן־הענדלער, אַרטיסטן, מוזיקער, קינסטלער, ביוראָ־אַנגעשטעלטע, און אױך פֿיל אַרבעטער, האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך אָט די שװידערלעכע שנאה צום ײד, אַ שנאה, װאָס האָט אױפֿגעװעקט אין דער טיפֿעניש פֿון דער דײַטשער נשמה דעם „פֿוראָר טעאוטאָניקוס" איבעם פֿאַרניכטונגס־דראַנג קעגן ײדן!

װי אַנדערש קען מען פֿאַרענטפֿערן דעם אױפֿברױז פֿון אַ שטורעם, װאָס האָט װי אַן אָקעאַן פֿאַרגאָסן גאַנץ אײראָפּע און זײַן אָפּהילך געשלײדערט אַפֿילו װײַט איבער די ברעגעס פֿונעם אַטלאַנטיק!? דאָס „האָרסט װעסעל־ליד", דאָס ליד פֿון לאַנגן מעסער, געזונגען דורך די ברױנע באַטאַליאָנען — איז דאָך געװאָרן דאָס ליד פֿון מיליאָנען, אַ ליד פֿון בלוט און האַס, פֿון נקמה און צעשטער. אַן אָנזאָג דער װעלט, אַז מיט בלוט װעט זי „געהײליקט" װערן און מיטן „מעסער" װעט זי אײביק בערגעבױט װערן, אַז פֿאַרניכטעט דאַרף װערן דאָס אַלטע אײראָפּע און פֿריער פֿאַר אַלץ — דאָס „ײדישע אײראָפּע".

דער מאַרש קעגן ײד האָט זיך אָנגעהױבן דעם 31סטן יאַנואַר 1933,

און געדויערט האָט ער ביזן לעצטן טאָג פון היטלערס מאַכט, ביזן ערשטן מאַי 1945. — נאָך פון אונטער די חורבות פון דער ברענענדיקער „רייכס־קאַנצעליי" אין בערלין האָט זיין סאַטאַנישע מאַכט, זיין צעשטע־רערישער דראַנג געהערשט איבערן ווילן און די היניטישע נשמות פון זיינע שטורמיסטן, וואָס האָבן געברענט און אויף שטיקער געריסן די צע־פייניקטע האַלב־סקעלעטן פון זייערע געפאַנגענע — די יידן־רעשטלעך פון די „קאַצעטן".

היטלערס ממשלה איז צעשמעטערט געוואָרן. דאָס „דריטע רייך" איז פונאַנדערגעריסן געוואָרן אויף שטיקער. דאָס „הערן־פאָלק" איז צוריקגע־שליידערט געוואָרן אין די אייגענע צעשטערטע שטעט און האַפנס.

אָבער אַחוץ אָט די חורבות זענען אויפן פנים פון אייראָפּע גע־בליבן קרעציקע וואונדן, וואָס וועלן לאַנג, לאַנג פאַרמיאוסן דאָס געשטאַלט פונעם וויגעלע פון דער מאָדערנער, אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע — אָש־וויענטשים און מאַידאַנעק, טרעבלינקע און בערגען־בעלזן...

ווען אפילו פאַרווישט און אָפּגערוימט, וועלן זיי דאָך בלייבן אינעם זכרון פון דורות, ווי עס זיינען געבליבן די פּיראַמידן פון מענטשלעכע שאַרבנס, אויפגעזאַמלטע אויף די וועגן, דורך וועלכע דזשינגיס־כאַן האָט געפירט זיינע ווילדע מאָנגאָלן.

*****

היטלער און נאַצי־דייטשלאַנד האָבן זייער פאַרניכטונגס־פּלאַן קעגן יידן אויסגעפירט מיט דער גרעסטער פּרעציזקייט. צו הילף איז געקומען די דייטשע וויסנשאַפט: די סאָציאָלאָגיע און מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, די מעדיצין און ביאָלאָגיע, די אינזשיניערן און כעמיקער.

צום ערשט — די געטאָס. דאָרט אַהין פאַרשיקן די יידן, אַרומצאַמען זי מיט שטעכיקן דראָט, מיט מויערן, אַרומנעמען מיט האַס און פאַר־אַכטונג וואָס זאָלן פאַרשטויסן און אָפּגרענעצן שטאַרקער ווי יעדער צוים און וואַנט!

דערנאָך — קאָנצענטראַציע לאַגער. דער לאַגער, וואָס זאָל אַנט־מענטשן. אויסזויגן יעדן זאַפט פון די ביינער און מאַרך פון יידישן גע־פאַנגענעם. פאַרוואַנדלען אים אין אַ ווילנסלאַזן, לעבנסלאָזן הויפן פון ביינער און הויט.

און דאַן — דער קאַלך־אויוון, די גאַז־קאַמער, וואָס זאָלן פאַרברע־נען און אין אַש פאַרוואַנדלען דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען שפּרודלדיק לעבן: ווילן, וויסן, אינטעליגענץ, אַרבעט און שאַפן —

און מיט וואָס פאַרא פאַרנעם איז די דאָזיקע טייוולאַנישע צעשטע־רונג אַדורכגעפירט געוואָרן! מיט אויסגעצויגענע בלוטיקע נעגל איבער די ווייטסטע ווינקלען פונעם נאַצי־אָקופּירטן אייראָפּע האָט דער „דייי־

טשער אָדלער״, אַ באַקרוינטער מיטן האַקן־קרייץ, געריסן און געפליקט דעם קערפּער פונעם יידישן פאָלק. דער גרויליקער שטורעם פונעם קריג האָט פאַרטויבט דעם ווײ־געשריי און געשטערט דעם ווידערשטאַנד פון די געפּייניקטע.

און דאָך איז געווען אַ ווידערשטאַנד. זיינען געווען קאַמפן און רע־וואָלטן אין די געטאָס און טויט־לאַגערן! און ווי אַ סימבאָל פון די אַלע קאַמפן־רעוואָלטן, און ווידערשטאַנדן הייליקן מיר — דעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ!

**
*

דאָרט, אין וואַרשע, אונטער די שטאַרקע פאַרצוימונגען, הינטער דער געטאָ־מויער האָט אין משך פון יאָרן געלעבט און געקעמפט אַ פיל־הונדערט־טויזנטיקער יידן־צענטער.

געביסן און געריסן שטיקער האָט פון זיין גוף דער נאַציסטישער הונט. אָבער וויפל מאָרד ס׳איז נישט איבער אים באַגאַנגען געוואָרן — דאָס מענטשלעכע איז אין אים געבליבן, דאָס ווירדיקע איז נישט אויסגעוואָרצלט געוואָרן.

אַלע יידישע ריכטונגען זיינען געווען טעטיק אין געטאָ־אויפשטאַנד. אָבער צו די אַקטיווסטע, צו די אומבויגזאַמסטע, די רעוואָלטירנדיקסטע האָט געהערט דער סאָציאַליסטיש דערצויגענער יידישער־אַרבעטער — דער בונדיסט און זיינע ייִנגערע ברידער און שוועסטער, דער צוקונפטיסט און סקיפּיסט.

אין משך פון צענדליקער יאָרן האָט דער „בונד״ געפורעמט דעם ווילן, געשטאַרקט דעם גלויבן, געפלעגט די מענטשן־ווירדע פונעם יידישן אַרבעטער. צענדליקער יאָרן פון קאַמף, צענדליקער יאָרן פון פאַרבינדונג מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע וועלט־באַ־פרייאישע סאָציאַליסטישע אידעאַלן — האָבן באַשאַפן אַ יידן, אַ סאָציאַ־ליסט און אַ קעמפער, וועמען היטלער האָט נישט געקענט מאָראַליש דער־נידעריקן און צעשטויסן. אין אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ ליגט אַר־בעט, גייסט און קאַמף פון פריערדיקע צענדליקער יאָרן.

סאָציאַליזם, בונדיזם האָבן געוועקט און געשטאַרקט די אונטערערדישע באַוועגונג, געמוטיקט צום ווידערשטאַנד, מיטגעווירקט אויפן אַקטיווסטן אופן אין קאַמף און אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ.

די רעפלעקסן פונעם 19טן אַפּריל 1943 ברענגען אַרויס קודם כל דאָס אימהדיקע בילד פון דעם ביישפּיללאָזן נאַצי־דייטשן פאַרברעכן. מיר טאָרן עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. מיר דאַרפן יעדעס מאָל איבערלעבן דעם זעלבן שוידער, פּונקט ווי דער דאָזיקער גרויל וואָלט נאָך אַלץ געדויערט — ווייל ער דויערט טאַקע נאָך אַלץ דער גרויל:

זעקס מיליאָן דערמאָרדעטע!...

דער פאַרניכטעטער טויזנט־יאָריקער יידישער ישוב אין פוילן...

אומפאַרגעסלעך איז אויך דאָס דערהויבנדיקע אין די דאָזיקע טראַגישסטע מאָמענטן פון דער יידישער געשיכטע — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און די קאַמפן אין אַנדערע געטאָס, אין די נאַצי־לאַגערן, אין די פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונגען אין די וועלדער.

ס׳האָט סאָציאַליזם אַזעלכע טיפע וואָרצלען געלאָזן אין די רייען פון צענדליקער טויזנטער, ס׳האָט דער גלויבן אינעם מענטשן פון מאָרגן און דאָס געפיל פון אחריות פאַר אייגענער ווירדע, פאַר דער ווירדע פון אייגענעם קלאַס און פאָלק, אַזוי טיף זיך פאַראַנקערט אין די נשמות פון יידישע סאָציאַליסטן, אַז זייער קאַמף איז געקומען ווי נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך.

היטלערס גענעראַלן האָבן געקענט צעשטערן מיט אַרטילעריע די מויערן, הייזער און בונקערס פונעם געטאָ. דייטשע פליער האָבן געקענט פון עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן די הילפלאָזע יידן. זיי האָבן נישט געקענט צעשטערן דעם קאַמף־גייסט אינעם ייד און סאָציאַליסט — דעם געטאָ־אויפשטענדלער.

עטלעכע וואָכן האָט געדויערט דער דאָזיקער אומפאַרגעסלעכער קאַמף פאַר „אונדזער און אייער פרייהייט” — די קאַמף־לאָזונג פון געטאָ.

נעמען פון — נעכטן אומבאַקאַנטע יונגע לייט — גייען אַריין אין דער געשיכטע פון היטלערס מלחמה פונקט אַזוי, ווי די נעמען פון די גענעראַלן, וועלכע האָבן אים באַזיגט.

די בונדיסטן קלעפּפיש, בלום, בלאָנעס; דער השומר הצעירניק אַניעלעוויטש — צו דערמאָנען נאָר סימבאָלן — שיינען אַרויס פון די געטאָ־חורבות. די העלדישקייט, וואָס זיי סימבאָליזירן, וועט לעבן אין זכרון פון צוקונפטיקע דורות.

***

צו זיי, צו זייער קאַמף און צו זייער אומקום געהערט אויך דער, וואָס איז פון געטאָ אַרויס, כדי צו טראָגן איבער דער פרייער וועלט דעם אמת וועגן דייטשער אכזריות, וועגן דייטשישן פאַרטיליקונגס־פּרואוו. ער איז שפּעטער געוואָרן דער מאָנער, דער אַמבאַסאַדאָר פון געטאָ — שמואל מרדכי זיגלבוים, „אַרטור”.

ווען דער געטאָ איז איינגעפאַלן אונטער די גליענדיקע חורבות, ווען דער אויסזיכטלאָזער קאַמף האָט זיך אויף די דאָזיקע מויערן און חורבות פאַרענדיקט — האָט אויך ער זיין לעבן פאַרענדיקט, פרייוויליק, כדי דער וועלט — דער דעמאָקראַטישער וועלט, דער וועלט, וואָס האָט געקעמפט קעגן היטלער־דייטשלאַנד, — צו באַווייזן, אַז זי זאָל ראַטעווען די רעשטלעך

לעבן־געבליבענע יידן, אַז זי זאָל וואָרענען די דייטשן און נעמען אונטער שוץ די יידן, אַז זי זאָל אונטערנעמען ממשותדיקע, ווירקזאַמע מיטלען צו ראַטעווען פונעם אוסגעמאָרדעטן יידישן פאָלק וואָס עס לאָזט זיך נאָך ראַטעווען.

זיין טויט איז פונקט אַזוי פאַרהילכט געוואָרן, ווי די לעצטע שאָסן אינעם געטאָ...

***

צום עלפטן יאָר־טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד דערמאָנען מיר זייער גרויסע, אומפאַרגעסלעכע טאַט — אין אַ וועלט, וואָס וויל פאַרגעסן דעם בלוטיקן נעכטן, דעם גרויליקן שוידער פון היטלעריסטישער נאַכט!

מיר קענען נישט און ווילן נישט פאַרגעסן!

מיר קענען נישט און ווילן נישט פאַרגעבן!

ווייל די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ, פון פאַרניכטעטן יידישן לעבן שטייען נאָך אומבאַרירט. ווייל דאָס אַש פון מיליאָנען פאַרברענטע אין די קרעמאַטאָריעס טראָגט זיך נאָך אין דער לופט... ווייל די וואונד אויפן קערפער פון אונדזער פאָלק איז נאָך אָפן. און ווייל די חורבות פון אייראָפּע וואַרטן נאָך אויף איבערבוי — די פיזישע חורבה און די חורבה אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

לאָמיר געדענקען דעם 19טן אַפּריל!

אונזער צייט, נ׳ 4־5, 1954

# די „צווייער״ אין פוילישן „בונד״

די זעכציק־יעריקע געשיכטע פון „בונד״ איז ווי די געשיכטע פון אַ מענטשן, וואָס האָט די באַזונדערע אָפּשניטן פון זיין לעבן אַדורכגעמאַכט נישט בלויז אין פאַרשידענע צייטן, נאָר אויך אין פאַרשידענע לענדער — און נעמענדיק אין באַטראַכט דעם לעצטן יאָר־צענדליק — אויף פאַרשידענע קאָנטינענטן.

ס׳איז פאַר אונדז, וואָס זיינען מיט דער פאַרטיי אויפגעוואַקסן און מיט איר אַ לעבנס־שפּאַן אַדורכגעגאַנגען, שווער צו ריידן און שרייבן וועגן „בונד״ אין אַ רואיקן געצאַמטן טאָן. דער „בונד״ שטעלט מיט זיך פאַר נישט בלויז אַ רייע פון דורות, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דעם זעלבן סכום אידייען און צילן; נישט בלויז אַ מחנה פון יחידים, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער זעלבער פאָליטישער פאַרטיי, קעמפנדיק פאַר דער „אַלגעמיינער זאַך״ — ער איז געווען אַ סך מער: אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט. זיינע מיטגלידער זיינען געווען געקניפּט און גע־

בונדן מיט טיפע עמאָציאָנעלע באַנדן, וועלכע ס׳איז גאַנץ אָפט אוממעג־לעך אונטערצואָרדענען דער „לאָגיק פון פּאָליטיק״. די איבערלעבונגען אין דער פּאַרטיי זיינען געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון אונדזער גאַנצער פּערזענלעכקייט, וועלכע מ׳קען בשום אופן נישט אויסמעקן פון זכרון און אַרויסרייסן פון האַרצן.

דעם דאָזיקן אמת קענען באַזונדערס באַשטעטיקן די, וואָס האָבן זיך אין משך פון לאַנגע, לאַנגע יאָרן געפונען אין אידייאישן שטרייט מיט דער אַ. ג. „אָפּיציעלער״, ד. ה. מיט דער מערהייטס־פּאָליטיק פון „בונד״ אין פּוילן.

ווי ריכטיק האָט אָט דעם כאַראַקטער־שטריך אַרויסגעבראַכט י. כמורנער אין זיין אַרטיקל „נאָך לאָדזש״ אין „קעגן שטראָם״ פון 1930: „און גראָד אַלס אָפּאָזיציאָנער מוז מען זייער פיל ליבע און געדולד פּאַרמאָגן, כדי צו קענען אויסהאַלטן״. און ס׳איז פאַראַן אַ סך מער ווי בלויז פּאָליטישע אַמביציע אין אַ דערקלערונג וועלכע ס׳האָט געמאַכט א. ראַפּאַלאָוויטש (חיים־מאיר וואַסער) אין דעם זעלבן „קעגן שטראָם״ פון אויגוסט 1930: „מיר ווילן נישט און וועלן נישט קיינעם אָפּגעבן די בכורה אויסשליסלעך און אַליין צו רעדן אין נאָמען פון דער פּאַרטיי״.

אין די ציטירטע שורות קומט צום אויסדרוק דאָס טיפע געפיל, אַז די פּאַרטיי איז מער ווי די מערהייט־ריכטונג, אַז זי נעמט אַרום און שליסט איין אין זיך — אונדז אַלעמען. און ווייל מיר אַלע האָבן געקענט חיימען — קענען מיר אוודאי אַרויסלייענען פון זיינע ווער־טער אַ טיפן סענטימענט, אַ גרויסע ליבע צו דער פּאַרטיי, צו דער גאַנצער פּאַרטיי, מיט דעם אַלעם מיט וואָס ער איז מסכים געווען און אויך מיט דעם אַלעם צו וואָס ער האָט נישט צוגעשטימט און אַרום וואָס ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ הייסער וויכוח אין משך פון צענדליקער יאָרן.

אויף איינעם פון די קאָלירפולסטע אָפּשניטן פון דער געשיכטע פון „בונד״ — אין דעם פּוילישן „בונד״ — האָט געווירקט און איר חותם געלייגט אויף דער פּאַרטיי די „צווייער״־ריכטונג, אַן אומגעווייגלעכע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון „בונד״. אַוודאי האָט אויך דער „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער בונד פון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד״ געהאַט אין זיינע רייען מיטגלידער, וואָס פלעגן פאַרנעמען פאַרשידענע, אָפטמאָל קעגנזעצלעכע שטעלונגען צו שטרייט־פראַגן אין דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג בכלל און צו די חלוקי־דעות אין דער רוסלענ־דישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג בפרט. ווי דאָס זיינען גע־ווען די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס אין „בונד״ אין די יאָרן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָדער די „האַרטע״ און „ווייכע״ אין דער

פראַגע פון „בונדס" אָנגעהעריקייט צו דער רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי. דאָס זיינען אָבער געווען פאַרבייגייענדע, קורץ עקזיסטירנדע גרופּירונגען. אָן אידייאישע ריכטונג מיט אַ לאַנגיאָריקער קאָנטינואיטעט, וואָס זאָל צו צוזאַמענפּאַרן און קאָנפּערענצן כסדר קומען מיט אייגענע פאָרמולירונגען און שטעלונגען — דאָס איז צום ערשטן מאָל אַנטשטאַנען אין פּוילישן „בונד" און דאָס איז געווען די „צווייער"־ריכטונג.

די גאַנצע דערפאַרונג פון פּוילישן „בונד" האָט באַוויזן, אַז ס'איז מעגלעך, אַז ווייט־גייענדע אידעאישע שטרייטן, — זאָלן נישט בלויז באַדראָען די גאַנצקייט פון דער פּאַרטיי, נישט בלויז נישט פאַרקלענערן איר אָפּוועך־כח און אָנגריפס־קראַפט, — נאָר, פאַרקערט, אַרויסרופן צום לעבן אַלע שעפערישע כוחות אין דער פּאַרטיי, פאַרשאַרפן איר וואַכזאַמקייט און פאַרשטאַרקן איר השפעה.

אויב די „צווייער־ריכטונג" אין פּוילישן „בונד" קען כאַראַקטעריזירט ווערן אין אַ קורצן זאַץ — ווי דער קאָנסעקווענטער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער פליגל אין דער פּאַרטיי, קען זי אויך באַצייכנט ווערן ווי די לעגיטימע מינדערהייט אין דער פּאַרטיי, און דער דאָזיקער אויסדרוק — ווי ס'האָבן דאָס נישט איינמאָל אונטערגעשטראָכן אין די פּילמאָליקע דיסקוסיעס סיי חיים, סיי כמורנער, סיי לייוויק, סיי שרה — האָט געמיינט טיפע איינגעוואָרצלטקייט אין דער פּאַרטיי, די זאָרג פאַרן גורל פון דער פּאַרטיי אַלס אַ גאַנצע. ס'איז שטענדיק געווען דער טיפער גלויבן פון דער „צווייער־ריכטונג", אַז זי טראָגט די מיט־אחריות פאַרן קיום פון דער פּאַרטיי אַפילו דאַן, ווען זי איז אין דער מינדערהייט.

דער אָנזען פון דער „צווייער־ריכטונג" אין פּוילישן „בונד", דער אָנטייל פון אירע אַקטיווע טוער אין דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און פון אירע צאָלרייכע אָנהענגער אינעם לעבן פון דער פּאַרטיי אויף די ערטער איז געווען אַזאַ ווייכטיקער און אַקטיווער, אַז די פּאָליטיק פון דער גאַנצער פּאַרטיי איז געווען באַאיינפלוסט דורך דער מינדערהייט; דער „בונד" איז שטענדיק געווען אַלעמענס „בונד", און זיינע פירער און טוער, אומאָפּהענגיק פון זייער ריכטונגס־אָנגעהעריקייט — אונזערע פירער.

***

דער פּוילישער „בונד" איז געבוירן געוואָרן אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטש־עסטרייכישע אָקופּאַציע־אַרמייען האָבן אָפּגעשניטן דאָס אַמאָליקע רוסישע פּוילן פון דער רוסישער אימפּעריע. פון דעם קאָדר פירער און טוער, וואָס האָבן געהאַט היגטער

זיך אַ גרויסע דערפאַרונג, געווען אין דער שפּיץ פון דער פּאַרטיי ערב דער מלחמה, זיינען אויף די וואַקואירטע געביטן געבליבן נאָר געצײלטע: מעדעם, מיכאַלעוויטש, יוזעף (נח), וויקטאָר שולמאַן. דעמאָלט נאָך, אין דער ברייט זיך פונאַנדערבויענדער, האַלב־לעגאַלער באַוועגונג האָט זיך אַרויסגערוקט אַ קאַדער יונגע טוער, וועלכע זיינען געקומען פון די מאַסן — שניידער, שוסטער, טישלער, קאַמאַשן־מאַכער, מעטאַל־אַרבעטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע. פאַר אַ סך פון זיי זיינען די יאָרן 1915 און 1916 געווען אַן אָנהייב פון וועלכער ס׳איז געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער אַרבעט. אויך פאַר די טוער מיט אַ גרויסער דערפאַרונג פון אונטערערדישער אַרבעט — זיינען דאָס געווען נייע באַדינגונגען, וואָס האָבן געפאָדערט נייע מעטאָדן און נייע פאָרמען. אָבער דער ראַדיקאַלסטער איבערברוך אין דער באַוועגונג איז געקומען מיטן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, און דער אָקטאָבער־איבערקערעניש.

נייע לאָזונגען, נייע צילן האָט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד געבראַכט נישט נאָר די אַרבעטער און פּויערים פון דער צאַרישער אימפּעריע — נאָר אויך אין די לענדער ווייט אויסער די גרענעצן פון אַמאָליקן צאַרן־לאַנד. די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן איבערגענומען די נייע לאָזונגען מיט אַלע פיבערן פון דער נשמה, מיט דעם גרויסן ענטוזיאַזם פון אַ יונגער, פרישׂ צום מאַסן־לעבן אויפגעוועקטער מחנה. און פון די רייען פון אָט דעם יונגן קאַדער טוער זיינען אויך אַרויס די טוער און פירער פון דער שפּעטערדיקער „צוויי־טער־ריכטונג" אין „בונד".

אין די ערשטע יאָרן פון איר פאָרמירונג איז די פירער־גרופּע פון דער „לינקער ריכטונג" באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. זיי האָבן אויפגעהויבן דעם גרויסן שטרייט אין דער פּאַרטיי — דעם זעלבן שטרייט, וועלכן די רוסישע רעוואָלוציע און די אָקטאָבער־איבערקערעניש האָבן אַרויסגערופן אין דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג — וועגן דעם, ווי עס דאַרף זיך פאַרענדיקן די וועלט־מלחמה, וועלכע צילן און אויפגאַבע ס׳דאַרף זיך שטעלן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דער „עפּאָכע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע".

אויפן קראָקעווער צוזאַמענפאָר איז די „צווייטער־ריכטונג" געוואָרן די מערהייט פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך געשטעלט דאַן אויפן שטאַנדפּונקט, אַז דער „בונד" דאַרף זיך אָנשליסן אין דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אָבער ווי שטאַרק ס׳איז נישט געווען אין יענע יאָרן דער דראַנג פון די לינקע אין „בונד", אַז די פּאַרטיי זאָל ווערן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער באַשטאַנדטייל פונעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל — דעם געהאָפטן „אינטערנאַציאָנאַל פון טאַט", — האָט אָבער אין דער ריכטונג

געזיגט דער טיפער גלויבן, אַז אַט די גאַנצקייט פון „בונד" איז וויכטיקער; אַז דאָס רעכט פון די מיטגלידער פון „בונד" אויף מיי־נונגס־פרייהייט איז פון אַזאַ פונדאַמענטאַלער וויכטיקייט — אַז פאַר־לייקענען דאָס רעכט, אַזוי ווי ס'האָט פאַרלאַנגט דער קאָמינטערן, וואָלט געהייסן צעשטערן דעם „בונד".

דעם דאָזיקן פּרינציפּ, פון פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע איז די „צווייער־ריכטונג" געבליבן געטריי אויך שפּעטער, ווען זי איז פון דער מערהייט געוואָרן די מינדערהייט אין דער פּאַרטיי. זי האָט זיך קעגנ־געשטעלט דער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי אין די יאָרן 1920—1924. זי האָט קעגן איר געקעמפט אויך שפּעטער. און אַלע מאָל, קעמפנדיק גלייכצייטיק פאַרן איינהאַלטן דעם רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן אַנטי־רעפאָרמיסטישן כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי.

פון קראָקע און דאַנציק — פון די „19½ פּונקטן" ביז דער דע־קלאַראַציע פון דער „צווייער־ריכטונג" אויפן לאָדזשער צוזאַמענפאָר אין 1930, אויף וועלכן די פּאַרטיי האָט אָנגענומען דעם באַשלוס זיך אָפּ־צושליסן אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל — איז דער סימן מובהק פון דער „צווייער־ריכטונג" געווען — קאָנסעקווענטער מאַרק־סיזם, ווי דאָס איז פאַרשטאַנען געוואָרן אין דער אייראָפּעאישער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אין דעם פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

ס'זיינען אין לויף פון די יאָרן געוויסע לאָזונגען געוואָרן ווייניקער אַקטועל, געוויסע קאָנקרעטע צילן פון פּראָלעטאַרישן קאַמף האָבן זיך געענדערט — פאַר דער „צווייער־ריכטונג" אין „בונד" זיינען אָבער גע־בליבן אומדערשיטערט די הויפּט־עיקרים פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַ־ליזם: קאָנסעקווענטע רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אידייאישער קאָמפּראָמיסלאָזער שטרייט סיי קעגן רעפאָרמיזם און קאָאַליציע־פּאָליטיק, סיי קעגן קאָמוניזם. אומדערשיטערטער גלויבן, אַז די עפּאָכע, אין וועלכער די וועלט איז אַריין, איז די עפּאָכע פון גרויסע סאָציאַלע קאַמפן און איבערקערענישן. — און נאָר אַן אויסגע־שפּראָכן מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגיע גיט דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי איר אמתן כח און גייסט. און ס'ווערט דעריבער קלאָר און פאַרשטענד־לעך, וואָס כמעט אַ האַלבע פּאַרטיי וועלכע די „צווייער־ריכטונג" האָט גרופּירט אַרום זיך בשעת דעם לאָדזשער צוזאַמענפאָר האָט נאָך דעם באַשלוס וועגן אָנשליסן דעם „בונד" אינעם רעפאָרמיסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן „קעגן שטראָם".

בלעטערנדיק די נומערן „קעגן שטראָם" — איצט, נאָך מער ווי צוויי צענדליק יאָר — לייענען מיר אַרויס, ווי טיף ליב די „צווייער־ריכטונג" האָט געהאַט דעם „בונד" און ווי שטאַרק איז געווען איר ווילן איינצוהאַלטן דעם „בונד" און זיין גאַנצקייט, אָפּצושטעלן זיין רוק

אויף רעכטס, נישט דערלאָזן דערצו, אַז ער זאָל קענען אידענטיפיצירט ווערן מיטן רעפאָרמיסטישן לאַגער.

**
*

די אידעאישע שטרייטן, די פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די צוזאַמענפאָרן פון דער פּאַרטיי, האָבן אויך רעפלעקטירט אויף דער בונדישער יוגנט־באַוועגונג.

די „צוקונפט" האָט די פּאָליטישע פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי אָנגענומען פּריוויליק — זי האָט אָבער איינגעהאַלטן דאָס רעכט פריי צו דיסקוטירן און שטרייטן אַרום אַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן סדר היום פון דער פּאַרטיי, און אָננעמען אירע אייגענע באַשלוסן. אין דער „צוקונפט" איז די השפעה פון דער „צווייער־ריכטונג" געווען אָפּט גרעסער פון דער אין דער „עלטערער" פּאַרטיי. אָבער, נישט געקוקט דערויף, איז די גאַנצע „צוקונפט" געווען ענג געקניפּט און געבונדן מיט דער פּאַרטיי און אַרויסגעוויזן אַ טיפע ליבע און פאַרערונג צו די פירער פון דער פּאַרטיי, אומאָפּהענגיק דערפון צי דאָס זיינען געווען „איינסער" אָדער „צווייער". פון דער „צוקונפט" זיינען געקומען צו דער פּאַרטיי אַ רייע אָנפירנדע טוער, וואָס האָבן דעם „בונד" אַלס גאַנצן טריי געדינט מיט זייער גאַנצער איבערגעגעבנקייט און ענערגיע — בלייבנדיק היסע אָנהענגער פון דער „צווייער־ריכטונג".

ס'איז גענוג צו דערמאָנען אייניקע פון זיי: אַבראַשע ווײַנער, דעם מיטבויער פון דער „צוקונפט", בענעק ווייצמאַן, הערשל לעוו, גוטקע פון ביאַליסטאָק, פּאַוו און פילאַזאָף פון לאָדזש — און הונדערטער, הונדערטער וועמענס נאָמען איז: „צוקונפט".

**
*

אין 1917—1920 זיינען דאָס געווען יונגע, מערסטנס ווייניק דערפאַרענע אַרבעטער, וואָס זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פונעם לינקן פליגל פון דער פּאַרטיי. שפּעטער, אין לויף פון יאָרן, האָבן זיך אויף די צוזאַמענפאָרן פון „בונד", אין זיין צ. ק. און זיין צענטראַל־אָרגאַן, אין די קאָמיטעטן אויף די ערטער, אַרויסגערוקט טוער פון ברייטסטן פאַרנעם. ס'זיינען פאַרשריבן געוואָרן אין דער געשיכטע פון „בונד" אין פוילן — חיים, כמורנער, לייוויק, באָריס יאָפע, שאָול גאָלדמאַן, שאָבּפיש, פענסטערבלוי און לעאָן פיינער — זיי האָבן זייער לעבן איינגעפלאָכטן אין רויטן געוואַנט פון דער בונדישער פאָן און אין דעם טאָג פון יובל־פייער ווילט זיך זיי — און די טויזנטער וועמענס נעמען מיר דערמאָנען ניט — אַרויסרופן צום גרויסן אַפּעל, ווען אַלע בונדישע דורות ווערן דערמאָנט...

**
*

ס'זיינען צענדליקער טויזנטער בונדיסטן פאַרשניטן געוואָרן — „איינ־סער" און „צווייער" — דער אַלטער שטרייט איז אָבער ווײַט נישט פאַרענדיקט.

און ווי לאַנג ס'וועט אַ „בונד" לעבן — זאָל זיין אַפילו „צעזייט און צעשפּרייט" איבער לענדער און קאָנטינענטן — אַזוי לאַנג וועט אין אים אַ שטרייט אָנגיין, אַן אַלט־נייער שטרייט צווישן חברים און חברים, וועגן סאָציאַליסטישן מהות — און פאַר דעם קיום פון „בונד".

אונזער צייט, 1957, נ' 11־12

# דערמאָנונגען וועגן ערליך־אַלטער

אין דער נאַכט פון 3טן אויפן 4טן דעצעמבער 1941 האָט זיך דאָס טויער פון דער קויבישעווער נ.ק.וו.ד.־טורמע פאַרקלאַפּט הינטער הענ־ריק ערליכן און וויקטאָר אַלטערן, וואָס האָבן צום צווייטן מאָל באַ־טראָטן דעם גרויליקן וועג פון צום טויט פאַרמשפּטע. דאָס מאָל ביזן סוף.

עס האָט זיך דאַן רוסלאַנד געטרונקען אין אַ ים פון בלוט. הונ־דערטער רוסישע שטעט און טויזנטער ישובים האָבן געברענט אונטער דעם האָגל פון באָמבעס און קוילן פון היטלערס עראָפּלאַנען און אַרטי־לעריע. מיליאָנען מענטשן האָבן זיך וואַנזיניק געטראָגן פון איין עק פון דער רוסישער מדינה צום צווייטן אין פּאַנישן געלויף — אַוועק פון די זיגרייכע (דעמאָלט) דייטשע חיילות... אָבער יאָסיף דזשוגאַשווילי־סטאַלין דער גרויזאַמער און זיינע „אָפּריטשניקעס" האָבן אויך דעמאָלט נישט אָפּגעשטעלט זייער טעראָר וואָס איז אַזוי שווידערלעך געקומען צום אויסדרוק אינעם פאַרברעכן איבער די צוויי אומגעבראַכטע לערער און פירער פון „בונד".

די, וועמען דער גורל האָט צונויפגעפירט מיט ערליכן און אַלטערן אין די לעצטע וואָכן און טעג פון זייער לעבן, האָבן אויך דאָרטן, אין סאָוויעט־רוסלאַנד, דערזען און געזען ווי זיי זיינען געווען אין די גלאָריע־יאָרן פון „בונד", אין די שענסטע יאָרן פון זייער פּרעכטיק־שעפערישן לעבן. ווילן מיר טאַקע, דערמאָנענדיק זייער טראַגישן אומ־קום, פאַרצייכענען — וואָס זייער לעבן האָט באַדייט פאַר דער יידישער און נישט נאָר יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

**
*

אין פעברואַר 1917 איז אויסגעבראָכן די לאַנג דערוואַרטעטע רע־

וואָלוציע אין רוסלאַנד. אין דעם ברויזנדיקן פּעטערבורג, וואו דער „אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַט" האָט הייס דעבאַטירט וועגן די נייע וועגן, אויף וועלכן ס׳דאַרף אַוועק דאָס לעבן אין דער ריזיקער, באַפרייטער פון „סאַמאָדערזשאַוויע", מדינה, האָט זיך אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען — הענריק ערליך, אַלס פאָרשטייער פון „בונד".

צווישן אַנדערע וויכטיקע אויפגאַבן איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן ער זאָל, צוזאַמען מיט אַ פּאָר אַנדערע פאָרשטייער פון „צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן־ראַטן" אַרויספאָרן פון רוסלאַנד, אין די זומער־חדשים פון יאָר 1917, אין סאַמע ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט אַן אַפּעל צו די פעלקער פון די קריג־פירנדיקע לענדער, אַז זיי זאָלן אָפּשטעלן דעם קריג און שליסן אַ שלום „אָן קאָנטריבוציעס און אָן אַנעקסיעס".

די באָלשעוויסטישע אָקטאָבער־איבערקערעניש האָט ערליכן אַוועקגעשטעלט אין שאַרפער אָפּאָזיציע צום נייעם רעזשים. ער האָט פאַרלאָזט רוסלאַנד און אָנגעהויבן אַ ניי אַקטיוו לעבן אין פּוילן, וואָס האָט דעמאָלט נאָר־וואָס דערגרייכט איר אומאָפּהענגיקייט.

דאָס נייע אומאָפּהענגיקע פּוילן האָט געפיבערט מיט אַלע ווייען און נאָכווייען פון וועלט־קריג און רעוואָלוציע. באַלד איז ווידער אַמאָל אויסגעקומען ערליכן — פון דער טריבונע פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט — אין 1920, אין ברען פון פּויליש־באָלשעוויסטישן קריג — צו רופן צום שלום.

אין משך פון צוויי צענדליק יאָר האָט ערליכס שטימע גערופן צום קאַמף קעגן רעאַקציע און פאַשיזם אין פּוילן גופא, צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, פאַר אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד דעם פּוילישן כוליגאַניזם, פאַר אַ סאָציאַליסטיש פּוילן. שפּעטער, פּנים אל פּנים מיט דעם כסדרדיקן וואוקס פון די היטלעריסטישע „ברוינע העמדער", האָט הענריק ערליך געהאַלטן זיין וואָרנדיקע רעדע אויף אַ קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל — מאָנענדיק פון דער ריזיקער דייטשער ס.ד. דעצידירטקייט אין קאַמף קעגן היטלעריזם. און ווען סטאַלין האָט געשלאָסן זיין אָפּמאַך מיט היטלערן — דעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּאָפּמאַך — האָט ווידער אָפּגעהילכט ערליכס שאַרפער פּראָטעסט קעגן סטאַלינס פאַרראַט.

פּונקט אַזוי געלאָדן און געשפּאַנט מיט אַקציע און קאַמף איז געווען דאָס לעבן פון ערליכס יינגערן געטרייען מיטקעמפער, וויקטאָר אַלטער.

אויך אים האָט די רוסישע רעוואָלוציע אַרויסגערוקט צווישן די אַקטיווסטע געשטאַלטן פון רוסלענדער „בונד". אויך ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש. און אויך

ער איז געוואָרן שפּעטער, אין אומאָפּהענגיקן פּוילן אַ פירער און לע־
רער פון דער יידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן.
ער איז אויך געוואָרן אַוועקגעשטעלט אין שפּיץ פון דער פּראָפּעסיאָ־
נעלער באַוועגונג און פון דער פאַרצווייגטער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין פּוילן. און ווען שפּאַניע — דאָס רעפּובליקאַנישע שפּאַניע —
האָט געפירט דעם בלוטיקן קאַמף קעגן פראַנקאָ, איז וויקטאָר אַלטער
געפאָרן אַהין (צוזאַמען מיטן פּוילישן סאָציאַליסטישן פאַרשטייער אַ.
זדאַנאָווסקי) — צו דערמוטיקן די רעפּובליקאַנישע קעמפער און ברענ־
גען זיי גרוסן פון פּוילישן און יידישן פּראָלעטאַריאַט.

דאָס זיינען נאָר געציילטע שטריכן, וואָס דערמאָנען בלויז אויבנ־
אויפיק דעם גרויסן פאַרנעם און אינהאַלט פון זייער אַקטיוון לעבן.

***

זייערע מעשים האָט פאַרשריבן דער כראָניקער. זייערע געדאַנקען
און געפילן האָבן זיי אַליין פאַרשריבן און מיר ווילן ברענגען עטלעכע
אויסצוגן פון דעם, וואָס זיי האָבן אָפּגעדרוקט סיי אין דער סאָציאַליס־
טישער פּרעסע, סיי אין ביכער.

אָט זיינען די ווערטער פון וויקטאָר אַלטער:

„יעדער אמתער קעמפער פאַרן סאָציאַליזם ווייסט, אַז קעמפנדיק
האָט ער אַ שאַנס צו זיגן. און אויב ער טראַכט אַפילו, אַז ער אַליין
וועט נישט דערלעבן צום מאָמענט פון טריאומף, איז דאָך דער תוך
און זין פון זיין פּערזענלעך לעבן — דער אָנטייל אין אַ באַוועגונג,
אין וועלכער ער אַלס יחיד וואַקסט זיך צונויף מיט עפּעס אַזעלכעס,
וואָס איז אומגעהויער גרויס און דויערהאַפטיק. קעמפנדיק קען ער זיגן.
אויב ער פאַלט אונטער די איבערוויגנדיקע פיינטלעכע כוחות, וועט ער
שפּעטער ווידער אויפלעבן אין נייע מענטשלעכע אָנשטרענגונגען צו
פאַרווירקלעכן די געזעלשאַפט פון מאָרגן — אויף די יסודות פון שיינ־
קייט און פרייהייט, — ווייל די מענטשלעכע בענקשאַפט נאָך אַבסאָלו־
טער שלימות קען אומקומען נאָר צוזאַמען מיט דער מענטשהייט".

צי קלינגען נישט די דאָזיקע ווערטער, וועלכע האָבן באַקומען זיי־
ער טיפערן זין דורך דעם מאַרטירער־טויט פון זייער מחבר, ווי אמתע
פּאָעזיע, וואָס קוואַלט אַרויס פון דער נשמה פון אַ גרויסן ראָמאַנטיקער?
און ווי טיף אמתדיק זיינען זיי!

אין אַ שמאָלער גאַס אין די טיפענישן פון אַ פיל־שטאָקיקער
מויער האָט געהויזט די וואַרשעווער „פאָלקס־צייטונג", איינע פון די
שענסטע שאַפונגען פון „בונד". צו די איינפלוסרייכסטע שמידער פון
סאָציאַליסטישן וואָרט און געדאַנק האָבן דאָרט געהערט הענריק ערליך
און וויקטאָר אַלטער.

סאָציאַליזם באַדייט געשטייגערטעווירדע, שטאָלץ און מוט נישט נאָר ביי יחידים, נאָר אויך ביי דער גרויסער מאַסע און איר אָרגאַניזאַציע. אין גורלדיקע שעהען, ווען דער שונא באַפאַלט און וויל צורויבן ביים אַרבעטער־קלאַס זיין פרייהייט, איז די פליכט: ווידערשטאַנד, באַוואָפנטער אויפשטאַנד! — דעריבער, ווען ס׳קומען אָן די ערשטע ידיעות וועגן העלדישן אויפשטאַנד פון עסטרייכישן שוץ־בונד אין לינץ און אינעם „רויטן ווין״, שרייבט הענריק ערליך:

„דאָס ערשטע געפיל, וואָס עס וועט אַרויסרופן ביי יעדן איינעם פון אונדזערע לעזער די ידיעה וועגן די געשעענישן אין לינץ און אין ווין, וועט אָן אַ צווייפל זיין אַ געפיל פון אומגעהויערער דערלייכטערונג: ניין, דער עסטרייכישער אַרבעטער וועט זיך נישט לאָזן דערשטיקן. ער וועט שטעלן די פאַשיסטישע באַנדעס אַ פאַרביטערטן ווידערשטאַנד״.

אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט איז ביים „בונד״ געווען און פאַרבליבן דער יסוד פון ריכטיק פאַרשטאַנענעם סאָציאַליזם. דעריבער, ווען סאָציאַליסטישע טוער און פירער פלעגן, אַלס פרעמיערן און מיניסטאָרן, אַוועקשטעלן די אינטערעסן פון זייערע מלוכות איבער דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, האָט הענריק ערליך אין אַן אַרטיקל, (אונטערן קעפל: „ערגער ווי אַ פאַרברעכן״), וואָס האָט קריטיקירט די „נישט־אינטערווענץ״־פּאָליטיק פון פראַנצויזישן פרעמיער לעאָן בלום לגבי דער שפּאַנישער רעפּובליק, געשריבן:

„עס מוז זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק, וואָס זאָל זיין פולשטענדיק אומאָפּהענגיק פון וועלכער נישט איז רעגירונג אין דער וועלט! און די לאָזונג פון אָט דער פּאָליטיק מוז זיין — אַלע כוחות צום שוץ, צו הילף אונדזערע שפּאַנישע ברידער! ווייל דאָס איז אַ פראַגע נישט בלויז פון שפּאַניע, נישט בלויז פון פראַנקרייך: די געשעענישן אין שפּאַניע זיינען אַן ענין פאַר אַלע אַרבעטנדע אין דער וועלט״.

ווי אַמתדיק איז אָט דער פּרינציפּ אויך היינט צו טאָג!

און ווען פאַשיזם האָט שוין געהאַט דערגרייכט אַזאַ געוואַלטיקע מאַכט אין איירּאָפּע, האָבן מיר געלייענט אינעם בונדישן יובל־מאַניפעסט פון 1937, וועמענס הויפּט־מחבר ס׳איז געווען הענריק ערליך:

„נישט נאָר קעגן פאַשיזם, נאָר אויך קעגן קאַפּיטאַליזם, נישט נאָר פאַר דעמאָקראַטיע, נאָר אויך פאַרן סאָציאַליזם קעמפן היינט די פאָלקס־מאַסן פון דער וועלט!״

וויקטאָר אַלטערס רעדעס און אַרטיקלען האָבן געהאַט זייער אייגענעם סטיל. דאָס פלעגן זיין שורות־זאַצן — גאַנץ אָפט אָפּגעהאַקטע, בליץ־אַרטיקע — די שאַפונג פון אַן אומרואיקן געדאַנקען־רייכן גייסט.

ס׳האָט אַלטערן — פונקט ווי אַ סך — נישט געלאָזט רוען די ברוּ־טאַלע מאָרד־כוואַליע, מיט וועלכער סטאַלין האָט פאַרגאָסן רוסלאַנד אין די דרייסיקער יאָרן. שרייבט וועגן דעם וויקטאָר אַלטער:

„סאָציאַליזם איז דאָך פריער פאַר אַלץ דאָס שטרעבן צום גליק פון מענטשן. קלאַסן־קאַמף, רעוואָלוציעס — דאָס זיינען דאָך בלויז די מיטלען, וואָס דאַרפן פירן צו דער באַפרייאונג פון יעדן יחיד, צו זיין גייסטיקן און מאַטעריעלן אויפשוואונג!״ „און ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג שאַצט די מענטשלעכע ווערטן פון אירע מיטגלידער און טוער, וואָס האָבן געגעבן זייער לעבן דער באַוועגונג. זיי ווערן געשאַצט און געאַכטעט, ווייל אין זיי פאַרקערפּערט זיך אַלס כלל דאָס בעסטע, וואָס די באַוועגונג פאַרמאָגט״. „פונקט דער היפּוך דערפון געשעט ביי די קאָמוניסטן. די ריקזיכטלאָזע פאַרניכטונג פון דער אַלטער גוואַרדיע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג איז אַן אויסדרוק פון אַבסאָלוטן מאַנגל פון מענטשלעכקייט אין דער דאָ־זיקער באַוועגונג. ס׳איז אַ באַווייז, אַז דער מענטש עקזיסטירט נישט פאַר דעם היינטיקן אָפיציעלן קאָמוניזם״. „און דאָס איז אַזאַ טיפער אונטערשייד צווישן סאָציאַליזם און קאָמוניזם, אַז ער דעקט מיט זיך אַלע טאַקטישע אָדער פּראָגראַמאַטישע שטרייטן, ווייל דאָ גייט וועגן דעם הויפּט־ציל פון דער באַוועגונג: פאַר אָדער קעגן רעכט און פריי־הייט פון יחיד״.

און נאָך איין ציטאַטע, וואָס כאַראַקטעריזירט אַלטערן גופא: „...איך האַלט פון בונט־קאָמפּלעקסן. ווייל אַזאַ איז מיין איבערלעבטע באַדערפעניש, ווייל פרייהייט וויזט מיר אויס צו זיין די העכסטע פרייד, דאָס העכסטע גוטס״.

פונדעסטוועגן זיינען נישט געווען קיין סך אַזעלכע לאַיאַלע און איבערגעגעבענע פונעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער בונד — ווי דער בונטאַר, וויקטאָר אַלטער! ער האָט די פּאַרטיי־דיסציפּלין אויף זיך גע־נומען פרייוויליק, ווייל זיין בונטאַרישקייט האָט געפונען אַן אָרט אין דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי פון יידישן אַרבעטער־קלאַס.

פון די ווייניקע ציטאַטן דערשיינען די צוויי גרויסע סאָציאַליסטן נישט נאָר ווי העלדישע מאַרטירער, נאָר אויך ווי גרויסע געשטאַל־טער פון אַ פיל־טויזנט־קעפּיקער מחנה פון טיף גלויביקע און שטאַרק־ענטוזיאַסטישע יידישע סאָציאַליסטישע קעמפער.

***

דעם 27טן אָקטאָבער 1941, האָב איך דאָס מאָל אויף דער שוועל פון אַ קויבישעווער האָטעל — ווידער דערזען די צוויי הויכע, שלאַנקע פיגורן פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

ס׳איז געווען אַ לאַנגער וועג. מיינער — פֿון סאָוועטישן „זאַפּאָ־ליאַריע״, פֿון וואָרקוטאַ ביז קוּבישעוו. זייער — נאָך אַ לענגערער, ווייל פֿון דער טויטן־קאַמער. און ווי ווייניק איז פֿאַרלוירן געגאַנגען פֿון דעם, וואָס איז געווען אין זיי ביידן — ווען כ׳האָב זיך מיט זיי געזעגנט דעם 24סטן אויגוסט 1939.

אין קוּבישעוו האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן צו וועבן האָפֿענונגען וועגן אַ פֿרייער סאָציאַליסטישער וועלט, וואָס וועט קומען נאָכן סוף פֿון קריג. דער חלום האָט געדויערט עטלעכע וואָכן. ס׳האָט זיי ביידן אומ־געבראַכט דער אוממענטשלעכער קאָמוניזם.

זאָלן די דאָזיקע דערמאָנונגען פֿאַרטרעטן אַ קראַנץ פֿון רויטע רויזן — פֿון דער בלום, וואָס איז ביים פּוילישן שריפֿטשטעלער סטעפֿאַן זשע־ראָמסקי געוואָרן דער סימבאָל פֿון העלדישקייט און מאַרטירערשאַפֿט.

אונזער צייט, 1967, 2

## דער זינלאָזער קריג אין וויעטנאַם

כ׳גיב זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז דער קאָפּ פֿון דעם אַרטיקל וועט אַרויסרופֿן אַ היפּש ביסל בייז בלוט ביי צוויי גרופּן. די ערשטע זיינען די, וואָס באַטראַכטן זיך פֿאַר אַזעלכע „גוטע אַמעריקאַנער״ אַז זיי האַלטן פֿאַר ריכטיק אַלץ וואָס אַמעריקע טוט — די „סופּער־פּאַטריאָטן״ וואָס פֿאַרטראָגן בכלל נישט קיין קריטיק פֿון אַמעריקאַנער פּאָליטיק און מעשים און אוודאי נישט, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן מלחמה. די צווייטע זיינען די, וואָס האַלטן, אַז אַלץ, וואָס ווערט געטאָן אין „קאַמף קעגן קאָמוניסטישער עקספּאַנסיע״ איז באַרעכטיקט און אַז שולדיק זיינען שטענדיק די, וואָס קעמפֿן קעגן דער „פֿרייער וועלט״. פֿאַר זיי איז גאַנץ אָפֿט יעדער רעזשים, וואָס איז אַנטי־קאָמוניסטיש, אַ באַשטאַנד־טייל פֿון דער „פֿרייער וועלט״. דערביי ווערט אַרויסגערוקט אויך דער אַרגומענט אַז דער אַמעריקאַנער אָנטייל אין וויעטנאַמער קריג, איז אין הסכם מיטן ווילן און מיט די אינטערעסן פֿון דעם וויעטנאַמער פֿאָלק.

דער דאָזיקער אופֿן פֿון טראַכטן און אַרגומענטירן שאַפֿט ביי די אָנהענגער און פֿאַרטיידיקער פֿון אַמעריקעס קריג אין וויעטנאַם — אַ קריג מיט דער מערהייט פֿון וויעטנאַמער פֿאָלק — אַ בלינדקייט צו די פֿאַקטן און אַ גלייכגילטיקייט צו דער געוואַלטיקער עוולה, וואָס געשעט דעם רוב פֿון וויעטנאַמער פֿאָלק.

דער שטרייט וועגן וויעטנאַמער קריג געדויערט שוין אַזוי לאַנג, די מלחמה איז געוואָרן אַזוי ברייט און טיף, אַז ס׳איז פֿאַרנעפּלט גע־וואָרן איר פּערספּעקטיוו און זין. ס׳ווערט דעריבער אַלץ שווערער אויס־

צוגעפינען ווי פאַלש און געפערלעך ס׳איז אַמעריקעס גאַנצער וועג אינעם דאָזיקן טראַגישן קריג, וואָס דראָט מיט נאָך גרעסערע טראַגעדיעס, און אפילו מיט אַ וועלט־קריג.

אויב די אַ. ג. „רויב־פייגל״ אין אונדזער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט האָבן פריער גרינגשעצנדיק גערעדט וועגן די ערשטע „שלום־טויבן״, וואָס האָבן זיך באַוויזן מיט אַ צייט צוריק צווישן דער אַמעריקאַנער סטודענטנשאַפט און דער ליטעראַרישער און אַקאַדעמישער וועלט, זיי־נען שוין היינט צו טאָג די „טויבן״ נישט אַזוי איזאָלירט אינעם אַמע־ריקאַנער פאָלק. נישט בחינם האָט איצט אַן אַמעריקאַנער פּאָליטיקער, וואָס וויל צונעמען ביי דזשאָנסאָנען דעם פּרעזידענטן־אַמט, דער רעפּו־בליקאַנער גאָווערנאָר פון מישיגען סטעיט ראָמני דערקלערט, אַז אין 1968 וועט דער הויפּט וואַל־לאָזונג זיין שלום אין וויעטנאַם. ער גלויבט, אַז פּונקט ווי אייזענהאַוער האָט זיין ערשטע וואַל־קאַמפּאַניע זיגרייך אַדורכגעפירט אונטער דעם לאָזונג „צוריקברענגען די באָיס (די אַמעריי־קאַנער זעלנער) פון קאָרייע״ — אַזוי קען אויך דער רוף: „שלום אין וויעטנאַם״ ברענגען אַ זיג פאַר דזשאָנסאָנס אַן אָפּאָנענט.

***

סיי דזשאָנסאָן און סיי זיינע צוויי הויפּט־מיטאַרבעטער דין ראָסק און מאַק נאַמאַראַ — פאַרטיידיקן דעם אַנטייל און פאַרנעם פון אַמעריקע אינעם וויעטנאַמער קאָנפליקט מיט צוויי הויפּט־אַרגומענטן:

1) אַמעריקעס צוזאָג צו שיצן דרום־וויעטנאַם קעגן קאָמוניזם;

2) די באַפולמעכטיקונג פון קאָנגרעס צו באַנוצן אַמעריקאַנער מי־ליטערישע כוחות קעגן אַנגריפן אויף אַמעריקאַנער באַוואָפנטע אָפּטיי־לונגען.

ס׳לוינט זיך דעריבער אָפּצושטעלן אויף דער געשיכטע פון די דאָ־זיקע צוויי „פאָרמעלע״ באַזעס פון דער דזשאָנסאָן־פּאָליטיק אין וויעט־נאַם.

אין 1943 האָט טשאַנג־קיי־שעק, וואָס איז נאָך דאַן געווען אַ שטיקל באַלעבאָס איבער כינע, אַרויסגעלאָזן פון אַ כינעזישער תּפיסה אַ וויעט־נאַמער קאָמוניסט, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן וועלט־באַרימט — האָ טשי מין.

האָ טשי מין האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון אַן אומלע־גאַלער באַוועגונג, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ פּאַרטיזאַנער קאַמף קעגן די פראַנצויזישע ווישי־גענעראַלן (אָנהענגער פונעם פראָ נאַציישן ווישי־רע־זשים), וואָס האָט דאַן געהערשט — מיט יאַפּאַנעזישער צושטימונג — אינעם דעמאָלטיקן אינדאָ־כינע, אַ גרויסע פראַנצויזישע קאָלאָניע.

אין סעפּטעמבער 1945 האָט שוין האָ טשי מין געהאַט „אָפּגעריי־

ניקט" — מיט אַמעריקאַנער הילף — דעם צפון־טייל פון וויעטנאַם און האָט פּראָקלאַמירט אין האַנאָי די גרינדונג פון דער „דעמאָקראַטישער וויעטנאַמער רעפּובליק". איר ערשטע גרויסע ענדערונג איז געווען אַן אַגראַר־רעפאָרם: צוגענומען די ערד ביי די גרויסע פּריצים און זי אַוועקגעגעבן די פּויערים.

דער דרומדיקער טייל פון וויעטנאַם איז דעמאָלט געווען אין דער ספערע פון בריטישער השפעה און די ענגלענדער האָבן לסוף איינגעלאַדן די פראַנצויזן, אַז זיי זאָלן אַריינשיקן אַהין נייע מיליטערישע אָפּטיילונגען, וואָס פּאַריז האָט געגרן געטאָן. פּאַריז האָט איבערגענומען די אויבערהערשאַפט איבער דרום וויעטנאַם, אָבער דאָך געמוזט אָנערקענען די צפון־וויעטנאַמער רעפּובליק, אַלס אַ פריי לאַנד אין דער פראַנצויזישער אוניע.

די פראַנצויזן האָבן אָבער נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון זייערע רעכט און געפאָדערט פון צפון־וויעטנאַם צאָל (אימפּאָרט און עקספּאָרט־שטייערן) און די דאָזיקע פאָדערונג האָבן זיי באַקרעפטיקט דורך דעם, וואָס דער פראַנצויזישער פלאָט האָט פון הייפאָנגער פּאָרט (אין 1946) באָמבאַרדירט די שטאָט און דערהרגעט טויזנטער וויעטנאַמער. דאָס איז געוואָרן אַ סיגנאַל פאַר אַ מלחמה צווישן האָ טשי מין און די פראַנצויזן. אַ מלחמה וואָס האָט זיך געענדיקט נאָך 7 יאָר מיט דער פראַנצויזישער מפּלה ביי דיען ביען פו, דעם 7טן מאַי 1954.

אין יולי איז אין זשענעווע, שווייץ, פאָרגעקומען אַ שלום־קאָנפערענץ אונטערן פאָרזיץ פון סאָוועט־רוסלאַנד און ענגלאַנד, וואָס האָט אָנערקענט אַ צייטווייליקע צעטיילונג פון וויעטנאַם. אַ צפונדיקע מיט דער הויפּטשטאָט האַנאָי, ביז דעם 17טן פּאַראַלעל און אַ דרומדיקע מיט סאַיגאָן אַלס הויפּטשטאָט.

אין 1956 האָט, לויט דעם דאָזיקן אָפּמאַך, געזאָלט פאָרקומען אַ פּלעביסציט און וואַלן אינעם גאַנצן לאַנד, וואָס האָט באַדאַרפט באַשטימען דעם רעזשים און געבן אַ רעגירונג פאַר אַ פאַראייניקטן וויעטנאַם.

כאָטש די השפעה־ספערע, וועלכע האָט אַרומגענומען וויעטנאַם, איז אייגנטלעך געווען אַ בריטישע, זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן נישט געבליבן גלייכגילטיק צו דעם, וואָס דאָרט איז געשען. אַמעריקע איז געווען גרייט צו העלפן די פראַנצויזן און זיי צוגעשיקט מיליטערישע עקספּערטן — די באַרימט־געוואָרענע „עדווייזערס" (עצה־געבערס), בשעת דער מפּלה ביי דיען ביען פו זיינען אין דער פראַנצויזישער אַרמיי געווען 685 אַמעריקאַנער „עצה־געבער".

לויט דעם זשענעווער אָפּמאַך, האָבן די אַמעריקאַנער „עצה־געבער"

געהאַט אַ רעכט צו בלייבן אין דרום־וויעטנאַם. ס׳זיינען געווען פּרוּוון צו פאַרגרעסערן שוין דאַן אַמעריקעס אַנטייל אינעם קריג: דאַלעס האָט אין אַפּריל 1954 געדופן אַ באַראַטונג פון מיליטערישן שטאַב און קאָנגרעס־פירער און פאַרגעשלאָגן צו שיקן אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען צו העלפן די פראַנצויזן. לינדאָן דזשאָנסאָן — דעמאָלט אַ סענאַטאָר — איז דאַן אַרויסגעקומען מיט אַ באַדינג, אַז דאָס זאָל זיין אַ געמיינזאַמע הילף פון אַלע אַליאירטע פון אַמעריקע. ענגלאַנד האָט אָבער דזשאָנסאָנס פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן.

די פראַנצויזן האָבן דעמאָלט אין דרום־וויעטנאַם עטאַבלירט אַלס מלוכה־הויפּט זייער מאַריאָנעטן־מלך פון וויעטנאַם באַאָ דאַי, וואָס האָט באַשטימט אַלס זיין פרעמיער נגו דיעם. באַאָ דאַי איז געבליבן אין פּאַריז, געלעבט דאָרט אַ גוטן טאָג, און נגו דיעם האָט באַשלאָסן פון אים פּטור צו ווערן און טאַקע אים אַראָפּגעזעצט פון זיין טראָן. נגו דיעם איז געוואָרן דער „שטאַרקער מאַן" פון דרום וויעטנאַם. (ער האָט געשטאַמט פון דער וויעטנאַמער העכסטער קאַטוילישער אַריסטאָקראַטיע, זיין ברודער איז געווען אַן ארצי־בישאָף).

און אַלס אַ שטאַרקער מאַן האָט ער טאַקע אַדורכגעפירט — ווי ס׳שרייבט דער קאָנסערוואַטיווער אַמעריקאַנער „טיים" — „געפעלשטע וואַלן, האָט אַרויפגעלייגט אַ צוים אויף דער פרעסע און פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן (איבערדערציאונגס־לאַגערן) פון 30 ביז 40 טויזנט מאַן".

דער דאָזיקער ׳שטאַרקער מאַן׳ איז שטאַרק געפעלן געוואָרן אייזענהאַוערן, וועלכער האָט אים געשריבן קיין סייגאָן, דעם 24טן אָקטאָבער 1954:

„די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען גרייט צו שטיצן די וויעטנאַמער רעגירונג צו אַנטוויקלען און איינהאַלטן אַ שטאַרקע און לעבנספעאיקע מדינה, וואָס זאָל אימשטאַנד זיין זיך אַנטקעגנצושטעלן דער סובווערסיע און אַגרעסיע מיט מיליטערישע מיטלען".

אָט די שורות, אין אַ בריוו צו נגו־דיעם, וועלכער האָט זיין מאַנדאַט צו רעגירן איבער דרום־וויעטנאַם באַקומען פון באַאָ־דאַי, דעם פראַנצויזישן מאַריאָנעטן־אימפּעראַטאָר זיינען דאָס געוואָרן די... „פאַרפליכטונג" פון אַמעריקאַנער פאָלק לגבי דרום־וויעטנאַם — אַ פאַרפליכטונג, וועלכע ס׳האָבן איבערגענומען פון אייזענהאַוערן קענעדי און שפּעטער לינדאָן דזשאָנסאָן.

***

נאָך אין 1954 האָט דאַלעס געהאַט גאַנץ ווייניק צוטרוי צו דער

מערהייט פון דער דרום־וויעטנאַמער באַפעלקערונג. אַ באַוויז: דאָס האָט ער געראַטן דרום־וויעטנאַם נישט אונטערצושרייבן דעם זשענעווער אָפּמאַך. און אַמעריקע אַליין האָט אים אויך נישט אונטערגעשריבן, נאָר בלויז דערקלערט איר „ספּאָנסאָרשיפּ" פון דאָזיקן אָפּמאַך.

דאָס האָט „באַפרייט" די מושלים פון דרום־וויעטנאַם פון דער פליכט צוצופּאַסן זיך צום באַשלוס וועגן אַדורכפירן וואַלן אין 1956, וואָס האָבן געזאָלט פאַראייניקן ביידע וויעטנאַמס.

ווי גרויס ס'איז געווען דער אומצופרידנקייט פון נגו דיעם און זיינע אַמעריקאַנער עצה־געבער צו דער דרום־וויעטנאַמער באַפעלקערונג ווערט קלאָר ווען מען נעמט אין אַכט, אַז אפילו דער מיליאָן צפון־וויעטנאַמער וואָס זיינען דעמאָלט אַנטלאָפן פון האָ טשי מינס רעזשים האָט אויך נישט באַזייטיקט ביי די דרום־וויעטנאַמער מושלים זייער שטאַרקע מורא פאַר די רעזולטאַטן פון די עווענטועלע וואַלן. אגב, צווישן די „צפונדיקע" פליטים האָבן זיך געפונען אַ סך פון אַפיצירן־קאָרפּוס, וואָס האָט מיטגעאַרבעט — „קאָלאַבאָרירט" — מיט די פראַנצויזן בשעת דעם בירגער־קריג; דער באַרימטסטער צווישן זיי איז דער „וויצע־מאַרשאַל", קי דער פרעמיער פון דער איצטיקער רעגירונג, אַ צענטראַלע פיגור אין דער מיליטערישער קליקע, וואָס הערשט היינט אין דרום־וויעטנאַם.

אַלס „סובווערסיע" ווערט באַצייכנט דער קאַמף, וועלכן ס'פירט דער דרום־וויעטנאַמער „נאַציאָנאַלער פריהייטס־פראָנט", מיט זיין אַרמיי, באַקאַנט אונטערן נאָמען וויעט־קאָנג. „סובווערסיוו" זיינען אָבער ניט באַצייכנט געוואָרן די כסדרדיקע בונטן פון מיליטערישע קליקעס, וועלכע האָבן כסדר געקעמפט צווישן זיך פאַר מאַכט. אַפילו נישט די קליקע, וואָס האָט דערמאָרדעט נגו דיעם און זיין ברודער.

אַלס אַגרעסיע ווערט באַצייכנט די אינפילטראַציע פון די צוערשט עטלעכע צענטליק און שפּעטער עטלעכע הונדערט און לעצטנס — 1,500—2,000 צפון־וויעטנאַמער קאָמוניסטישע אינסטרוקטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן אין דרום־וויעטנאַם. אַן אינפילטראַציע, וואָס האָט אין משך פון יאָרן דערגרייכט ביז 25—30 טויזנט מאַן. אַן אַגרעסיע, קאָנפראָנטירט מיט אַ דרום־וויעטנאַמער רעגירונגס־אַרמיי פון אַ האַלבן מיליאָן און פון אַן אַמעריקאַנער אַרמיי פון 450 טויזנט מאַן.

ס'האָט דער דערמאָרדעטער פּרעזידענט קענעדי דערקלערט: „די מלחמה אין וויעטנאַם איז נישט אונדזער מלחמה; זי דאַרף אויסגעקעמפט ווערן דורך די וויעטנאַמער גופא".

פונדעסטוועגן האָט דער אַמעריקאַנער אַנטייל אויפגעהערט צו זיין אַ „מיסיע" אין וויעטנאַם נאָר זיך פאַרוואַנדלט אין מלחמה, ווי ס'האָט

דאָס לעצטנס (אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ) דערקלערט אויך פּרעזידענט דזשאָנסאָן גופא. דאָס איז מלחמה!

אַ מלחמה־דערקלערונג דאַרף דאָך אָבער האָבן די צושטימונג פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס. און די קעגנער פון אַמעריקעס אָנטייל אינעם וויעטנאַמער קאָנפליקט באַשטורעמען דזשאָנסאָנס אינטערפּרעטאַציע פון דער באַרימטער געוואָרענער „טאָנקינער רעזאָלוציע", וואָס איז אין 1964, אָנ־גענומען געוואָרן כמעט איינשטימיק דורכן קאָנגרעס אַלס ענטפער דערויף, וואָס צפון־וויעטנאַמער שיפלעך האָבן באַשאָסן אַמעריקאַנער קריגס־שיפן וועלכע זיינען אַריין אין טאָנקינער אויסגוס ביי די ברעגעס פון צפון־וויעטנאַם.

די רעזאָלוציע באַאויפטראַגט דעם פּרעזידענט:

„אָנצונעמען אַלע נויטיקע מיטלען אָפּצושלאָגן יעדן באַוואָפנטן אָנגריף אויף אַמע־ריקאַנער מיליטערישע כוחות און צו פאַרהיטן ווייטערדיקע אַגרעסיע".

איינער פון די, וואָס איז דעמאָלט געווען שטאַרק באַהילפיק ביים אַדורכפירן די דאָזיקע רעזאָלוציע, דער פאָרזיצער פון דער סענאַט־קאָמיסיע פאַר אויסערלעכע ענינים סענאַטאָר פולברייט, האָט צום וויפל־סטן מאָל דערקלערט, אַז ער באַטראַכט זיין שטימען פאַר יענער רעזאָ־לוציע ווי אַ גרויסן פעלער.

מיט דער רעזאָלוציע האָט דער קאָנגרעס געגעבן דעם פּרעזידענט ווייט גייענדיקע מעגלעכקייטן צו האַנדלען אָן דער עצה און אָן דעם הסכם פון קאָנגרעס, ווי ס׳פאָדערט די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע. ס׳האָט זיך דעריבער באַשאַפן אַן אויסטערלישע סיטואַציע: צווישן די קאָנגרעס־לייט, אַפילו צווישן די מיליטער־לייט וואַקסן שטימונגען קעגן דער „עסקאַלאַציע" אויסצוברייטערן דעם קריג און דאָך איז שווער צו באַוועגן אַ באַדייטנדיקן טייל קאָנגרעס, ער זאָל אָפּשאַפן די דאָזיקע, טאָנקינער, רעזאָלוציע.

דער קאָנגרעס געפינט זיך אין אַ קלעם. ווי קען ער נאָך אַזוי פיל יאָרן טאָלערירן דעם פּרעזידענטס כסדרדיקע „עסקאַלאַציע" פון קריג אַריבערגיין צו אַן אָפּאָזיציע, וואָס וואָלט באַדייט — זיך אָפּן מודה זיין צו אַ דורכפאַל, אַ מיליטערישן און פּאָליטישן.

דאָס איז אַ מיליטערישער דורכפאַל. אומדירעקט ווערט עס באַ־וויזן דורך די פאָלגנדיקע ווערטער פונעם אַמעריקאַנער גענעראַל אין סענאַט: אויב מיר ווילן נישט אינטענסיוו באָמבאַרדירן צפון־וויעטנאַם, וועלן מיר מוזן פאַרגרעסערן די אַמעריקאַנער כוחות ביז 780 טויזנט מאַן.

און ס׳איז אַ פּאָליטישע מפּלה — ווייל נאָך דער גאַנצער ריזי־קער, צעשטערערישער אַקציע, וואָס די אַמעריקאַנער האַלב־מיליאָ־

ניקע אַרמיי פירט קעגן די „וויעט־קאָנג" זיינען די אייגנטלעכע דרום־וויעטנאַמער אָפּטיילונגען נישט אימשטאַנד צו „פּאַציפיצירן" די „באַפרייטע" פון אונטער דער וויעט־קאָנג השפּעה טעריטאָריעס.

**
*

דזשאָנסאָן, דער פּאָליטיקער, האָט ריזיקירט און געשטעלט זיינע קעגנער אין קאָנגרעס אַן אַרויספאָדערונג: איר האָט מוט, שאַפט אָפּ די טאָנקינער רעזאָלוציע! ער רעכנט דערביי אויף דעם נאַציאָנאַליס־טישן געפיל, וואָס באַהערשט אַפילו אַ גרויס פאָלק, ווען ס'שטייט הילפ־לאָז פּנים אל פּנים מיט אַ שוואַכן, כמעט הילפלאָזן קעגנער. ער רע־כנט, אַז די מערהייט דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן וועלן נישט וואַגן מודה זיין, אַז די 15 טויזנט אַמעריקאַנער טויטע און די צענדליקער מיליאַרדן דאָלאַרן זיינען אומזיסט און אומנישט פאַרטאַכלעוועט גע־וואָרן. און ווען אַפילו יאָ — טראַכט ער — וועט דאָס דער דורכ־שניטלעכער אַמעריקאַנער נישט וועלן מסכים זיין דערמיט. דערין ליגט די אַמעריקאַנער טראַגעדיע פון דאָזיקן זינלאָזן קריג.

און דאָס איז דאָך בלויז די אַמעריקאַנער זייט פון דער מטבע.

אויף דער וויעטנאַמער זייט איז די טראַגעדיע פיל גרויזאַמער. די אויסגעברענטע מיט נאַפּאַלם־באָמבעס דערפער, די טויזנטער און טויזנטער אומגעבראַכטע און די צענדליקער טויזנטער פאַרוואונדעטע דאָס איז דער פּרייז פאַר דעם ׳רעכט׳ צו זיין אונטער דעם דיקטאַ־טאָרישן רעזשים פון מיליטערישע קליקעס.

זייער — די וויעטנאַמערס — סאָציאַלער קאַמף ווערט געצווימט נישט דורך גלייכע אָדער גרעסערע אָרטיקע כוחות — נאָר דורך אַמעריקאַנער מיליטערישע אָפּטיילונגען אויף דער יבשה, ים און פלאָט. סאַיגאָן — דער צענטראַלער פּונקט פון דעם וויעטנאַם, וועלכן אַמע־ריקע שיצט און שטיצט — איז אַ שטאָט פון גנבה, קאָרופּציע און פּראָסטיטוציע. מיליאַרדן ווערן דאָרט אויסגעגעבן אויף צעשטערן און צעברעכן.

ווי אַדורכגעפוילט ס'איז דער הערשנדיקער דרום־וויעטנאַמער רע־זשים, ווייזט דער פאַקט, וואָס פון דער דרום־וויעטנאַמער אַרמיי זיינען 40 פּראָצענט אַנטלאָפן — דעזערטירט.

מכוח דער דאָרטיקער „דעמאָקראַטיע און פרייהייט" האָט דער פּרע־זידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן דערקלערט, אַז ער פאָדערט נישט צופיל פון דרום־וויעטנאַמער רעזשים, ווייל דאָס דרום־וויעטנאַמער פאָלק שטעלט איצט די ערשטע קינדער־טריט אויף דעם וועג פון דעמאָ־קראַטיע. לאָמיר הייסט עס זיין צופרידן מיט דעם, וואָס די קי־אַדמיני־סטראַציע האָט דערלויבט די נאַר־וואָס אַדורכגעפירטע וואַלן.

וואָס לענגער דער קריג דויערט אַלץ מער וואַקסט די צאָל קעגנער פון אַמעריקעס אָנטייל אין וויעטנאַמער בירגער־קריג. ס׳וואַקסט אָבער אויך דאָס געפיל פון פרוסטראַציע, פון הילפלאָזיקייט און אָנמעכטיקייט. קעגן וועלכע ס׳בונטעוועט זיך אַ גרויסער טייל פון אַמעריקע — דורכשניטלעכע מענטשן, אָבער אויך פּאָליטיקער און מלוכה־מענער וועלכע ווילן נישט דולדן די זינלאָזע און צעשטערערישע מעשים אין וויעטנאַם.

צי דאַרפן איבערצייגטע אַנטי־קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן צווישן זיי, אָפן מודה זיין, אַז נישט יעדער קאַמף און נישט אַלע מיטלען זיינען אָנווענדבאַר אין קאַמף קעגן קאָמוניזם?

מיר דוכט אַז יאָ!

מעגן מיר, סאָציאַליסטן, זיין די שאַרפסטע קעגנער פון קאָמוניזם — און מיר זיינען אויך קרבנות פון קאָמוניסטישע רעזשימען — קענען מיר דאָך נישט מסכים זיין מיט דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אין דרום־וויעטנאַם.

קנאַפּע אַכט יאָר ווערט דאָרט געפירט אַ מלחמה מיטן „וויעט־קאָנג" און וואָס לענגער דער שטרייט דויערט, אַלץ ווייטער איז דער קריג פון סוף. ס׳איז נישט אמת, אַז דעם קאַמף פירט „וויעט־קאָנג" נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווערן געשטיצט דורך צפון־וויעטנאַם: 75 פּראָצענט פון דרום־וויעטנאַמער טעריטאָריע איז אונטער וויעט־קאָנגישער השפּעה. אַ מערהייט, אַן אמתע מערהייט פון אַ באַפעלקערונג האָט דאָך רעכט זיך אויסצוקלייבן איר רעזשים.

און פאַרוואָס איז דער טיטאָאישער רעזשים פון יוגאָסלאַוויע געווען און געבליבן „אַקצעפּטאַבל" פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן — און דער האַנאָאישער נישט? איז דאָך האָ טשי מין געווען אַזוי ׳אַנטי־פּעקינגיש׳ ווי טיטאָ — אַנטי מאָסקוויש.

אַוודאי ווילן מיר און שטרעבן דערצו, אַז אמת־דעמאָקראַטישע רעזשימען — רעזשימען, וואָס פירן אַדורך טיפע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע רעפאָרמען אין דעמאָקראַטישע באַדינגונגען, — זאָלן אַנטשטיין אין די באַפרייטע פון קאָלאָניאַליזם לענדער. אָבער ווען ס׳שטייט די אַלטערנאַטיוו: צעשטערערישע משוגעת, וואָס דראָט זיך צו פאַרוואַנדלען אפילו אין אַ וועלט־קריג אָדער אַ רעזשים, וואָס זאָל אַנטשטיין אויפן סמך פון אַ דורכגעפירטן באַשלוס פון דער זשענעווער קאָנפערענץ, — דאַרף מען אויסקלויבן דאָס צווייטע.

איך האָב אויסגעמיטן אין דעם אַרטיקל דעם באַשרייבערישן עלעמענט, — דאָס גרויזאַמע בילד פונעם באַמבאַרדירן וויעטנאַם און די מאָראַלישע וואונדן פונעם פילבאַרן אַמעריקאַנער אין מונדיר, ווען ער קען זיך אַליין נישט ענטפערן: „פאַרוואָס האָב איך אונטערגעצונדן

די פויערישע כאַטע, פאַרוואָס האָט מיין גראַנאַט צעריסן דעם גוף פון אַ קינד?״

ס׳איז דאָך נישט אין פאַרטיידיקונג פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע און אויך נישט אין דער פאַרטיידיקונג פון ריכטיק פאַרשטאַנענער אַמעריקאַנער גרויסקייט.

נאָך אַן אַספּעקט פון דער מלחמה און אירע פּראָבלעמען:

אַפילו די אָפּטימיסטן צווישן די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר אַמעריקעס אָנטייל אין דאָזיקן קריג זאָגן איצט, אַז דער קריג „וועט נאָך דויערן יאָרן״. ס׳האָט זיך דעריבער געשאַפן אַ סיטואַציע, אין וועלכער דער פּרעזידענט האָט געמוזט כאָטש לפּנים נאָכגעבן די אָפּאָזיציאָנעלע שלום־פאָדערונגען און דערקלערן, אַז ער איז גרייט זיך צו זעצן צום אונטערהאַנדלונגס־טיש מיט יעדן צד און אויף יעדן אָרט. צום באַדויערן ווערן אַלע שלום־„אואווערטורעס״ כסדר באַגלייט דורך אַ ווייטערדיקער אויסשפּרייטונג פון קריג.

די שאַרפע קריטיק, מיט וועלכער ס׳טרעטן אַרויס אַזוינע אָנגעזעענע אַמעריקאַנער מלוכה־מענער און פּאָליטיקער ווי סענאַטאָר פולברייט, וועין מאָרס, אַרטור שלעזינגער אַנטהאַלטן אין זיך פאַרוואורפן, וועלכע מ׳איז אין אַמעריקע געוואוינט צו הערן, נאָר בשעת אַ וואַל־קאַמפּאַניע, ווען די שפּראַך איז אומגעצוימט און מ׳קען דעם קאַנדידאַט פון צד שכנגד פאַרוואַרפן דאָס ערגסטע. אָבער אין נאָרמאַלע באַדינגונגען הערט מען זעלטן דאָס, וואָס מ׳זאָגט איצט דעם פּרעזידענט: אַז ער פאַרפירט די אַמעריקאַנער עפנטלעכע מיינונג, ווייל ער זאָגט נישט דעם אַמעריקאַנער פאָלק דעם גאַנצן אמת וועגן וויעטנאַמער קריג און די מעגלעכקייטן פון שלום־אונטערהאַנדלונגען.

פּ. ס.: דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן איידער עס זיינען פאָרגעקומען די וואַלן אין דרום־וויעטנאַם. זייער רעזולטאַט איז געווען פאַר די אָפיציעלע וואַשינגטאָנער ספערן אַ „צופרידנשטעלנדיקער״: די רעגירונג־קליקע האָט באַקומען עטלעכע און דרייסיק פּראָצענט פון די אָפּגעגעבענע שטימען — און געוואונען. אָבער איינגאַנצן דריי וואָכן נאָך די וואַלן קומען פאַר גאַסן־דעמאָנסטראַציעס אין סאַיגאָן און ס׳הערן זיך שוין שאַרפע פּראָטעסטן קעגן די געפעלשטע וואַלן...

און ווי דעמאָקראַטיש ס׳איז דער ניי־געווײלטער רעגירונגס־קאַמפּלעט, דער פּרעזידענט און זיין וויצע — באַווייזט דער אַרעסט פון איינעם פון די קאַנדידאַטן, אַ געוועזענעם מיניסטער פון דעם מאַרשאַל קיס קאַבינעט, וועמען מ׳האָט, אַ געשמידטן אין קייטן, אָוועקגעפירט אין תפיסה — פאַר „פּראָ־קאָמוניזם״. ס׳האָט געמוזט קומען אַ שטאַרקע איינטערוועניץ מצד וואַשינגטאָן, אַז דער אַרעסטירטער זאָל ווערן באַפרייט.

אַמעריקאַנער סאָלדאַטן דאַרפן זיך שלאָגן, כּדי וויעטנאַמער דיק־טאַטאָרישע גענעראַלן זאָלן רעגירן. אַזאַ זינלאָזע שפּיל איז זיך שווער פאָרצושטעלן.

דער אויסוועג?

אַמעריקע דאַרף נישט גלייך און איינזייטיק אַרויסציען איר מיליטער פון וויעטנאַם, ווי עס פאַרלאַנגען טייל קעגנער פון קריג. אַמעריקע דאַרף אָבער אָפּשטעלן אָן באַדינגונגען די באַמבאַרדירונגען פון וויעטנאַם; דורך דעם, און אפשר נאָר דורך דעם, קענען געשאַפן ווערן באַדינגונגען פאַר אונטערהאַנדלונגען, וואָס זאָלן ענדלעך דערפירן צו אַ פרידלעכער לייזונג פונעם וויעטנאַמער קאָנפליקט.

אונזער צייט, 1967, 10

# רעפלעקסן

די וויטערדיקע באַטראַכטונגען קענען געשריבן ווערן נאָר אַלס רעפלעקסן, ווייל אויך שטימונגען באַאיינפלוסן די אויספירן, וועלכע ווערן דאָ געמאַכט.

אין דעם אידעאָלגישן שטרייט, וואָס קומט פאָר זינט לאַנגע יאָרן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבן די „רעאַל־פּאָליטיקער" באַקעמפט דעם „דאָגמאַטיזם" פון די, וואָס האָבן געוואָלט „צו פיל פון סאָציאַליסטישע עיקרים אָנווענדן אין דער אַקטועלער פּאָליטיק פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. און איינע פון די הויפּט־הנחות פון די „רעאַל־פּאָליטיקער", וועלכע מ'פלעגט באַצייכענען ווי „די רעפאָרמיסטן", איז באַשטאַנען אין דער טענה, אַז ווען אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קומט צו דער מאַכט אין רעזולטאַט פון אַ וואַל־זיג, הערט זי אויף צו זיין די פּאַרטיי פון קאָנסעקווענטער אָפּאָזיציע און די פאָרקעמפערין פון ראַדיקאַלער פּאָליטישער און סאָציאַלער רעוואָלוציע.

צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט דער סאָציאַליזם געהאַט די גרויסע געלעגנהייט אין די לענדער, וואו סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן איבערגענומען די רעגירונגען און פאַרנומען דאָס אָרט פון בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען, צו ווייזן, צי די רעזולטאַטן פון סאָציאַליסטישער פּראַקטיק באַרעכטיקן אָדער וואַרפן אָפּ אַ סך פון די הנחות, וועלכע זיינען געווען דער אינהאַלט פונעם שטרייט אינעם סאָציאַליסטישן לאַגער. און וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן?

די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט דעמאָלט, — אין די צייטן פון לעאָן בלום — פּאַקטיש זיך אָפּגעקערט פון דער פונדאַמענטאַלער אידייע פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון אַרבעטער־

קלאַס: די באַקאַנטע „נישט־אינטערווענץ" פּאָליטיק בשעת דעם שפּאַ־נישן בירגער־קריג קען נישט באַרעכטיקט ווערן מיט קיין שום אַרגו־מענטן, אַפילו נישט מיט דער מורא אַז פראַנקרייך האָט געקאָנט אַריינ־געצויגן ווערן אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן קאָנפליקט. מ׳קען מאַכן אַ ווייטגייענדיקן אויספיר, אַז וואָלט פראַנקרייך געווען אַקטיוו אין דעם פאַרטיידיקן די רעפּובליק אין שפּאַניע, וואָלט אפשר די אַנט־וויקלונג פון די געשעענישן אין 1936—1939 געווען אַן אַנדערע, ווי זי איז פאַקטיש געווען.

די אומגעהויערע מיליטערישע מפּלה, וועלכע פראַנקרייך האָט גע־ליטן אין 1940, ווען היטלער האָט אין משך פון 4 וואָכן צעשמעטערט די „מאַזשינאָ־ליניע" און געצוואונגען די פראַנצויזישע אַרמיי צו קאַ־פּיטולאַציע, איז געווען אַן אָנזאָג, אַז די אימפּעריע וועט זיך צעפאַלן, יעדנפאַלס, אַז מיליטערישע כוחות וועלן נישט קענען איינהאַלטן די ריזיקע קאָלאָניאַלע שטחים אין אַפריקע און אין אַזיע. בכלל האָט דער צווייטער וועלט־קריג פאַרענדיקט די עפּאָכע פון קאָלאָניאַליזם. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ ריזיקער רעוואָלוציע אין אַזיע און אַפ־ריקע.

אָבער די איינגעשפּאַרטסטע, די פאַרבלענדטסטע, וואָס האָבן אַ לאַנגע צייט נישט געוואָלט איינזען, אַז אַלזשיר וועט מוזן באַקומען אומאָפּהענ־גיקייט, זיינען געווען — סאָציאַליסטישע פּרעמיערן און מיניסטאָרן פון פראַנקרייך. גענוג צו דערמאָנען גי מאָלע, אַ סאָציאַליסטישער פּרינציפּ, אַז אַ באַפעלקערונג האָט אַ רעכט צו באַשטימען איר גורל אין אַ פעלע־ביסציט, איז פאַרלייקנט געוואָרן. פאַרוואָס? ווייל — „אַלזשיר איז פראַנצויזיש און איר, סאָציאַליסטן פון אַנדערע לענדער, קענט נישט פאַרשטיין אונדז, פראַנצויזישע סאָציאַליסטן". דער אַקצענט איז געווען אויף „פראַנצויזישע".

ס׳איז אַ פּאַראַדאָקס, וואָס דווקא גענעראַל דע גאָל, דער דאָן קיכאָט פון אַ „גראַנדיעז" פראַנקרייך, דער צעשטערער פון דער 4טער רעפּובליק און דער „פּאַטערנאַליער" רעגירער פון פראַנקרייך, האָט פאַר־ענדיקט דעם זיבן־יעריקן בלוטיקן קריג אין אַלזשיר און דערקלערט, אַז „אַלזשיר איז אַלזשיריאַניש".

אַזוי האָבן די „רעאַל־פּאָליטיקער" אין דער פראַנצויזישער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי פאַרשפּילט זייער שטרייט מיט די „דאָגמאַטיקער".

צי וועלן די טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער פון דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג מאַכן אויספירן פון די דאָזיקע לעקציעס?

***

פעלערן אין דער וועלט־פּאָליטיק, גאַנץ אָפט אויך אין אינערלע־

כער פּאָליטיק, קענען כמעט קיינמאָל נישט אויסגעבעסערט ווערן. געשיכטלעכע סיטואַציעס חזרן זיך נישט איבער.

אין דעם שטורמישן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנפליקט, וועלכן ס׳האָבן אַרויסגערופן די געשעענישן אין קאָנגאָ, האָט די בעלגישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט איר זייער פּראָמינענטן אינטערנאַציאָנאַלן פּאָליטיקער פּאָול הענרי ספּאַאַק, נישט געשפּילט די ראָלע, וועלכע זי האָט באַדאַרפט.

צו די אָמשאַרפסטן דיסקוטירטע פּראָבלעמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג געהערט און ס׳האָט געהערט די פּראָבלעם פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

דער פאַקט, וואָס אין אַ ריי אייראָפּעאישע לענדער זיינען געקומען צום מלוכה־רודער סאָציאַליסטן און וואָס סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען געוואָרן צאָלרייכע און איינפלוסרייכע מיטבאַשטימער פון דער פּאָליטיק פון זייערע באַזונדערע לענדער, האָט געשאַפן אַזאַ איינשטעלונג צום „אינטערנאַציאָנאַל”, אַז ער קען נישט פּרעטענדירן צו זיין, ווי אין די יאָרן ערב אויגוסט 1914, אַ סופּראַ־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע און אָננעמען בינדנדע באַשלוסן אָדער רעזאָלוציעס, וועלכע קענען זיין אין ווידערשפּרוך מיט דער פּאָליטיק פון די באַזונדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די דאָזיקע איינשטעלונג איז דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ „דאָקטרין” פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם.

אויף קאָנגרעסן פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל ווערן אויסגעמיטן שאַרפע חלוקי דעות. אויב אַפילו פון דער טריבונע הערט זיך אַמאָל אַן אָפּאָזיציאָנעלע רעדע — די רעזאָלוציעס, מאַניפעסטן און עפנטלעכע דערקלערונגען פון אינטערנאַציאָנאַל זיינען נאָר איינשטימיקע און אויסגעהוילטע פון יעטווידער קריטישער באַמערקונג לגבי וועלכער ס׳איז פּאַרטיי אינעם אינטערנאַציאָנאַל.

אָבער אין אייראָפּע גופא — אין מערב־אייראָפּע — אַנטשטייט יאָ אַ „סופּראַ־נאַציאָנאַלע” אָרגאַניזאַציע: דער געמיינזאַמער מערב־אייראָפּעאישער מאַרק („קאָמאָן מאַרקעט”), וואָס האָט אין זיך עלעמענטן פון אַ שפּעטערדיקער „פעדערירטער אייראָפּע”.

די מעגלעכע פּאַרטנערן פון אַן עווענטועלער אייראָפּעאישער פעדעראַציע זיינען די לענדער, וואָס פאַרמאָגן גרויסע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, די זעלבע פּאַרטייען, וועלכע האָבן אין משך פון די לעצטע צענטליקער יאָרן שטאַרק געקעמפט דערפאַר און דערפירט דערצו, אַז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל זאָל זיין דאָס, וואָס ער איז היינט צו טאָג. און אין זיין קאַמף קעגן דער עווענטועלער פּאָליטישער אינטעגראַציע פון מערב־אייראָפּע שטייט גענעראַל דע גאָל, (וועלכער קעמפט פאַר אַ קאָנפעדעראַציע, בכדי איינצוהאַלטן פראַנקרייכס

פולע סואווערעניטעט), פאַקטיש אויף דער זעלבער פּאָזיציע, וועלכע ס׳האָט פאַרנומען, למשל, גי מאָלע, לגבי דעם סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל.

צי וועט די קאָנצעפּציע פון אַ פעדערירטער מערב־אייראָפּע, אַרויס־רופן ביי די סאָציאַליסטישע פּראַקטיקער און טעאָרעטיקער די איבער־צייגונג, אַז פּאַראַלעל צו אַ „סופּראַ־נאַציאָנאַלער" אָרגאַניזאַציע פון איי־ראָפּעאישע לענדער זאָל אויך אַנטשטיין אַ רעגיאָנאַלע „סופּראַ־נאַציאָ־נאַלע פעדעראַציע" פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען?

***

די צאָלרייכע גרויסע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן גע־זאַמלט מיליאָנען שטימען ביי פאַרשיידענע וואַלן, האָבן געשאַפן רע־גירונגען מיט סאָציאַליסטישע פּרעמיערן בראש, זיינען געגאַנגען צו זייער דערפאָלג אַלס סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען. זייערע וואַל־פּלאַטפאָרמען פלעגן, אַחוץ טאָג־טעגלעכע צילן, אויך אַנטהאַלטן ראַדי־קאַלע פּראָיעקטן: וועגן ענדערונגען אינעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם גופא. פריער פאַר אַלעם איז געגאַנגען די לאָזונג פון נאַציאָנאַליזירן די גרויס־אינדוסטריע, טראַנספּאָרט און באַנקוועזן. און טיילווייזע נאַציאָ־נאַליזאַציעס האָבן אַדורכגעפירט סיי ענגלאַנד, סיי פראַנקרייך, סיי אי־טאַליע, ווי אויך אַנדערע לענדער.

די לאָזונג פון נאַציאָנאַליזאַציע איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ צווייי־טער פאָדערונג: אַרבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע.

אָבער אין קיין שום מערב־אייראָפּעאישער מלוכה (מיטן אויסנאַם פון די קליינע סקאַנדינאַווישע לענדער) האָט אַן אַרבעטער־רעגירונג נישט אָנגעפירט מיט אַ לאַנד אַ לענגערע צייט — לאָמיר זאָגן: 15 יאָר — וואָס וואָלט געווען אפשר אַ גענוגנדער צייט־שפּאַן פאַר טיף־גייענדיקע רעפאָרמען, וואָס זאָלן ענדערן אויך די פּסיכיק פון דעם מאַסן־ווילער. אין די פּאַרטייען, סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווע־מען ס׳האָט פאַרפעלט אין די לעצטע וואַלן נאָר אַ קליינער פּראָצענט, בכדי אַריבערצושפּרינגען די שוועל, וואָס טיילט אָפּ אַ גרויסע מינ־דערהייט פון אַ קליינער מערהייט, איז אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע באַווע־גונג צו באַפרייען זיך פון עטלעכע „באַלאַסטן". פונעם נאָמען „אַרבע־טער־פּאַרטיי", קלאַסן־אָרגאַניזאַציע, פונעם ציל פון נאַציאָנאַליזאַציע, און אַרבעטער־קאָנטראָל („לייבאָר־באָארדס" א. אַנד.). אנשטאָט דעם וויל מען אונטערשטרייכן דעם „אַל־נאַציאָנאַלן" כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי און אַרויסטרעטן פאַר דער עפנטלעכקייט ווי אַ „פאָלקס־פּאַרטיי". אין קאַטוילישע געביטן, ווי אין עסטרייך און אין די רהיי־נישע לענדער פון דער מערב־דייטשער רעפּובליק, זיינען טייל סאָ־

ציאַליסטן גרייט צו אַ צוזאַמענאַרבעט מיט עקספּאָזיטורן פון דער קאַטוילישער קירכע, וואָס אָרגאַניזירן אַרבעטער און באַזונדערע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. פאַר טייל סאָציאַליסטן איז היינט די ראַדיקאַלסטע לאָזונג — „וועלפעיר סטעיט".

האָבן מיר אַ צווייטן פּאַראַדאָקס. גראָד אין אַזאַ צייט האָט דער גייסטיקער פירער פון קאַטאָליציזם, דער פּויפּסט יאָאַן דער 23טער, פּראָקלאַמירט אין זיינס אַן ענציקליקע, אַז „די אַרבעטער זיינען באַרעכטיקט נישט בלויז צו אַ יושרדיקן חלק פון זייער אַרבעטס־פּראָדוקט" (ס׳קלינגט ווי אַ „מאַרקסיסטישע" ר. ל. פאָרמולירונג), נאָר אויך צו אַן „אַנטייל אין דער אָנפירונג מיט די אונטערנעמונגען, אין וועלכע זיי זיינען באַשעפטיקט. די שאַפונג פון אַרבעטער־ראַטן ביי די אונטערנעמונגען אַנטשפּרעכט דער ראָל און ווירדע פון דער אַרבעט און פונעם אַרבעטס־מענטש".

די עסטרייכישע און דייטשע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זייערע פּראָגראַם־רעוויזיעס צו שנעל אַדורכגעפירט.

אוודאי איז נאַציאָנאַליזאַציע אַליין נאָך נישט די אַבסאָלוטע לייזונג פון דער אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר סאָציאַליסטן און פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג: דאָס באַזייטיקן פון עקאָנאָמישער אומגלייכהייט און עקספּלואַטאַציע. צו דעם מוז אויך צוקומען די דעמאָקראַטיזאַציע פון דעם אָנפיר־אַפּאַראַט פון דער פאַרמלוכהשטער ווירטשאַפט. אָבער — אַזוי לאַנג ווי ס׳וועלן בלייבן אינדוסטריעלע און פינאַנציעלע ריזן־קאָנצערנען, וואָס ווערן אָנגעפירט ווי פּריוואַטע אונטערנעמונגען אַזוי לאַנג קען קיין רייד נישט זיין וועגן אמתער גלייכהייט — אָן דער נאַציאָנאַליזאַציע.

***

אין דער אמתן איז היינט צו טאָג שווער צו געפינען אַ גרויס לאַנד — וואו די שליסל־אינדוסטריעס זאָלן נישט ווערן באַאיינפלוסט און געשטיצט דורך דער רעגירונג.

די מעכטיקע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אין יאָר 1962-1961 אַרויסגעוויזן, אַז דער סך־הכל פון דעם נאַציאָנאַלן איינקונפט — דער סכום פון די געשאַפענע גיטער און לייסטונגען — האָט דערגרייכט די סומע פון איבער 550 ביליאָן דאָלער. ווען מיר וועלן אָבער נעמען אין אַכט, אַז בלויז די הוצאות פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג זיינען געווען אַרום 87 ביליאָן דאָלאַר און בערך נאָך אַ מאָל אַזוי פיל דאַרף מען צורעכענען אַלס די הוצאות פון די לאָקאַלע אַדמיניסטראַציעס, אָנהויבנדיק פון שטאַטן און ענדיקנדיק מיט דער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון אַ „ווילעדזש", דאַן

קומען מיר צום אויספיר, אַז אַרום 30 פּראָצענט פון דער טאָטאַלער נאַציאָנאַלער איינקונפט געהערט דעם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן (מלוכהשן) סעקטאָר. דער נישט פאַרגעזעלשאַפטלעכטער סעקטאָר נעמט צו אַ היפּשן טייל פון די פאָנדן — אַלץ אין נאָמען פון פּריוואַטער איני־ציאַטיוו.

ווען מען דערהערט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן דאָס וואָרט „נאַציאָנאַליזירטע" אינדוסטריע באַפאַלט דעם עולם אַ פּחד. אַפילו די אָנפירנדע שיכטן פון דער אַמעריקאַנער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג טרעטן שאַרף אַרויס קעגן דעם, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד זאָל אידענטיפיצירט ווערן מיט סאָציאַליזם, אַז אַמעריקאַנערווירטשאַפט האָט באַוויזן, אַז זי קען זיך אַנטוויקלען ווי אַ פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע.

אין דער אמתן האָט דער „באַלעבאָס" אויפגעהערט צו זיין דער, וואָס דעצידירט וועגן דעם, ווי אַזוי „זיין" אונטערנעמונג זאָל אַרבעטן. אויף זיין אָרט איז געקומען דער מענעדזשער מיט זיין עקספּערטן־ראַט, וועלכע פירן אָן מיט די אומגעהויער פאַנאַנדערגעוואַקסענע אינ־דוסטריעלע אָדער פינאַנציעלע אונטערנעמונגען.

ס'האָט זיך באַשאַפן אַ לאַגע, אַז די אַקציאָנערן („סטאָקהאָלדערס") וועלכע זיינען די לעגאַלע באַלעבאַטים פון דער אונטערנעמונג (און אין אַ טייל ריזן־קאָרפּאָראַציעס זיינען פאַראַן הונדערטער טויזנטער קליינע „סטאָקהאָלדערס") הערן אויף צו האָבן וועלכע ס'איז דעה און די באַלעבאַטים ווערן די מענעדזשערס און די אַזוי גערופענע „באָארד אָוו דירעקטאָרס", וועלכע זיינען פּאַקטיש פון קיינעם נישט אָפּהענגיק. זיי ווערן די פּאַקטישע באַזיצער, נישט זייענדיק די לעגאַלע איגנטימער פון דער פירמע.

צי איז אָבער די אַנטשטייאונג פון אַזאַ „מענעדזשערס קלאַס" דער סאָבסטיטוט פאַר נאַציאָנאַליזאַציעס און מלוכהשער פּלאַנירונג?

פאַרשיידענע אָפיציעלע קוועלן ווייזן אָן אויף פאָלגנדע אינטערע־סאַנטע דערשיינונגען:

דער וואוקס פון דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט האָט אין משך פון די יאָרן 1950—1959 באַטראָפן אין דורכשניט 3.2 פּראָצענט, אין דייטשלאַנד און יאַפּאַן — 5.5 פּראָצענט און אין רוס־לאַנד — 7 פּראָצענט.

דער וואוקס פון אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט — אַ מאַנס שעה אַר־בעט — איז געווען אין די יאָרן 1923—1929 — 4.6 פּראָצענט אין די יאָרן 1953—1960 — 2.8 פּראָצענט.

וואָס שייך די צאָל פון אַרבעטסלאָזע, האָט זי אין יאָר 1961 אויסגעמאַכט 7 פּראָצענט פון דער פאַראַנענער אַרבעטס־קראַפט און דער־גרייכט די צאָל פון 5 מיליאָן און אין דער צייט פון 1950—1961 האָט

זיך די צאָל פון די „לאַנג־טערמיניקע" ארבעטסלאָזע פאַרגרעסערט אויף 25 פראָצענט.

דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם האָט נישט באַוויזן אָפּצולייקענען די סאָציאַליסטישע באַהויפּטונג, אַז אויך די הויך־קאָנצענטרירטע (קאַפּי־טאַליסטישע) ווירטשאַפט קען נישט אַרבעטן עפעקטיוו, אַפילו ווען אין איר שפּיץ שטייען די פעאיקסטע מענעדזשערס.

אַ בולטער ביישפּיל זיינען: די שטאָל־אינדוסטריע, דאָס באַן־וועזן און די פאַרם־ווירטשאַפט אין אַמעריקע.

די שטאָל־אינדוסטריע אין אַמעריקע אַרבעט נאָר עטוואָס מער ווי 50 פּראָצענט פון איר קאַפּאַציטעט — שוין אַריינגערעכנט דעם באַדיי־טנדיקן פּראָצענט שטאָל, וועלכן ס׳פאַרנוצט די קריג־אינדוסטריע.

דאָס אַמעריקאַנער באַן־וועזן, כאָטש אָנגעפירט דורך פּריוואַטע מע־נעדזשערס, קען נישט לעבן אָן סובסידיעס פון די אָרטיקע און פעדע־ראַלע אַדמיניסטראַציעס.

די פאַרם־ווירטשאַפט וואָלט אין משך פון איין יאָר אַריינגעפאַלן אין כאַאָס און קראַך, ווען די פעדעראַלע רעגירונג וואָלט אָפּגעשטעלט איר שטיצע. אָבער די מיליאַרדן, וועלכע ווערן אַריינגעפּאָמפּעט אין דער אַמעריקאַנער פאַרם־ווירטשאַפט, לייזן נישט די פּראָבלעם.

אין 1959 האָט די צאָל באַשעפטיקטע אין דער פאַרם־ווירטשאַפט באַטראָפן פינף מיליאָן אַכט הונדערט טויזנט. אָבער אַ דריטל פון דער פאַרם־אַרבעטס־קראַפט איז איבעריק.

מ׳קען זאָגן: אַפילו אין דעם רייכסטן לאַנד פון דער וועלט קען נישט דער קאַפּיטאַליזם — דער „מאָדערנסטער", אונטער דער אָנפי־רערשאַפט פון דעם „מאָדערנסטן" מענעדזשער־קלאַס און מיט דער הילף פון מיליאַרדיקע מלוכה־סובסידיעס — לייזן די פּראָבלעם פון אַרבעטסלאָזיקייט, די פּראָבלעמען פון 25 פּראָצענט פון דער באַפעל־קערונג וועמענס איינקונפט איז אונטערן עקזיסטענץ־מינימום. דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם קען אויך נישט פאַרשנעלערן דעם וואוקס פון דער ווירטשאַפט צו אַזאַ מדרגה, אויף וועלכער זי זאָל קאָנען אַב־סאָרבירן די שנעל־וואַקסנדיקע מענטשלעכע רעסורסן.

***

שלום און קאַמף קעגן מלחמות זיינען געווען די גרויסע צילן און קאָנקרעטע אויפגאַבן, וועלכע האָבן געזאַמלט ריזיקע מאַסן אונטער סאָ־ציאַליסטישע פענער.

ביזן 4טן אויגוסט 1914 איז דער אינטערנאַציאָנאַל און יעדע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי באַזונדער געווען אין אַ גרויסער מאָס אַ פּאַ־ציפיסטישע באַוועגונג. סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגן און מאַסן־טוער האָבן געהאַסט דעם קריג.

1914 האָט געבראַכט מיט זיך נישט נאָר אַ פּאָליטישן קריזיס אינעם אינטערנאַציאָנאַל, ס'איז אויך געקומען אַ גייסטיקער קריזיס, פון וועלכן סאָציאַליסטן האָבן זיך נישט באַפרייט ביז היינט צו טאָג.

פראַנק אַלליאָון, אַ ראַדיקאַלער מיטגליד פון דער בריטישער לייבאָר פּאַרטיי, און דעפּוטאַט פון ענגלישן פּאַרלאַמענט, עפנט זיינס אַן אַרטיקל אין דער אַמעריקאַנער „ניו־פּאָליטיקס", מיט די פאָלגנדיקע שורות:

„וועט די בריטישע לייבאָר פּאַרטיי ווערן די פּאַרטיי פון סאָציאַליזם און שלום ווי ס'האָט זיך דאָס זי פאָרגעשטעלט איר פּיאָנער קעיר הארדי? אָדער וועט זי אַוועק מיטן וועג פון אַ רייע אייראָפּעאישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און קוים זיך אונטערשיידן פון די קאָנסערוואַטיווע רעגירונגען, וואָס געפינען זיך אין די דאָזיקע לענדער ביי דער מאַכט?".

זי — די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי — איז די איינציקע גרויסע, מיליאָנען מיטגלידער ציילנדע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אין וועלכער ס'זיינען נאָך היינט צו טאָג שטאַרק פּאַציפיסטישע טענדענצן.

ווידער אַמאָל קומט אויס צו פּאַרופן זיך אויף דער טרויעריקער פּראַקטיק פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פון אַ צווייטער, וואָס האָט גאָר נישט לאַנג אָנגעהויבן צו שפּילן די ראָל פון אַ לאַנד־פּאַרטיי, די מפא"י. מיר האָבן דאָ אין זינען די סיני־סועץ־עקספּעדיציע, וואָס פאַר אַ ווייטער מהלך פון פּאַציפיזם, פון אַנטי־מיליטאַריזם און אַנטי־מלחמה־קאַמף ביז צו דער מלחמה, וועלכע ס'האָבן דורכגעפירט (אין 1956) די צוויי רעגירונגען: אין פראַנקרייך און מדינת ישראל?

פּרעדיקער פון מלחמה — פון פּרעווענטיווער און פּאַרטיידיקונגס־מלחמה געפינען זיך איבערגעגנוג און דער מעכטיקסטער פּראָ־מלחמה פאַקטאָר איז דאָך דער אַ. ג. מיליטערישער קאָמבינאַט, געפּאַרט מיט דער שווער־אינדוסטריע, וועלכע ווירקן דורך פאַרשיידנסטע קאַנאַלן אויף דער עפנטלעכער מיינונג. האָט דאָך אַזאַ עקספּערט ווי אייזנהאַוער אין זיין געזעגענונגס־רעדע צום אַמעריקאַנער פאָלק געוואָרנט קעגן דעם דאָזיקן אומהיימלעכן כוח.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געדאַרפט זיין אַ קעגנווירקנדער כוח קעגן די דאָזיקע פאַקטאָרן — זי איז דאָס נישט געווען.

אָבער איצט מיינט קאַמף פאַר שלום — נישט נאָר קאַמף קעגן בלוט־פאַרגיסונגען, קעגן טויט, חורבות און נויט פון צענדליקער מיליאָנען. איצט מיינט שלום — די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון מענטשלעכער ציוויליזירטער געזעלשאַפט. די צעשטערונג־קראַפט פון די אָנגעזאַמלטע אַטאָמישע אָנגריף און קאָנטראַ־אָנגריף, פאַרטיידיקונג און

קאָנטראַ־פּאַרטיידיקונג־וואָפן איז אַזאַ ריזיקע, אַז זי קען פאַרוואַנדלען גאַנצע קאָנטינענטן אין מדבריות. דער גורל פון דער מענטשהייט הענגט איצט אָפּ דערפון, צי די רעגירונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן און סאָוועט־רוסלאַנד, פון ענגלאַנד און אפשר שוין אויך פון פראַנק־רייך, וועלן שטענדיק זיין אויף דער וואַך און נישט דערלאָזן, אַז באַמ־בעס זאָלן אָנהויבן צו פאַלן... קיינמאָל פריער איז דער קאַמף פאַר שלום נישט געווען אַזוי פונדאַמענטאַל פאַר דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג — פאַר די לאַנד־פּאַרטייען און פאַרן אינטערנאַציאָנאַל אַלס אַ גאַנצן.

*****

כ׳גיב זיך אָפּ אַ חשבון דערפון, אַז כ׳האָב באַריהרט אויבנאויפיק אַ רייע וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס פאָדערן אַ מער אַלזייטיקע באַ־האַנדלונג. כ׳קען זיך אויך ריכטן אויף אַ פאָרוואורף, אַז טייל מיינע רעפלעקסן זיינען ווידער אַ מאָל פאַראייִנפאַכטע טראַפאַרעטן, ווייל מיט איינצלנע ביישפּילן וויל איך באַווייזן די ריכטיקייט פון דער קריטיק פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, לאָזנדיק אינגאַנצן אין אַ זייט די דער־גרייכונגען און ענדערונגען, וועלכע זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין לעבן פון די מאַסן אין זייערע לענדער.

נאָך אַ שווערער פאָרוואורף קען מיך דערוואַרטן פאַר נישט האָבן דערמאָנט דעם קאָמוניסטישן סעקטאָר — די פּאָליטיק פון סאָוועט־רוסלאַנד און די השפעה, וואָס אָט די פּאָליטיק האָט אויף די מערב־אייראָפּעאישע לענדער.

און ס׳איז דאָ נאָך איין בלויז אין מיינע רעפלעקסן: ס׳פעלט דייטשלאַנד און די דייטשע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. אָבער דאָס איז אַ באַזונדערע טעמע, וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין אין דער קריטיק פון דער אייראָפּעאישער נאָך־מלחמהדיקער באַוועגונג.

און אויף די אַלע מעגלעכע פאָרוואורפן קען איך אין פּאָרויס ענט־פערן:

ס׳זאַמלען זיך אָן פראַגן, וועלכע מ׳שטעלט זיך אַליין און אויף וועלכע דו קענסט געבן נאָר איין ענטפער, אַ טראַפאַרעטן — סאָציאַ־ליזם, אַזוי ווי מ׳האָט אים געפּרעדיקט. אינטעגראַלער סאָציאַליזם האָט אַ סך בעסערע ענטפערס אויף די דאָזיקע פראַגן, ווי דער סאָציאַליזם, צו וועלכן עס זיינען דערגאַנגען פאַרשיידענע „רעאַל־פּאָליטיקער", וואָס האָבן ביי אַלעווירקלעך גרויסע דערפאַרונגען געליטן — די שווער־סטע מפּלות. און נישט נאָר זיי, נאָר די גאַנצע סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג.

„נעאָ־סאָציאַליזם“, מיט די אַלע נייע טעאָריעס און מאָדערנסטע מעטאָדן פון מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע קענען נישט פאַרטרעטן דעם טיפן אמת, אַז סאָציאַליזם איז אַזאַ קאַמף, וועלכן ס׳פירט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט פאַר פולער גלייכהייט, עקאָנאָמישער און פּאָליטישער — פון יחיד און גרופּע, פון קלאַס, פאָלק און מאַסן.

אונזער צייט, 1962, 10

# 100 יאָר אינטערנאַציאָנאַל

דעם 28סטן סעפּטעמבער 1864 איז אין לאָנדאָן געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל.

ס׳איז אַוועק אַ גאַנצער יאָרהונדערט זינט יענער דאַטע. די וועלט האָט זיך אַזוי געוואַלטיק געענדערט, אַז ס׳איז אוממעגלעך צו געפינען אין דער געשיכטע אַן אַנדער יאָרהונדערט מיט געשעענישן פון אַן ענלעכן פאַרנעם. אָבער צווישן די פאַרשיידענע פּאָליטישע כוחות, וואָס האָבן באַווירקט דעם וועג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אין די פאַרגאַנגענע 100 יאָר, פאַרנעמט דער אינטערנאַציאָנאַל אַן אָרט אין דער סאַמע פאָדערשטער ריי.

אין משך פון די הונדערט יאָר האָט דער אינטערנאַציאָנאַל איבערגעלעבט שווערע אָרגאַניזאַציאָנעלע און אידעאָלאָגישע קריזיסן, קאַמפן, שפּאַלטונגען. ער האָט געליטן גרויסע מפּלות — און דאָך לעבט ער און ווירקט ווייטער, און דער סך־הכל פון זיין ווירקן איז אומגעהויער גרויס.

**
*

וואָס איז געשען מיט הונדערט יאָר צוריק?

ס׳האָט באַקומען בלוט און פלייש דער באַקאַנטער, וועלט־אויפשטורעמדיקער רוף: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך“. דער רוף, מיט וועלכן ס׳פאַרענדיקט זיך דער אומשטערבלעכער קאָמוניסטישער מאַניפעסט, וואָס איז דערשינען ערב דעם אייראָפּעאישן „פעלקער־פרילינג“ אין 1848.

ווען מאַרקס און ענגעלס האָבן פאַרפאַסט דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט זיינען ביידע געווען נאָך גאַנץ יונגע מענטשן (מאַרקס — 29 יאָר, ענגעלס — 27). אָבער ווען מאַרקס האָט אָנגעשריבן דעם „אינאַגוראַציע־אַדרעס“ פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל אין 1864, איז ער געווען אין זיינע רייפסטע און שעפערישסטע יאָרן, און האָט פאַרמאָגט אַ געוואַלדיקע ערודיציע. דאָך געפינען מיר סיי אינעם „אַדרעס“ פון

אינטערנאַציאָנאַל סיי אין זיינע סטאַטוטן די זעלבע גרונט־אידייען, ווי אינעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". אויך דער „אַדרעס" פאַרענדיקט זיין דעקלאַראַטיוון טייל מיטן רוף — „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!" און „די אָרגאַניזאַציע־כּללים" (סטאַטוטן) הויבן זיך אָן מיט דער פעסטשטעלונג:

„די באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס מוז דערגרייכט ווערן דורכן אַרבעטער־קלאַס גופא". די פאָרמולירונג גופא איז דאָ אַ נייע, אָבער דער געדאַנק איז דער זעלבער ווי אין „מאַניפעסט".

די ניי־אַנטשטאַנענע אַרבעטער־באַוועגונג האָט דעמאָלט פאַרמאָגט איר אייגענעם באַדייטנדיקן כּוח נאָר אין ענגלאַנד. אין 1862 האָבן די לאָנדאָנער טרעיד־יוניאָנס, אונטער דער השפּעה פון די פּאָליטיש־ראַדיקאַל געשטימטע אַרבעטער־טוער, אָרגאַניזירט אַ ריזן־דעמאָנסטראַציע קעגן דער ענגלישער בורזשואַזיע וואָס האָט, אין איר קעגנערשאַפט צום וואַקסנדן צפון־אַמעריקאַנער קאָנקורענט, געוואָלט אויסנוצן פאַר אירע צוועקן דעם קריג צווישן די אַמעריקאַנער צפון־שטאַטן און דרום־שטאַטן און שטיצן די „קאָנפעדעראַטן" קעגן די „יענקיס". דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע שטיצע פאַר די וואָס האָבן פאַרטיידיקט די שקלאַפעריי. די דעמאָנסטראַציע האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע השפּעה אויף דער ענגלישער רעגירונג און אוממעגלעך געמאַכט ענגלאַנדס אינטערווענץ לטובת די דרום־שטאַטן קעגן פּרעזידענט לינקאָלן.

אין 1863 האָבן ווידעראַמאָל די לאָנדאָנער אַרבעטער אויף אַ מאַסן־מיטינג געהאַנדלט פּאָליטיש, דאָס מאָל איז עס געווען אַ פּראָטעסט קעגן דער צאַרישער אונטערדריקונג אין שייכות מיטן פּוילישן אויפשטאַנד קעגן דער רוסישער אָקופּאַציע; די לאָנדאָנער אַרבעטער האָבן דאַן געפאָדערט פון דער ענגלישער רעגירונג אַן אינטערווענץ לטובת דעם אויפשטייענדיקן פּוילן.

די דאָזיקע סאָלידאַריטעט־אַקציע מיט פּוילנס אומאָפּהענגיקייטס־קעמפער האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין אייראָפּע, פריער פון אַלעם אין פראַנקרייך, וואו ס'האָט געלעבט אַ באַדייטנדיקע עמיגראַציע פון פּוילישע אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן באַאיינפלוסט די ראַדיקאַל־געשטימטע פראַנצויזישע אַרבעטער־טוער. ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט צווישן די ראַדיקאַלע אַרבעטער־קרייזן אין לאָנדאָן און אין פראַנקרייך. און סוף סעפּטעמבער 1864 איז געקומען קיין לאָנדאָן אַ דעלעגאַציע פון פראַנצויזישע אַרבעטער.

דעם 28סטן סעפּטעמבער 1864 האָט די לאָנדאָנער אַרבעטערשאַפט געדאַרפט אויפנעמען די פראַנצויזישע דעלעגאַציע.

די דערנענטערונג צווישן די ענגלישע און פראַנצויזישע אַרבעטער־טוער איז דאַן באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ גאָר וויכטיקער ענין.

ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, ווען אין דעם אַנאָנס וועגן דער גע־רופענער פאַרזאַמלונג (אין סאַן מאַרטין האָל), לייענען מיר דעם פאָלגנ־דיקן מאָטאָ:

„ווען דאָס פאָלק פון פראַנקרייך און ענגלאַנד וועט פאַרשטיין זיין פליכט און פאַראייניקן זיך, דאַן וועלן די גרויסע פּראָבלעמען פון דער צוקונפט זיין גע־לייזט. — דזש. גאַריבאַלדי".

נישט איין מאָל אָבער איז שוין געשען אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אַז געוויסע אַרויסטרעטונגען, וואָס האָבן געזאָלט זיין באַ־גרענעצט אין זייער אויסווירקונג, זיינען זיך געוואַלטיק פאַנאַנדער־געוואַקסן און די קאָנסעקווענצן, וועלכע זיי האָבן געברענגט מיט זיך. דאָס טאָקע איז געשען מיטן מיטינג אין סאַן מאַרטין האָל דעם 28סטן סעפּטעמבער 1864: די דעלעגאַטן און אָנטיילנעמער פון דער דאָזיקער מאַניפעסטאַציע האָבן פאַרלאָזט די פאַרזאַמלונג אַלס גרינ־דער פון אַ פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע — די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־אַסאָציאַציע", וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען — ערשטער אינטערנאַציאָנאַל.

די אַקטיווסטע און פּאַקטישע גרינדער פון ערשטן אינטערנאַציאָ־נאַל זיינען געווען ענגלישע (טרייד־יוניאָניסטישע) אַרבעטער־טוער: וועבער, בעקער, שוסטער, שמידן און אַנדערע. בכדי אָבער צוצוגעבן אָנ־זען דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיי געבעטן דעם ליבעראַלן פּראָפעסאָר ביסלי, אַז ער זאָל זיין דער פאָרזיצער פון דעם מיטינג. ער האָט די ווענדונג אָנגענומען און איז דערפאַר צום סוף פון דער פאַרזאַמלונג באַדאַנקט געוואָרן מיט אַ דרייטאָליקן אויס־רוף און אַ דאַנק־רעזאָלוציע.

אין דער וויכטיקסטער רעזאָלוציע פון דאָזיקן מיטינג זאָגט זיך:

„אויסהערנדיק דעם ענטפער פון אונזערע פראַנצויזישע ברידער אויף אונזער באַגריסונג, באַגריסן מיר זיי נאָך אַ מאָל צו זייער קומען און, היות זייער פּראָגראַם האָט פאַר אַ ציל די טובה פון דער אַרבעטנדיקער געזעלשאַפט, לייגן מיר פאָר אָנצונעמען זי אַלס די באַזע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע און אויסוויילן אַ קאָמיטעט, מיט רעכט פון קאָאָפּטאַציע, וואָס זאָל אויסאַרבעטן די געזעצן און רע־גולאַציעס (קאָנסטיטוציע) פון אַזאַ אַסאָציאַציע".

די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן דורך „אַקלאַמאַציע".

דער פּראָטאָקאָל פון דעם מיטינג (פון וועלכן מיר נעמען אַרויס די ציטירטע רעזאָלוציע) גיט אָן די נעמען פון דעם אויסגעוויילטן קאָמיטעט פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס נעמט אַרום 32 נעמען. דאָס לעצטע אָרט אויף דער ליסטע פאַרנעמט דער נאָמען „דר. מאַרקס".

די ערשטע זיצונג פון דעם קאָמיטעט איז פאָרגעקומען דעם 5טן אָקטאָבער 1864. ס׳איז דאַן אויסגעטיילט געוואָרן אַ סוב־קאָמיטעט פון ניין, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צוצוגרייטן סיי אַ פּרינציפּיעלע דעקלאַראַציע, סיי דעם רעגולאַמין פון דער ניי־געגרינדעטער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. מאַרקס איז געווען צווישן די 9 מיטגלידער פון דעם דאָזיקן סוב־קאָמיטעט. די ערשטע זיצונג פון סוב־קאָמיטעט איז פאָרגעקומען דעם 8טן אָקטאָבער און איינער פון זיינע מיטגלידער, וואַטסאָן, האָט פאָרגעלייגט זיין צוגעגרייטן פּראָיעקט. ער איז דער מערהייט נישט געפעלן געוואָרן. די אויפגאַבע אָנצושרייבן דעם „אינאַגוראַציע־אַדרעס" האָט באַקומען — מאַרקס און דעם 1טן נאָוועמבער 1864 האָט דער „גענעראַל־ראַט" (אַזוי האָט זיך גערופן די אויסגעוויילטע אָנפירנדיקע קערפּערשאַפט פון דעם אינטערנאַציאָנאַל) אויסגעהערט מאַרקס׳ פּראָיעקט און אים איינשטימיק אָנגענומען מיט געוויסע אויסבעסערונגען, אויף וועלכע מאַרקס האָט מסכים געווען.

ווי שוואַך ס׳איז געווען דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַל, בפרט פינאַנציעל, זאָגט דער פּראָטאָקאָל וואָס דערציילט וועגן זאַמלונגען, וואָס מען האָט געמוזט דורכפירן אויף די זיצונגען פון גענעראַל־ראַט, כדי צו דעקן די דרינגענדיקסטע, אָפט גאַנץ קליינע, אויסגאַבן.

אין דער דאָזיקער גרופּע איבערגעגעבענע טוער און בויער פון אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך מאַרקס שטאַרק אויסגעטיילט מיט זיין אינטעלעקט, וויסן און ערודיציע און אויך מיט זיין גרויסער אידעאָלאָגישער קלאָרקייט און שטאַנדהאַפטיקייט.

אין גיכן האָט ער אָנגעטראָפן אויף זיין צד שכנגד — ווען אינעם אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך באַוויזן באַקונין, דער באַרימטער בונטאַר־אַנאַרכיסט. מאַרקס האָט געגלויבט אין דער גרויסער ראָל פון אַ פּאָליטישער מאַסן־באַוועגונג, וואָס דאַרף אין איר קאַמף אויסנוצן די מעגלעכקייטן, וועלכע ס׳גיט איר די פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע. גאַנץ באַוואוסטזיניק האָט דעריבער מאַרקס אַריינגענומען אין זיין „אינאַגוראַציע־אַדרעס" און שטאַרק אַרויסגעהויבן די דערגרייכונג פון ענגלישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט נאָך לאַנגע בלוטיקע קאַמפן אויסגעקעמפט דעם געזעץ וועגן דעם 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. באַקונין איז אָבער געווען אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון דער פּאָליטישער מאַסן־באַוועגונג און פון פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף און דער פּאַרביסענער שטרייט צווישן מאַרקסן און באַקונינען האָט פאַרצערט אַ סך אינטעלעקטועלע כוחות און האָט צעטרייסלט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פונדאַמענטן פונעם אינטערנאַציאָנאַל.

דער אינטערנאַציאָנאַל איז אויך שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן אין די יאָרן 1870־71. ער האָט נישט געקענט אָפּשטעלן די דייטשע

אַרבעטער, אין די מונדירן פון דער פּרייסישער אַרמיי, ביי די גרענעצן פון פראַנקרייך אין דער מלחמה פון 1870־71 ; ביסמאַרקס באַפעל איז געווען אַן אַ פאַרגלייך ווירקזאַמער ווי דעם אינטערנאַציאָנאַלס אַפּעל. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויך נישט געקענט העלפן די פּאַריזער קאָמונאַרן דאַן, ווען די פראַנצויזישע רעאַקציע, און די באַזיגטע פראַנצויזישע גענעראַלן האָבן אין ימים בלוט דערשטיקט די פּאַריזער קאָמונע. דער באַרימטער „אַדרעס״ פון אינטערנאַציאָנאַל (געשריבן פון מאַרקסן) וועגן דער פּאַריזער קאָמונע איז אַ דערשיטערנדע באַשולדיקונג קעגן דער רעאַקציאָנערער פראַנצויזישער בורזשואַזיע ; ער איז אָבער אויך אַ באַווייז, אַז מער ווי אַן „אַדרעס״ איז דער אינטערנאַציאָנאַל נישט אימשטאַנד געווען אין דער דאָזיקער גורל־שעה צו טאָן.

אינעם דאָזיקן צושטאַנד האָט די אינערלעכע צעשפּאָלטנקייט געמוזט ברענגען צום אונטערגאַנג פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. אין אַ געוויסן זין האָט מען עס געקאָנט פאָראויסזען ; אַלס אַ פאַרקערפּערונג פון אַן אידייע איז דער אינטערנאַציאָנאַל געווען גרעסער און טיפער ווי די דעמאָלטיקע אַרבעטער־באַוועגונג. די ספקות בנוגע דעם אינטערנאַציאָנאַל האָט אַרויסגעבראַכט נישט קיין אַנדערער, ווי ענגעלס אין אַ בריוו צו מאַרקסן, געשריבן דעם 7טן נאָוועמבער 1864 :

„ס׳איז גוט, וואָס מיר קומען ווידער אין קאָנטאַקט מיט מענטשן, וואָס לכל־הפּחות רעפּרעזענטירן זיי זייער קלאַס — דאָס איז די הויפּט־זאַך״...

„כ׳בין חושד, אַז די דאָזיקע נייע אַסאָציאַציע וועט זיך זייער שנעל שפּאַלטן אין אַ טעאָרעטיש־בורזשואַזן און טעאָרעטיש־פּראָלעטאַרישן טייל אַזוי שנעל ווי די פּראָבלעמען וועלן ווערן מער פּרעציזירט״.

דאָס זיינען אָבער געווען זאַצן, געשריבן ביים אַנטשטיין פון אינטערנאַציאָנאַל.

גאָר אַנדערש האָט מאַרקס געפילט אין 1872, ווען ער האָט צומאָרגנס, נאָך דעם האַאַגער קאָנגרעס, אויף אַ פאַרזאַמלונג אין אַמסטערדאַם געזאָגט :

„די רעוואָלוציע מוז זיין סאָלידאַריש. מיר האָבן אַ גרויסן ביישפּיל אין דער פּאַריזער קאָמונע, וועלכע איז געפאַלן, ווייל אין אַלע הויפּטשטעט, אין בערלין און אין מאַדריד און אַ. וו. איז נישט אויסגעבראָכן גלייכצייטיק אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס וואָלט זיך פאַרבינדן מיטן געוואַלטיקן אויפשטאַנד פון פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט״.

„וואָס שייך מיך, וועל איך זיך ווייטער ווידמען מיין אויפגאַבע צו אַרבעטן פאַר דער עטאַבלירונג פון דער פּרוכטבאַרער פאַר דער צוקונפט סאָלידאַריטעט פון

די אַרבעטער. ניין, איך װעל זיך נישט צוריקציִען פון אינטערנאַציאָנאַל, כ׳װעל די רעשט פון מיין לעבן, פונקט װי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, טריי בלייבן דעם קאַמף פאַרן טריאומף פון די סאָציאַלע אידייען, װעלכע װעלן — מיר זיינען זיכער דערין — ברענגען די הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט".

פּאַקטיש — הגם נישט פאָרמעל — זיינען דאָס געװען װערטער, געהאַלטן ביים סוף פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. מען האָט דעם זיץ־אָרט פון סעקרעטאַריאַט איבערגעטראָגן קיין ניו־יאָרק און דאָ, אין ניו־יאָרק, איז ער אַ פּאָר יאָר שפּעטער אױפגעלײזט געװאָרן אויך פאָרמעל.

מאַרקס האָט נישט דערלעבט דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן װידערגעבורט פון אינטערנאַציאָנאַל. אין גאַנצן זעקס יאָר נאָך זיין טויט איז אין פּאַריז, אין 1889, זיך צונויפגעקומען אַ קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, װאָס האָט צוריק אויפגעלעבט דעם אינטערנאַציאָנאַל. דאָס מאָל איז מקוים געװאָרן ענגעלס אָן אָנזאָג צו זאָרגען (דעם לעצטן סעקרעטאַר פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, אין ניו־יאָרק): „אויב ס׳װעט װידעראַמאָל אָרגאַניזירט װערן דער אינטערנאַציאָנאַל, װעט עס געשען דאַן, װען מאַרקס׳ אידייען װעלן זיין גענוג פאַרשפּרייט צו פאַרזיכערן זיין אינהאַלט און פאָרם".

מאַרקס, װי שוין דערמאָנט, האָט אין זיין „אינאַוגוראַציע־אַדרעס" אָנגעװיזן אויף דער גרויסער באַדייטונג פון דערגרייכן דעם 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אין ענגלאַנד. דער װידערגעבוירענער, צװייטער, אינטערנאַציאָנאַל האָט אָנגענומען אַלס זיין לאָזונג דעם 8־שעהדיקן אַרבעטסטאָג. דער מאַרקסיסטישער פּרינציפּ: פּאָליטישע מאַסן־אַקציע פאַרבונדן מיט קאָנקרעטע טאָג־לאָזונגען איז געװאָרן דער פונדאַמענט פון אַ באַװעגונג, װאָס האָט נישט נאָר מאָביליזירט ריזיקע מאַסן צו קאָנקרעטע טאָג־קאַמפן, נאָר אויך געשטעלט זיך דעם ציל — די מאַכט פון פּראָלעטאַריאַט.

אייראָפּע איז געװאָרן די הויפּט־פעסטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַװעגונג. דייטשלאַנד און עסטרייך, פראַנקרייך, בעלגיע, איטאַליע, שװעדן און אַנדערע לענדער, צװישן זיי אויך דאָס ריזיקע צאַרן־רוסלאַנד האָבן אין זייערע רייען געהאַט מיליאָנען אָנהענגער פון סאָציאַליזם און פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אין זיינע רייען איז געװען די אינטעלעקטועלע סאָציאַליסטישע עליטע פון אייראָפּע און ס׳האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן אַז אויף דעם רוף פון אינטערנאַציאָנאַל װעט זיך דאָס מאָל די אַרבעטער־באַװעגונג דערפאָלגרייך אַנטקעגנשטעלן דער דראָענדיקער מלחמה.

דעם 1טן אויגוסט 1914 איז די דאָזיקע האָפענונג געװאָרן טראַגיש צערונען.

אוודאי האָבן אויך אינעם ווידעראויפגעלעבטן אינטערנאַציאָנאַל גע־הויזט פאַרשיידענע אידעאישע ריכטונגען. (הגם שוין נישט די אַנאַר־כיסטן וועלכע האָבן זייער אַמאָליקע ראָל שוין געהאַט כמעט אויסגע־שפּילט). די אָפּאָזיציע אינעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן איבער־גענומען אַנדערע כוחות — די וואָס האָבן ווייניקער געזאָרגט וועגן „וויטן מאָרגן" און האָבן זייער אידעאַל „די רעפאָרם" אַנטקעגנגע־שטעלט „דער רעוואָלוציע". אָבער ביידע ריכטונגען זיינען דאָך אין דער זעלבער מאָס געווען אַנטשיידענע קעגנער פון דער מלחמה. און דאָך האָט דער רוף צום קריג שטאַרקער געווירקט ווי די שטים פאַר שלום. ס'האָט דער אינטערנאַציאָנאַל פון סאַמע אָנהויב אָן גע־זאָלט ווערן אַן אָרגאַניזאַציע פון ראַט און טאַט! צום 50סטן יובל־טאָג פון אינטערנאַציאָנאַל, אין 1914, האָט פאַרפעלט — די טאַט.

עס האָבן אין גאַנג פון ערשטן וועלט־קריג אויפגעבליצט קליינע פּרוואוון פון טאַט, אויף קאָנפערענצן אין צימערוואַלד און קינטאַל, וואָס האָבן פּראָקלאַמירט „מלחמה קעגן מלחמה". אָבער נישט דער רוף נאָר אַנדערע לאָזונגען האָבן פאַרכאַפּט גרויסע מאַסן פון אַרבעטער־קלאַס.

אין 1919 האָבן די באָלשעוויקעס פּראָקלאַמירט זייער „אינטער־נאַציאָנאַל פון טאַט", אָבער אינגאַנצן אויסגעלאָזט דעם וויכטיקסטן באַשטאַנדטייל: ראַט. און אַן דעם, ד. ה. — אַן אמתער פרייהייט אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס גופא, אַן גלייכהייט אין זיינע פּאַרטייען און צווישן די פּאַרטייען האָט דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט זיך באַצייכנט ווי דער „דריטער", גאַר שנעל זיך פאַרוואַנדלט אין אַ הילפס־אָרגאַן פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און שפּעטער פון איר דיקטאַטאָר — סטאַלין.

אויך דער אַנטי־קאָמוניסטישער טייל פון דער אייראָפּעאישער אַר־בעטער־באַוועגונג האָט קאָנסאָלידירט די סאָציאַליסטישע כוחות און געשאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע. ס'איז אָבער אַנטשטאַנען אַן אינטערנאַציאָנאַל פון ראַט — אַן טאַט.

היטלערס זיג אין דייטשלאַנד, וואו מעכטיקע פּאָליטישע און פּראָ־פעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס — סאָציאַליסטישע און קאָמוניס־טישע — האָבן ווידערשטאַנדלאָז פאַרלאָזן די פּאָליטישע אַרענע, האָט באַדייט ווידעראַמאָל דעם אָפּשלוס פון נאָך איין עטאַפּ פון אינטערנאַ־ציאָנאַל.

און דאָך איז די אידייע פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַזוי אומשטערבלעך, ווי ס'איז דער לעגענדאַרער פעניקס וואָס ווערט פאַר־ברענט אין פייער און יעדעס מאָל ווערט ער ווידערגעבוירן. די באָל־שעוויקעס — אייגנטלעך סטאַלין — האָבן זייער עקספּאָזיטור, דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און שפּעטער „קאָמינפאָרם" — ליקווי־

דירט. געבליבן איז די ווידעראויפגעלעבטע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון די אַנטי־קאָמוניסטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — אַן אָרגאַניזאַציע וואָס ציילט מיליאָנען אין אירע רייען און נעמט אַרום פּאַרטייען פון לענדער און פעלקער אויף אַלע קאָנטינענטן.

***

ווידער שטייט די וועלט אויף דער שוועל פון אַ גאָר נייער ערע. די וועלט מוז ווערן איינע, אויב זי זאָל בלייבן און אויסנוצן פּאָזיטיוו די וואונדערבאַרע מעגלעכקייטן, וועלכע דער געצוימטער און קאָנטראָלירטער אַטאָם גיט איר. נאָך קיינמאָל איז מלחמה נישט געווען אַזוי גרויליק אין אירע צעשטערערישע פּאָטענצן און נאָך קיינמאָל איז שלום נישט געווען אַזוי אומצעטיילבאַר פאַרבונדן מיט דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דער וועלט ווי איצט.

דעריבער איז נאָך קיינמאָל נישט אַזוי גורלדיק וויכטיק די עקזיסטענץ און וואוקס — אין פאָרם און אינהאַלט — פון אַן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זאָל שטעלן העכער דעם גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט איבער די צווייפלהאַפטע נוצן פון „אייגן" פאָלק און לאַנד.

ס'איז נישט נאָר אַ יום־טובדיקער רוף: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!" ס'איז היינט אַ רוף צום גאַנצן מענטשן־מין, וואָס וויל האָבן אַ צוקונפט אָן קריג און עקספּלואַטאַציע, און אַ וועלט פון פרייהייט פאַר פאָלק און יחיד!

אונזער צייט, אָקט' 1964

# „סאָציאַליסטישער הומאַניזם"*

אין זיין אַריינפיר צום אינטערנאַציאָנאַלן סימפּאָזיום, ווי עריק פראָם באַצייכנט די דאָזיקע דורך אים רעדאַקטירטע זאַמלונג, זאָגט ער:

„הומאַניזם פלעגט שטענדיק דערשיינען אַלס אַ רעאַקציע קעגן אַ געפאַר, וואָס האָט געדראָט דער מענטשהייט: אין רענעסאַנס — קעגן רעליגיעזן פאַנאַטיזם, אין דער עפּאָכע פון אויפקלערונג — קעגן עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם און קעגן דער פאַרשקלאַפונג פון מענטשן דורך דער מאַשין און עקאָנאָמישע אינטערעסן. די ווידעראויפלעבונג פון הומאַניזם היינט צו טאָג איז ווידעראַמאָל אַ רעאַקציע קעגן דער לעצטער און פאַרשאַרפטער געפאַר — דער מורא, אַז דער מענטש

---

* אַ זאַמלונג פון עסייען אונטער דער רעדאַקציע פון עריק פראָם.

זאָל ווערן אַ שקלאַף פון קעגנשטאַנדן, פון זאַכן, דער געפאַנגענער פון אומשטענדן, וועלכע ער האָט אַליין געשאַפן — און לסוף קעגן דער אַבסאָלוט נייער געפאַר, וואָס דראָט דעם מענטשנס פיזישער עקזיסטענץ מצד דעם אַטאָמישן וואָפן".

הומאַניזם איז פאַר אים — "דער גלויבן אין דער איינִיקייט פון דער מענטשלעכער ראַסע און אין דעם מענטשנס פּאָטענץ צו פּאַרפּול־קאָמען זיך אַליין דורך זיינע אייגענע אָנשטרענגונגען". און "ווייל הו־מאַניסטן גלויבן אין דער איינִיקייט פון דער מענטשהייט און גלויבן אין דער צוקונפט פון מענטש, זיינען זיי קיינמאָל נישט געווען קיין פאַ־נאַטיקער".

אַרויסגייענדיק פון אָט דער הנחה, האָט פראָם צונויפגעזאַמלט אין איין באַנד עטלעכע און דרייסיק מחברים, וואָס האָבן אין קורצע עסיי־ען געבראַכט צום אויסדרוק זייער באַציאונג צו דעם, וואָס עריך פראָם האָט פאָרמולירט אַלס "סאָציאַליסטישער הומאַניזם". די מערהייט פון די עסייאיסטן זיינען סאָציאַליסטן, אַפילו מאַרקסיסטן, אָבער טייל פון זיי זיינען קאַטאָליקן און אומאָפּהענגיקע ליבעראַלן. דאָס בוך איז אַ טרעף־פּונקט, אין וועלכן ס'באַגעגענען זיך פובליציסטן פון מערב און מזרח צום ערשטן מאָל. דער רוב מחברים זיינען אייראָפּעער און צפון־אַמעריקאַנער, נאָר איינִיקע רעפּרעזענטירן אַזיע, אַפריקע און אויסטראַליע.

פּראָפעסאָר קאָראַטש פון בעלגראַד, יוגאָסלאַוויע, פּאָלעמיזירט מיט די קריטיקער פון קאַרל מאַרקס׳ סאָציאַליזם, וועלכע האַלטן, אַז ער איז נישט אָננעמבאַר פונעם הומאַניסטישן שטאַנדפּונקט, ווייל ער רע־דוצירט דעם מענטשן און די געזעלשאַפט אויסשליסלעך צו מאַטעריעלע פאַקטאָרן, דעגראַדירנדיק די גייסטיקע ווערטן, וואָס זיינען דער סאַמע תוכן פון מענטשן, בלויז צו דער מדרגה פון אַ צווייטראַנגיקער דערשיינונג פונעם מאַטעריעלן לעבן.

ענטפערנדיק אויף דער מאַרקס־קריטיק, פאַררופט זיך פּראָפעסאָר קאָראַטש אויף דעם "יונגן" מאַרקס, אויף זיינע טעזן וועגן פייער־באַכן פון 1844, ברענגענדיק פאָלגנדיקע ציטאַט: "די מאַטעריאַליס־טישע דאָקטרין, אַז מענטשן זיינען די פּראָדוקטן פון אומשטענדן און דערציאונג און אַז געענדערטע מענטשן זיינען דעריבער די רעזולטאַטן פון אַנדערע אומשטענדן און געענדערטער דערציאונג, פאַרגעסט, אַז אומשטענדן ווערן געענדערט דורך מענטשן און אַז דער דערציער מוז דאָך אַליין אויך דערצויגן ווערן". אָבער מאַרקס האָט נישט אַוועק־געשטעלט דעם מענטשן איבער און אויסער דער געשיכטע אַלס דעם אַלמעכטיקן באַשעפער מיט געטלעכע איגנשאַפטן. פאַרקערט, ער פאַרשט

דעם מענטש אין דער געשיכטע גופא און שטעלט פעסט אַז: „דער סך־הכל, וואָס ווערט גערופן וועלט־געשיכטע, איז נישט עפּעס אַנ־דערש, ווי דאָס באַשאַפן דעם מענטש דורך מענטשלעכער אַרבעט".

און קאַראַטש פירט אויס: „שאַפנדיק געשיכטע, שאַפט דער מענטש זיך אַליין, שאַפנדיק זיך, שאַפט ער געשיכטע. דער סוד פון דער דאָזיקער שאַפונג ליגט אין דער מענטשלעכער אַרבעט, וועלכע איז מענטשלעך נאָר דאַן און נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זי באַוועגט צילבאַוואוסטזיניק די נאַטירלעכע כוחות צו ווירקן אין די אינטערעסן פון מענטש".

מאַרקס האָט זיך געשטעלט די גרויסע פראַגע: אויב דער מענטש שאַפט זיך אַליין אַדאַנק זיין אַרבעט, דאַן וואָס איז דאָס, וואָס זיין אַרבעט איז אים געוואָרן פרעמד און אַ לאַסט, אַנשטאָט צו זיין אַ סאַטיספאַקציע און פולע געניגטואונג? פאַרוואָס איז דער מענטש גע־וואָרן אָפּגעפרעמדט איינער פונעם אַנדערן און פון דער מענטשהייט גופא?

און ער מאַכט אַליין דעם אויספיר: „אין דער געזעלשאַפט פון פּריוואַט־אייגנטום און עקספּלואַטאַציע קומט די אוניווערסאַלע אָפּגע־פרעמדטקייט („אַליענאַציע") צום אויסדרוק אַלס אַן אָפּפרעמדונג פון די פּאָטענצן, וואָס שטעלן דעם מענטש העכער איבער אַלע לעבעדיקע באַשעפעניש. סאָציאַליזם איז דעריבער ביי מאַרקסן (אַזוי פאָרמולירט עס קאַראַטש) נישט דער ענדגילטיקער ציל. דער ענדגילטיקער ציל איז ביי אים די הומאַנע געזעלשאַפט, אין וועלכער ס'וועט פאַרשווינדן די דעהומאַניזאַציע (אַנטמענטשונג) און וואו מענטשלעכע אַרבעט איז אויף אַן אמת עמאַנציפּירט און דער מענטש האָט אַלע נויטיקע באַ־דינגונגען פאַר זיין פולער אַנטוויקלונג און זעלבסטבאַהויפּטונג. באמת עמאַנציפּירטע אַרבעט וועט באַשאַפן די באַדינגונגען פאַר אַ פריי גע־זעלשאַפטלעך לעבן, ווייל ערשט דאַן וועט אַרבעט ווערן אַ שעפּע־רישע טעטיקייט, וואָס פאַרוואַנדלט דעם יחיד אין אַ פּערזענלעכקייט".

איינעם מויל פון אַ יוגאָסלאַווישן טעאָרעטיקער קלינגען סימפּטאָ־מאַטיש פאָלגנדיקע זאַצן: „די היינטצייטיקע געשיכטע ווייזט, אַז סאָ־ציאַליסטישע רעוואָלוציעס זיינען נישט געקומען אין די אינדוסטריעל־אַנטוויקלטע לענדער. פאַרקערט, זיי זיינען אויסגעבראָכן אין די לענ־דער, וואָס זיינען קוים געווען אויף דער שוועל פון אינדוסטריע־לער רעוואָלוציע. די געשיכטע האָט אויך באַוויזן, אַז די היינטצייטיקע סאָציאַליסטישע פּראַקטיק ווייכט זייער אָפט אָפּ פון טייל פונדאַמענ־טאַלע מאַרקסיסטישע פּרינציפּן פון סאָציאַליסטישער טעאָריע. נאָך מער — טייל סאָציאַליסטישע אַנטוויקלונגען, וועלכע זיינען לעצטנס פאַר־

געקומען, וואָלט געווען אויסערגעוויינלעך שווער צו ברענגען אין איינ־קלאַנג, מיט וועלכן ס'איז סאָציאַליזם — שוין אָפּגערעדט מיטן סאָ־ציאַליזם פון קאַרל מאַרקס".

און ער פאַרענדיקט אויף פאָלגנדיקן אופן:

„אין אַ סאָציאַליזם, וואָס טראָגט מאַרקס' נאָמען, קאָן מען דעם מענטש אַלס מענטש קיין מאָל נישט מקריב זיין פאַר די 'העכערע' אינטערעסן פון דער צוקונפט".

מיר ווילן דאָ ציטירן נאָר נאָך איינעם, דעם טשעכאָסלאָוואַקישן מחבר, איוואַן סוויטעק, וועלכער זאָגט אין זיין עסיי „די קוואַלן פון סאָציאַליסטישן הומאַניזם": „יעדע קאָנצעפּציע, וואָס וואָלט אויסגע־שלאָסן פונעם קאָמוניזם די קאָמוניסטישע באַזע פון יונגן מאַרקסן, צי לטובת דעם מעכאַניזם פון עקאָנאָמישע כוחות, צי לטובת דעם קלאַסן־קאַמף, צי אין די אינטערעסן פון די רעגירנדיקע קלאַסן, אָדער לטובת דער מאַכט פון הייניטיקן שטאַט — יעדע אַזאַ קאָנצעפּציע איז אַנטי־הומאַניסטיש און אַנטי־מאַרקסיסטיש, אומאָפּהענגיק פון דער באַנוצטער פראַזעאָלאָגיע".

אַזוי טראַכטן און שרייבן צוויי גאַנץ אָנגעזעענע קאָמוניסטישע געלערנטע פון צוויי לענדער, וואו אַ סלאַנסקי־פּראָצעס האָט זיך מיט אַ צענדליק יאָר צוריק פאַרענדיקט מיט תליות און אַ מילאָוואַן דזשילאַס געפינט זיך נאָך היינט אין תפיסה.

***

אין דער צווייטער גרופּע עסייען וועגן מענטש פאַרנעמט אַדאַם שאַפס „מאַרקסיזם און די פילאָזאָפיע וועגן מענטש" דעם אויבן אָן. ער געהערט צו די איינפלוסרייכע מאַרקסיסטן־פילאָזאָפן אינעם איצ־טיקן פוילן. ס'לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף אייניקע זיינע אויספירן:

דאָס אומקערן זיך פון מאַרקסיסטן צו די פּראָבלעמען פון דער פילאָזאָפיע פון מענטש (וועגן מענטש) האָט דריי סיבות. די ערשטע סיבה: נאָכן דעראָבערן די מאַכט אין אַ רייע לענדער האָבן זיך באַ־שאַפן אָביעקטיווע פאַדערונגען פאַר דער באַוועגונג, וועלכע האָט פאַר זיך די אויפגאַבע נישט בלויז פון קאַמף מיט די אַלטע סיסטעמען, נאָר הויפּטזעכלעך די אויפגאַבע פון שאַפן נייע פאָרמען פון לעבן. דאָס פּראָבלעם פון יחיד וועט פריער אָדער שפּעטער זיך לאָזן פילן, ווען אַפילו ס'ווערט פאַרזען אַ געוויסע צייט. ווי מיר זאָלן דאָס נישט אָנרופן, אין וועלכער פאָרם עס זאָל נישט דערשיינען, וועט די „פילאָזאָפיע פון מענטש" מיט כוח זיך אַדורכברעכן דעם וועג. ווייל מיט דער סטאַביליזאַציע — נאָך דעם ווי דער שונא איז באַזיגט און

דאָס לעבן גייט — וועט דאָס צענטראַלע פּראָבלעם, ווי אַזוי צו מאַכן די מענטשן גליקלעך, ווערן פון אַלץ גרעסערער וויכטיקייט.

דער זיג האָט געבראַכט קאָמפּליקאַציעס און שווועריקייטן טייל־ווייז צוליב דעם, וואָס די טעותים, וועלכע ס׳זיינען באַגאַנגען די בויער פון נייעם לעבן, זעען זיך איצט אָן. די דאָזיקע טעותים מוזן אויסגעבעסערט ווערן. ס׳איז אָבער אויך נויטיק צו אַנאַליזירן זייערע סיבות און רעזולטאַטן. דאָס, ווי אויך דאָס שאַפן נייע פאָרמען פון אינדיווידועלן לעבן, פאָדערן פאַרטראַכטונגען איבער דער פילאָזאָפיע פון מענטש.

די צווייטע סיבה — די געבראַכטע אָביעקטיווע סיבות רופן טאַקע אַרויס אַ גרעסערן באַדאַרף פון טעאָריעס. כאָטש, אין אַ געוויסער מאָס, שפּיגלט אָפּ דאָס טעאָרעטישע טראַכטן די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט, פונדעסטוועגן פאַרמאָגט עס — דאָס טעאָרעטישע טראַכטן — אַ געוויסע אויטאָנאָמיע. דער באַוויז דערצו איז דאָס שטרעבן צו אַ פולקאָם פילאָזאָפישן סיסטעם. ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס די מאָדערנע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער באַטראַכטן דעם מאַנגל און פעלערהאַפטיקייט אויף דעם געביט פון דער טעאָריע פון מאָראַלישע ווערטן, אויפן געביט פון דער פילאָזאָפיע פון מענטש, עטיק א. אַז. וו., ווי אַ גרויסן בלויז אין זייער טעאָרעטישן סיסטעם.

דריטנס — דער פאַרשטאַרקטער אינטערעס אין דער פילאָזאָפיע פון מענטש מוז באַטראַכט ווערן אין קאָנטעקסט פון די נייע פאָרמען און באַדייטונג פון אידעאָלאָגישע קאַמפן. די פילאָזאָפיע פון מענטש איז לעצטנס געוואָרן נישט בלויז דער סוביעקט, נאָר אויך דער אינסטרומענט פון קאַמף. עס איז שוין מער נישט מעגלעך צו לייזן קאָנפליקטן מיט דער הילף פון באַוואָפנטע כוחות, ס׳בלייבט אָפן די מעגלעכקייט פון איבערצייגן די קעגנער און די נישט־דעצידירטע מיט דער הילף פון ריכטיקע, אַנטשפּרעכנדיקע, אַרגומענטן.

ווען מיר זאָגן „אידעאָלאָגישער קאַמף" מיינען מיר דאָס אַרגומענטירן קעגן דעם ווערטן־סיסטעם פון קעגנער. מיר מוזן דאַן אַנטקעגנשטעלן אונדזער אייגן סיסטעם פון ווערטן און אונדזערע אייגענע אידייען. דער דערפאָלג פונעם קאַמף פאַר די מוחות און הערצער פון די מענטשן — אין די באַדינגונגען פון קאָעקזיסטענץ — וועט הויפּטזעכלעך זיין אָפּהענגיק פון די רעזולטאַטן פון עקאָנאָמישער קאָנקורענץ. אָבער נישט בלויז פון דעם. פון נישט קלענערער וויכטיקייט זיינען פאַר די מענטשן די פּראָבלעמען פון פרייהייט, איבערהויפּט אין דעם פאַל פון די יונגע מלוכות פון אַזיע און אַפריקע. דאָס איז ריכטיק, סיי לגבי דער נאַציאָנאַלער פרייהייט, סיי לגבי

דער פרייהייט פון יחיד מיט אַלע אימפּליקאַציעס פון דער פילאָזאָפיע פון מענטש.

דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ נייעם און אַ גאָר אַנדערן אַספּעקט פון דער פילאָזאָפיע פון מענטש אַלס אַן עלעמענט פון אידעאָלאָגישן קאַמף און פאַקטאָר, וואָס באַאיינפלוסט דאָס פאָרמירן זיך פון די פּראַקטישע פאַרהעלטענישן צווישן יחיד און געזעלשאַפט.

דער יונגער טשעכישער פילאָזאָף מילאַן פּרוכא (געבוירן אין 1931) פּאָלעמיזירט אין זיין עסיי „מאַרקסיזם און די עקזיסטענציאַלע פּראָבלעמען פון מענטש" מיטן אַ. ג. „ריינעם עקזיסטענציאַליזם". איז דער מענטש אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַן אַבסורדאַלער וועלט, אין וועלכער דער פאַקט פון שטערבלעכקייט פאַרמשפּט אַלע זיינע אַספּיראַציעס? איז דער מענטש אין איינמאַליקער (זיך נישט איבערחזרנדיקער) פּראָדוקט פון דעם היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס רעוואָלטירט קעגן עקספּלואַטאַציע, קעגן דער אָפּפרעמדונג פון דעם מעכאַניזם פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג? זיינען די פּראָבלעמען פון לעבן און טויט אומאָפּהענגיק פון דער סאָציאַלער סטרוקטור אָדער זיינען דאָס אויסשליסלעך היסטאָרישע פּראָבלעמען, וועלכע וועלן געפינען זייער ענדגילטיקע לייזונג אין דער האַרמאָניע צווישן יחיד און געזעלשאַפט?

אויף די דאָזיקע פראַגן גיט ער אַ כאַראַקטעריסטישן ענטפער: „דער מענטש איז אַ סך פרייער, ווי ס'ווילן דאָס האָבן די עקזיסטענציאַליסטן. אַ דאַנק זיין אינטערעס פאַר דער וועלט, פאַרן גורל פון אַנדערע מענטשן שאַפט ער זיין מענטשלעך רייכטום און שאַפט די היעראַרכיע פון פאַראינטערעסירונגען און ווערטן, וואָס נעמען צו ביים טויט די ראָל פון אַבסאָלוטן אַרביטער".

דאָס איז אין שאַרפן קעגנזאַץ צו דער פעסטשטעלונג פון סאַרטר, וואָס זאָגט, אַז דער מענטשלעכער אינדיווידואַליזם האָט נישט קיין תמצית: „כ'וועל האָבן תמצית ערשט נאָך מיין טויט".

מיר וועלן דאָ ברענגען נאָך איין אויספיר, וועלכן ס'מאַכט פּרוכא.

„די אַקטיווע עקזיסטענץ פון יחיד ליידט, ווייל זי איז עקספּלואַטירט דורך אויסמאַטערנדיקער און אָפּטעמפּעדיקער אַרבעט. זיין סאָציאַלע עקזיסטענץ ווערט אים אָפּגעפרעמדט און פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אומקאָנטראָלירבאַרן כוח, וואָס שטעלט זיך אים קעגן און רעדוצירט אים צו דער מדרגה פון אַ שקלאַף. די קאָנצעפּציע פון טאָטאַלן מענטש דריקט נאָר אויס אַ פּערספּעקטיוו, וואָס וועט בייקומען די „אָפּגעפרעמדטקייט".

***

עריק פראָם געהערט צו די באַרימטע היינטצייטיקע פּסיכאָאַנאַלי-

טיקער, וועלכער באַמיט זיך אַריינפירן אין מאָדערנעם מאַרקסיזם עלע־מענטן פון פרוידס דינאַמישער פסיכאָלאָגיע. זיין עסיי טראָגט טאַקע דעם נאָמען „די אַנווענדונג פון הומאַניסטישן פסיכאָאַנאַליז צו מאַרקס׳ טעאָריע״.

מיר וועלן ברענגען עטלעכע ציטאַטן פון דאָזיקן עסיי: „פסיכאָ־אַנאַליז איז קודם־כּל אַ דינאַמישע פּסיכאָלאָגיע. זי באַשעפטיקט זיך מיט פסיכישע כּוחות, וועלכע מאָטיווירן דעם מענטשנס אויפפירן זיך, האַנדלונגען, געפילן און אידייען. כּדי אַ פסיכאָלאָגיע זאָל האָבן וועלכן ס׳איז נוצן פאַרן מאַרקסיסטישן טראַכטן, מוז דאָס זיין אַזאַ פסיכאָ־לאָגיע, וואָס זעט די עוואָלוציע פון די דאָזיקע פסיכישע כּוחות אַלס אַ פּראָצעס פון כּסדרדיקער קעגנזייטיקער באַוועגונג פון דעם מענ־טשנס באַדערפעניש און פון דער סאָציאַלער און היסטאָרישער רעאַ־ליטעט, אין וועלכער ער נעמט אַנטייל. עס מוז אויך זיין אַ קריטישע פסיכאָלאָגיע — איבערהויפּט קריטיש לגבי דעם מענטשנס באַוואוסט־זיין. פרוידס פסיכאָאַנאַליז דערפילט אַט די אַלע באַדינגונגען, כאָטש זייער באַדייטונג פאַרן מאַרקסיסטישן דענקען האָבן נישט באַנומען נישט די פרוידיאַנער און נישט די מאַרקסיסטן״.

די נייע געשעענישן ענדערן אָבער די לאַגע: „דער וויכטיקסטער פאַקטאָר איז די ווידעראויפלעבונג פון מאַרקסיסטישן הומאַניזם, וואָס דערויף קען עדות זאָגן דער איצטיקער באַנד עסייען. פאַר אַ סך מאַרקסיסטן־סאָציאַליסטן און בפרט אין די קלענערע סאָציאַליסטישע לענדער, אָבער אויך פאַר טייל אין מערב, איז קלאָר געוואָרן דער פאַקט, אַז דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פעלט אַ פּסיכאָלאָגישע טע־אָריע וועגן מענטש. פאַר זיי איז קלאָר געוואָרן דער פאַקט, אַז סאָ־ציאַליזם מוז באַפרידיקן דעם מענטשנס באַדערפעניש צו האָבן אַ סיס־טעם פון אָריענטאַציע און לאָיאַליטעט, אַז סאָציאַליזם מוז זיך אויך פאַרנעמען מיט די פראַגן: ווער איז דער מענטש און וואָס איז די באַדייטונג און ציל פון זיין לעבן? סאָציאַליזם מוז ווערן דער פונ־דאַמענט פון עטישע פאָרמען און גייסטיקער אַנטוויקלונג, וואָס גייען ווייטער ווי די פוסטע פראַזע — ׳גוט איז דאָס, וואָס דינט דער רע־וואָלוציע׳.״ און פראָם סומירט: „דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז אַ רוף אַריינצופירן אַ דיאַלעקטישן און הומאַניסטיש־אָריענטירטן פסיכאָאַנאַ־ליז אַלס אַ באַדייטנדיקן שטאַנדפּונקט אינעם מאַרקסיסטישן דענקען. כ׳גלויב, אַז מאַרקסיזם נויטיקט זיך אין אַ פסיכאָלאָגישער טעאָריע און פסיכאָאַנאַליז דאַרף איינגלידערן אין זיך אַן אויטענטישע מאַרקסיס־טישע טעאָריע. אַזאַ סינטעז וועט באַפרוכפּערן ביידע פעלדער, ווייל דאָס לייגן דעם הויפּטגעוויכט אויף דעם פּאָזיטיוויסטישן פּאַוולאָוויזם

— כאַטש ער האָט אַ סך אינטערעסאַנטע פאַקטן צו געבן — קען נאָר פירן צו דער דעגענעראַציע פון ביידע: פון דער פסיכאָלאָגיע און פון מאַרקסיזם״.

***

אויב די פריער־ציטירטע מחברים שרייבן אין אַן ערנסטן טאָן, ווי ס׳פּאַסט פאַר פילאָזאָפן און וויסנשאַפטלער, איז דער עסיי פון דעם באַרימטן פילאָזאָף בערנאַרד ראָסעל — אַגב, פאַרפאַסט אין 1932 — געשריבן אין אַ לייכטן הומאָרפולן סטיל. זיין אַרבעט טראָגט דאָס כאַראַקטעריסטישע קעפל „אין לויב פון ליידיקגייערײ״ („אין פּרעיז אָוו אַידלענעס״). קודם־כל רעכנט ער זיך אָפּ מיט די, וואָס שפּאָרן. דער „שפּאָרער״ איז דער אמתער פאַרברעכער. ווייל וואָס טוט ער מיט זיין אָפּגעשפּאָרט געלט? ער קויפט מלוכהשע ווערט־פּאַפּירן, ד. ה. ער באָרגט זיין געלט דער מלוכה. און וואָס טוט די מלוכה מיטן געלט? זי צאָלט אָפּ אַלטע חובות, וואָס שטאַמען פון אַמאָליקע מלחמות, און גרייט צו נייע מלחמות. דער בירגער, וואָס אינוועסטירט זיין געלט אין מלוכהשע ווערט־פּאַפּירן, איז ענלעך צו שעקספּירס „שלעכטן מענטש״, וואָס דינגט מערדער! וואָלט דען נישט געווען בעסער און מאָראַלישער, ווען ער וואָלט זיין געלט אויסגעגעבן אויף סעודות פאַר פריינט?

וואָס ער האָט צו זאָגן אין פולער ערנסטקייט איז, אַז אַ סך שאָדן איז מען גורם אין דער מאָדערנער וועלט דורך דעם גלויבן אין דער מאָראַלישקייט פון אַרבעט און אַז דער וועג צו גליק און וואוילשטאַנד ליגט אין דער אָרגאַניזירטער רעדוצירונג פון אַרבעט. ער זאָגט ווייטער מיט סאַרקאַזם: „די גרונט־באַזיצער זיינען ליידיקגייער, וואָלט איך דאָך באַדאַרפט זיי לויבן. צום אומגליק איז זייער ליידיקגייערײ מעגלעך נאָר דורך דער אַרבעטזאַמקייט פון אַנדערע. זייער שטרעבן און פאַרלאַנג פון באַקוועמער ליידיקגייערײ איז דער היסטאָרישער קוואַל פון דער עוואַנגעליע פון אַרבעט. די מאָדערנע טעכניק האָט מעגלעך געמאַכט, אַז פרייע צייט זאָל אויפהערן צו זיין די פּריווילעגיע פון אַ קליינער גרופּע פּריווילעגירטע קלאַסן און ווערן אַ רעכט גלייך פאַנאַנדערגעטיילט צווישן דער גאַנצער געזעלשאַפט״. די מאָראַל פון אַרבעט איז די מאָראַל פון קנעכט און די מאָדערנע וועלט דאַרף נישט קיין שקלאַפערײ. און ער האָט אַ פאָרמולע: „אַ 4־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. דאַן וועט די אַרבעט זיין גענוג צו מאַכן די פרייע צייט אַ פאַרגעניגן און וועט נישט דערשעפּן דעם מענטש. ס׳וועט דאַן מעגלעך זיין צו האָבן גענוס און פרייד פונעם לעבן,

אַנשטאָט צעשרויפטע נערוון, פּאַרמאַטערטקייט און שלעכטע פּאַרדיי־אונג".

דער צווייטער סיניאָר צווישן די אַנטיילנעמערס אין סימפּאָזיום איז נאָרמאַן טאָמאַס, וועמענס עסיי „הומאַניסטישער סאָציאַליזם און די צוקונפט" שטעלט מיט זיך אייגנטלעך פאַר קיצורים פון זיין לעצט בוך „סאָציאַליזם ווידעראַמאָל עקזאַמינירט".

מיר ווילן דאָ ציטירן צוויי אַפּזאַצן, וואָס זיינען כאַראַקטעריס־טיש פאַרן דאָזיקן אַרטיקל: „לאָמיך איבערחזרן מיין גלויבן, אַז די דרינגענדיקסטע זאָרג פון סאָציאַליזם איז דער פּראָבלעם פון בלייבן לעבן אין דער צייט פון אַטאָמישן וואָפן. דער שלום באַזירט אויף דעם באַלאַנס פון טעראָר קען אַמאָל צוזאַמענברעכן צוליב אַן אַקצי־דענט, ליידנשאַפט, מיסקאַלקולאַציע אָדער בייזוויליקייט".

און די צווייטע ציטאַט ברענגט צום אויסדרוק זיין ראַדיקאַל־געי־ענדערטע איינשטעלונג צו די מעטאָדן פון סאָציאַליסטישן קאַמף. ער זאָגט: „דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם וויל געווינען מיט נישט־גוואַלט־זאַמע מעטאָדן. דאָס פאַרלאַנגט אויסנוצן די מאַשינעריע פון דער פּאָ־ליטישער אַקציע אין דער עקזיסטירנדיקער מלוכה". ער ציטירט אויך ספּאָאַקס אַ וואָרט: „די זאַך, וואָס סאָציאַליסטן האָבן זיך אויסגעי־לערנט צום בעסטן „נאַציאָנאַליזירן איז דער סאָציאַליזם".

אין אונדזער איבערבליק האָבן מיר זיך נישט געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו פּאָלעמיזירן מיט מחברים, אפילו מיט די מיט וועל־כע מיר זיינען נישט מסכים. מיר האָבן בלויז געוואָלט ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף אַ סימפּאָזיום, אין וועלכן ס'נעמען אַנטייל סיי קאָמוניסטן (נישט קיין סאָוועטישע), סיי סאָציאַליסטן.

דאָס בוך איז אַן אָנזאָג פון אַ בריק איבער אַ תהום, וואָס צע־טיילט שוין נישט בלויז אָרגאַניזאַציאָנעל נאָר אויך טעאָרעטיש־אי־דעאָלאָגיש אין משך פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט די גרויסע וועלט־באַוועגונג, וואָס שטרעבט צום סאָציאַליזם — אַ באַוועגונג, וואָס אַ גרויסער טייל אירער באַצייכנט זיך אַלס מאַרקסיסטישע. ס'איז אַ דינע און שמאָלע בריק, אָבער אַן אָנהויב איז עס.

אונזער צייט, 1966, נ' 6־5

# אָ פּ ר ו פ ן
# אויפן טויט פון לעאָן אָלער

שמעון פּאַלעווסקי

# לעאָן — מיין פירער, חבר און פריינט

ווען איך בין נאָך געווען גאָר יונג און געלערנט אין ראַמיילעס ישיבה אין ווילנע, בין איך אַריינגעטראָטן אין יוגנט־בונד „צוקונפט". דאָס איז געווען ווינטער 1926.

מיר, די יוגנטלעכע, זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון קאַמף, וועלכן דער „בונד" האָט אין יענער צייט געפירט קעגן דער עקספּלואַטאַציע פון דער יוגנט דורך די באַלעבאַטים, ווי אויך צייטנווייז דורך די עלטערע אַר־בעטער.

כ'האָב געלייענט לעאָנס אַרטיקלען אין „יוגנט־וועקער". זיין קלאָרע שפּראַך און זיין אופן פון אויפקלערן דער יוגנט וועגן זייער קאַמף פאַר די מענטשלעכע און יידישע רעכט, פאַר אַ בעסערן מאָרגן, פאַרן רעוואָ־לוציאָנערן סאָציאַליזם האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף מיר.

ווען איך בין געקומען אין וואַרשע אין אָנהייב 1929, האָב איך גע־האַט אַ מעגלעכקייט לעאָנען נענטער צו אָבסערווירן סיי אַלס מענטש סיי אַלס אָראַטאָר. איך פלעג כמעט ניט דורכלאָזן זיינע עפנטלעכע פאַר־לעזונגען. איך פלעג אויך אַלץ לייענען וואָס ער האָט געשריבן. איך בין נאָך פריער אין ווילנע געווען אַן אָנהענגער פון דער מינדערהייט־ריכ־טונג אין דער פּאַרטיי. לעאָנס השפּעה האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין גלויבן אין די אידעען פון דער „צווייער"־ריכטונג.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן מיר זיך באַגעגנט אין ניו־יאָרק. דאָ האָבן מיר זיך צוזאַמענגעטראָפן אויף געמיינזאַמע באַראַטונ־גען פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער און שפּעטער אין ניו־יאָרקער קאָמי־טעט פון „בונד". לעאָן איז געבליבן אַן אויסגעהאַלטענער סאָציאַליסט. פּונקט אַזוי ווי אַמאָל, האָט ער ווייטער געקעמפט פאַר זיין אידעאישער

איינשטעלונג. ער איז געווען אויסגעהאַלטן אין זיין אופן פון טראַכטן און האַנדלען: אויף אַלע קאָמיטעט־זיצונגען איז ער געווען אַקטיוו, צו יעדער פּאָליטישער סיטואַציע, וואָס פלעגט אַרויסרופן מיינונגס־פאַרשידנ־הייטן, פלעגט ער זיין גרייט מיט פאַרשלאָגן און רעזאָלוציעס. ער פלעגט קיין מאָל נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער דאָס וואָס עס האָט געדאַרפט געטון ווערן היינט.

עס האָט זיך געשאַפן אַ וואַרעמע פאַרבינדונג צווישן אונדזערע משפּחות, צווישן די דערוואַקסענע און די קינדער.

לעאָן וועט בלייבן אין אונדזער זכרון ווי אַ קאָמפּנדיקער סאָציאַ־ליסט, אַ גוטער חבר און אַ נאָענטער פריינד.

ע. שערער

# לעאָן אַלער

אַ שווערער, שווערער קלאַפּ... שבת, פאַרטאָג, דעם 23סטן יאַנואַר 1971, איז פּלוצלונג אַרויסגעריסן געוואָרן פון די אַקטיווסטע בונדישע קאַמפּס־רייען — חבר לעאָן אַלער.

דער אומגעריכטער קלאַפּ האָט געטראָפן אַלע, מיט וועלכע ער, אונזער ליבער לעאָן, איז געווען באַהאַפטן במשך פון לאַנגע צענדליקער יאָרן — זיין משפּחה, זיינע פריינט און די באַוועגונג, דעם „בונד".

דורך שווייגן, אין לאַנגע מינוטן פון שווייגן, זענען אונזערע אַלעמענס געפילן פון טיפן ווייטאָג און טרויער, אויסגעדריקט געוואָרן בעת זיין לוויה — פאַרגעקומען זונטיק, דעם 24סטן יאַנואַר, אין הסכם מיט זיין ווילן — אָן רעדעס... ס'איז געווען אַ גרויסער עולם, אַלע באַהערשט פון טרויער, אָן ווערטער.

בלויז צוויי לידער האָבן אים באַגלייט אויף דעם לעצטן וועג; די זעלבע לידער, וואָס האָבן אים געפירט בעת זיין גאַנצן רייפן לעבנס־וועג:

שטייט אויף איר אַלע...
ברידער און שוועסטער...

זיין לעבנס־וועג איז געווען אָנגעלאָדן מיט גרויסע פראַגן און אויפגאַבן, מיט גרויסע אַלגעמיינע האַפענונגען, אָנזאָגן, קאַמפן און, ליידער, אויך מיט גרויסע טראַגעדיעס, שטרויכלונגען, קאַטאַסטראָפעס. און לעאָן, געבוירן אין וואַרשע, האָט אויך דורכגעמאַכט זיינע שול־יאָרן און דעם גאַנצן אַקטיווסטן פּעריאָד פון זיין לעבן אין וואַרשע, דעם צענטער פונעם דעמאָלטיקן יידישן און אויך פּוילישן געזעלשאַפטלעכן קאַמף, שטורעם און דראַנג.

פּרי, זייער פּרי, איז ער געוואָרן אַ קעמפער. ווי אַ יונגער גימנאַזיסט אין עלטער פון 15־16 יאָר, איז ער אין וואַרשע, אין יאָר 1915, געוואָרן באַהאַפטן מיט דער — דעמאָלט נאָך אומפּאַרטייאישער — „סאָ־

ציאַל־דעמאָקראַטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע צוקונפט״. אין איר אינעווייניקסטן אידעאישן קאַמף האָט ער זיך געשטעלט אויף דער זייט פון בונדיזם. אַזוי אַרום, צוזאַמען מיט אַנדערע, בפרט די עלטערע פון אים, נאַטאַן שאַפּראַן און יוזשעק ראַטנער — האָט ער בייגעטראָגן צום אויפבוי און שפּעטער צום אויפשוואונג און פאַנאַנדערוואוקס פון דער גרויסער בונדישער יוגנט־באַוועגונג, באַקאַנט א. נ. יוגנט־בונד „צוקונפט״.

זיין טיפע אינערלעכע פאַרבונדנקייט מיט דער „צוקונפט״ — זיין אייגענע שטענדיקע יוגנטלעכקייט — האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט, אויך אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן. ער איז געווען וויצע־פּאַרזיצער פונעם צ. ק. פון יוגנט־בונד „צוקונפט״, און איר אָנערקענטער פירער, וואָרטזאָגער און דערציער.

ער האָט ליב געהאַט די דירעקטקייט, די מאַסנהאַפטיקייט פון פּראָלעטאַרישע דעמאָנסטראַציעס; דאָס איז געווען די סטיכיע אויך פון זיין אינערלעכן וועזן, פון זיין בונדיסטיש־סאָציאַליסטישער קעמפערישקייט, אידעאישקייט, ערלעכקייט און געטריישאַפט. אַ דאַנק די אייגנשאַפטן האָט ער זיך אַרויסגערוקט אויך ווי אַן אָנגעזעענער פּאַרטייטוער.

פון אָנהויב אָן, אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, האָט ער געהערט צו דער אַ. ג. „לינקער״ ריכטונג פון „בונד״, די אַ. ג. „צווייער״. געבליבן איר געטריי די גאַנצע צייט, אפילו ווען ס׳האָבן זי פאַרלאָזט די מערסטע פון אירע אַמאָליקע אָנהענגער. דאָס האָט אָבער קיין מאָל נישט געמינערט די פּערזענלעכע נאָענטקייט מיט אים און די געמיינזאַמקייט פון אונזערע אַלעמענס בונדישע זאָרגן, פליכטן און אויפגאַבן, נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן.

*
**

און שוועריקייטן (מילד גערעדט) זענען אויפגעקומען אָן אַ שיעור.

בלוטיק, קאַטאַסטראָפאַל, האָט זיך געענדיקט דער פּעריאָד פון יידישן און בונדישן לעבן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, וואו לעאָן אָלער איז געווען אַ לערער פון דורות יונגע בונדיסטן... די געציילטע צווישן זיי, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם נאַצי־מבול און נישט געפאַלן אין די אַנטי־נאַצי־אויפשטאַנדן, דערמאָנען ביז היינט מיט ליבשאַפט די האַרציקע און אויפקלערערישע, די מענטשלעכע און קעמפערישע, די סאָציאַליסטישע און בונדישע לערן־מעטאָדן פון זייער „חבר לעאָן״.

די מלחמה־שטורעמס און קאַטאַסטראָפעס האָבן אויך אים נישט אויסגעמיטן. ביים אָנהויב פון קריג געוואָרן אַ פּוילישער סאָלדאַט אין קאַמף קעגן נאַציזם. באַלד דערנאָך, קוים אַרויס אַ לעבעדיקער פון דער צעשטערטער פּוילישער אַרמיי און געראַטעוועט זיך ווי אַ פּליט אין

ווילנע — ער אויף אײן אָרט, זײַן משפּחה, די פרוי און צווײ טעכטער, אויף אַ צווייטן אָרט. פאַראייניקט מיט זיי (טראָץ סכנות), ווערט ער באַלד ווידער פון זיי אָפּגעריסן. דאָס מאָל — אַרעסטירט, געפּאַרשט, פאַרפּאַלגט און פאַרמשפּט דורך דעם סאָוועטישן רעזשים.

אַלער איז געווען צווישן די קרבנות פון דעם שוידערלעכן סטאַ־לין־טעראָר אינעם טרויעריק־באַרימטן, אײַז־קאַלטן וואָרקוטאַ־לאַגער. גע־ווען דאָרט און געליטן צוליב אײן סיבה, צוליב זײַן אָנגעהעריקייט צום „בונד". אָבער נישט געוואָרן געבראָכן. און ווען ער איז אַרויס פון דאָ־זיקן „סאָציאַליסטישן" שקלאַפן־לאַגער, האָט ער דאָרט ניט איבערגע־לאָזט נאָר מיטגענומען מיט זיך זײַן פריערדיקע טריישאַפט צום עכטן סאָציאַליזם און צום „בונד".

אויף אַ רגע (האַרבסט 1941) האָט אַ דערהויבענער מאָמענט פאַר־שטעלט די טראַגעדיעס פון נעכטן און די געפאַרן פון מאָרגן. ער האָט זיך דאָרט, „אויף דער פרייהייט", דערזען אין דער חברישער סביבה פון אַנדערע בונדיסטן און קודם כל — פנים אל פנים מיט די חברים הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. וואָס אַט די באַגעגעניש האָט דע־מאָלט און דאָרט און פאַר אים געמיינט — איז לייכט זיך פאָרצושטעלן. ווי קורץ דער מאָמענט האָט געדויערט און ווי אַזוי ער האָט זיך פאַר־ענדיקט, איז באַקאַנט.

דער ווײַטערדיקער גאַנג פון די מלחמה־געשעענישן און לעאָן אַלערס אומהיימלעכער וואַנדער־וועג — איבער פּלאַמען און ימען — האָט אים דערפירט קיין לאָנדאָן. דאָ האָט ער געקאָנט צוריק אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט זײַן געראַטעוועטער משפּחה (אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט). גלייכ־צײַטיק האָט ער דאָ געקאָנט ווערן פּאָליטיש און בונדיש אַקטיוו. צו־ערשט — דורך זײַן צוזאַמענאַרבעט מיטן חבר אַרטור זיגעלבוים. שפּע־טער, נאָך דעם היסטאָרישן מאַרטירער־אַקט, דורך אָנטייל אין דער בונ־דישער דעלעגאַציע אין לאָנדאָן.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז לעאָן געקומען קיין ניו־יאָרק און אָנגעהויבן דאָ — פאַראייניקט מיט זײַן משפּחה — אַ לעבן אין גאָר אַנדערע ווי פריער געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען.

אויך דאָ, זייענדיק אַ הויך־קוואַליפיצירטער בוכהאַלטער, האָט ער געאַרבעט אין זײַן פאַך. אין וואַרשע איז ער געווען באַשעפטיקט אין דער בונדישער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. אין ניו־יאָרק — אין דעם „ריטײַרמענט" (פּענסיע)־פאָנד פון „דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן".

און ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, האָט לעאָן אַלער געהערט צו די, וואָס האָבן אויך דאָ אײַנגעשטעלט זייער גײַסטיק לעבן אין הסכם מיט די ווײַטער ריכטיקע, כאָטש איצט אומפּאָפּולערע, בונדישע אמתן.

***

אידייען, בונדישע און סאָציאַליסטישע, אין אַ ניט־געפּעלשטן רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישן גייסט, האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין זיין לעבן. אין געוויסע פראַגן האָט ער געהאַט אויך אין אַמעריקע אַן אייגענעם איינשטעל. דאָס האָט אָבער נישט באַרירט די עיקרים פונעם בונדישן גלויבן, קאַמף און שטרעבן. לעאָן איז דעריבער ביזן סוף געבליבן נישט בלויז אַ טייערער חבר און פריינט, נאָר אויך אַ פולער, קעמפנדיקער בונדיסט.

אַחוץ דעם — אַ מוסטערהאַפטער מאַן און פאָטער. זיין גאַנצע האַרמאָנישע, אויך אידעאיש צונויפגעבונדענע מיט אים משפּחה איז איצט וויטיקלעך פאַריתומט: זיין פרוי און חברטע ליאָניע, זיינע טעכטער חנה און הינדע און זיינע איניקלעך...

ער איז געווען אין אַמעריקע אַ מיטגליד פונעם וועלט־קאָאָרדינירקאָמיטעט פון „בונד", אַ מיטגליד פונעם ניו־יאָרקער קאָמיטעט פון „בונד" און לעצטנס אויך פאָרזיצער פונעם אַרבעטער־רינג בראַנטש וואָס טראָגט די נעמען פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „אונזער צייט" און געשריבן וועגן וויכטיקע פּאָליטישע אָדער סאָציאַליסטישע פראַגן. געווען באַטייליקט אין אַלע בונדישע טעטיקייטן: פאַרזאַמלונגען, אונטערנעמונגען און אַנדערע. און ער איז געווען פיל יאָרן, אין די ראַמען פון די וועכנטלעכע בונדישע ראַדיאָ־פּראָגראַמען („אַמאָל און היינט", אויף דער סטאַנציע „דאַבליו־אי־ווי־די"), צווישן די אָפטע רעדנער, קאָמענטירנדיק פאַר צענדליקער טויזנטער ראַדיאָ־צוהערער די אַקטועלע אַלגעמיינע און יידישע פראַגן.

ס'איז אַוועק איינער פון אונזער פאָדערשטער ריי, אַ פירער און טוער, אַ געטרייער און ליבער חבר, מיטקעמפער און פריינט.

אונזער צייט, פעברואַר־מערץ 1971

ד"ר הענרי גרינבוים

# צום אָנדענק פון אַ לערער און פריינט

פאַסקאַל האָט געשריבן, אַז „דאָס האַרץ האָט אַ לאָגיק, וואָס די לאָגיק האָט נישט". איצט, ווען איך טראַכט וועגן דעם פריצייטיקן טויט פון מיין ליבן פריינט און לערער, לעאָן אַלער, געפין איך זיך אין אַ קאָנפליקט צווישן האַרץ און לאָגיק. מיין האַרץ איז פאַרקלעמט מיט אַזאַ טיפן טרויער, אַז איך פיל זיך דערשיטערט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די לאָגיק זאָגט מיר, אַז ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך גוט און ווערטפול לעבן. די לאָגיק זאָגט מיר, אַז די טראַגעדיע איז גרויס, ווען דאָס לעבן איז אָרעם און ווערטלאָז און דער טויט האָט פאַרענדיקט יעדע האָפענונג אויף אַ בעסער לעבן. אָבער לעאָנס לעבן איז געווען עמאָציאָנעל און אינטעלעקטועל רייך אין יעדער הינזיכט. זיין לעבנס־בעכער איז געווען פול און ער האָט איבערגעלעבט דעם גאַנצן ספּעקטאַקל פון מענטשלעכע עמאָציעס: פון פרייד און גליק ביז טרויער און ליידן; פון ליבע און פריינטשאַפט פאַר אַלעם, וואָס איז גוט און שיין ביז האַס פאַר אַלץ, וואָס איז שלעכט און בייז אין דער מענטשהייט. און דאָך איז מיין האַרץ אומעטיק.

אפשר בין איך אומעטיק, ווייל לעאָנס טויט האָט עפּעס אַרויסגעריסן אויך אין מיר. אָבער מיין לאָגיק זאָגט מיר, אַז דער אָנדענק פון לעאָנס וואונדערבאַרער און וואַרעמער פערזענלעכקייט וועט שטענדיק לעבן אין מיין זכרון ווי אַ הערלעך ליכט, ווייל אונדזער פריינטשאַפט און חברשאַפט איז געווען דאָס שענסטע אין מיין לעבן.

אונדזער פריינטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1925, ווען איך בין געקומען פון מיין שטעטל גאַמבין קיין וואַרשע צו שטודירן אין גימנאַזיע. איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין יוגנט־בונד „צוקונפט". ווי אַלע „צוקונפט"־מיטגלידער האָב איך געדאַרפט געהערן צו איינעם פון די פילצאָליקע „צוקונפט"־קרייזן, וואָס האָבן געהאַט פאַרשידענע נעמען און רעפערענטן. איך בין געוואָרן אַ מיטגליד אין לעאָנס קרייז „פּראָמעטעאוס". דאָס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג.

פראַמעטעאוס, דער לעגענדאַרער גריכישער גאָט, וואָס האָט צוגע־נומען דאָס פייער פון געטלעכן אָלימפּוס און עס געגעבן דער מענטש־הייט, איז געוואָרן דער סימבאָל פון אונדזערע יוגנטלעך־סאָציאַליסטישע שטרעבונגען. פאַר לעאָנען איז דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם גע־ווען דער מאָדערנער פראָמעטעאוס, וואָס וועט צונעמען די רייכטימער פון דער וועלט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און זיי איבערגעבן אין רשות פון דער מענטשהייט. זיין גאַנצע וועלט־אָנשויאונג איז געווען גע־ווידמעט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל; אַז אַלץ, וואָס עקזיסטירט אין דער נאַטור און וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך מענטשן, דאַרף דינען דעם מענטש און נישט פאַרקערט. לעאָן האָט געהאַט איין האַס קעגן דער פאַרשקלאַפונג פון דעם מענטש. ער האָט געגלויבט, אַז די דיאַלעקטישע אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט וועט שאַפן די באַ־דינגונגען פאַרן סאָציאַליזם. אָבער ער איז אויך געווען איבערצייגט, אַז כדי צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם איז נויטיק אויך אַ נייער סאָציאַ־ליסטישער מענטש, וואָס פירט זיך אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן לויט די מענטשלעכע פּרינציפּן פון סאָציאַליזם — ברידערלעכקייט, פריינט־שאַפט, ערלעכקייט און גלייכהייט צווישן מענטשן.

לעאָן אַליין איז געווען אַזאַ סאָציאַליסטישער מענטש און דורך זיין ביישפּיל האָט ער אינספּירירט אונדז, די יונגע מיטגלידער פון דעם קרייז. ער איז געווען ווי אַ וואונדערבאַרער, גוטער און וואַרעמער פאַ־טער פאַר אונדז אַלעמען. זיין היים איז געווען אָפן פאַר אונדז און לאָניע איז געווען ווי אַ וואַרעמע און פריינטלעכע מאַמע. מיר פלעגן באַזוכן זייער דירה אויף דזשעלנע 22 עטלעכע מאָל אַ וואָך. עס זענען דאָרטן תמיד געווען פריינט. און ווען די קינדער, חנהלע און הינדעלע, זענען געבוירן געוואָרן, איז די היים נאָך היימלעכער געוואָרן. מיר פלעגן קומען זיך שפּילן מיט די קינדער, און דאָס איז געווען וואונדערבאַר.

פאַר דעם טייל מיטגלידער פון קרייז „פראָמעטעאוס", וואָס זענען געקומען קיין וואַרשע פון אַנדערע שטעט פון פוילן, ווי שאַשקע פּלי־געל־ערליך (איצט אין ניו־יאָרק), יענטאַ ליסט (פּאַריז), אידאַ ראָזענבוים (אומגעקומען אין פוילן), פּערל ראָזענבוים־סוסקע (אומגעקומען), חנה רודאַ (פּאַריז) און פאַר מיר איז לעאָנס און לאָניעס הויז געווען ווי אַ צווייטע היים און זיין פאַמיליע ווי אַ צווייטע משפּחה. אָבער אויך די פון דעם קרייז, וואָס זענען געווען פון וואַרשע, ווי אַלעק ערליך (ניו־יאָרק), ריווקעלע גאָלדשטיין (אומגעקומען), יודל קאַרמאַן (אויסטראַליע), בעלאַ קרישטאַל (פּאַריז), בעניעק ליפשיץ (אומגעקומען אין דעם שפּאַ־נישן בירגער־קריג אַלס פרייוויליקער קעמפער קעגן פראַנקאָ), מאַניע פּאַט (ניו־יאָרק), פעלדהענדלער (אומגעקומען) און העלאַ־נינאַ טענענבוים־

בעקער (אַרגענטינע) האָבן ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען אין דער וואַרעמער חברישער אַטמאָספֿער פֿון זיין הויז.

לעאָן האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלע אונדזערע פּראָבלעמען אין שול און ביי דער אַרבעט. ווען בעניעק ליפּשיץ האָט געענדיקט די האַנדל־שול און געוואָלט זיך לערנען צו ווערן אַ סטאָליער, האָט לעאָן געפֿונען פֿאַר אים אַ פּלאַץ אין דעם סטאָליער־קאָאָפּעראַטיוו. און ווען עס איז נויטיק געווען צו גיין אין גימנאַזיע צו זען אַ לערער, איז לעאָן דאָרט געגאַנגען. עס איז קיינמאָל נישט שווער געווען פֿאַר אים צו טון זאַכן פֿאַר די מיטגלידער פֿון דעם קרייז. ער איז מיט אונדז געגאַנגען אין טעאַטער און אויף אויספֿלוגן, און אָפֿט געפֿירט מיט דעם אָדער אַנדערן פֿון אונדז לאַנגע פֿערזענלעכע שמועסן. און זיין אויפֿריכטיקייט, ערנסטקייט, ערלעכקייט, איבערגעגעבנקייט און רעספּעקט פֿאַר אונדז — האָט אַנטוויקלט אין אונדז אַזאַ ליבע, צוטרוי און דרך־ארץ פֿאַר אים, אַז במשך פֿון 46 יאָר פֿון אונדזער פֿריינטשאַפֿט האָב איך קיינמאָל נישט געהערט אַ שלעכט וואָרט וועגן אים פֿון די מיטגלידער פֿון דעם קרייז.

לעאָן האָט געהאַט אַ טיפֿע ליבע פֿאַרן „בונד" און פֿאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און די דאָזיקע ליבע האָט ער זיך באַמיט איינצופֿלאַנצן אין אונדז. אין אונדזער קרייז „פּראָמעטעאוס" האָבן מיר שטודירט די געשיכטע און פּרינציפּן פֿון „בונד" און פֿון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. דער קרייז איז פֿאַר אונדז געווען אַן אמתע הויכשול. לעאָן האָט געהאַלטן אַז אַ סאָציאַליסט מוז זיין באַוואוסטזיניק און געלערנט, דעריבער האָט ער אונדז כּסדר אָנגערעגט צו לייענען און שטודירן. ער איז געווען ספּעציעל פֿאַראינטערעסירט אין דער געשיכטע פֿון די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציעס פֿון די יאָרן 1789, 1830, 1848 און אין דער פּאַריזער קאָמונע פֿון 1871. דער קרייז האָט שטודירט די אַלע געשעענישן, ווי אויך די רוסישע רעוואָלוציעס אין ליכט פֿון דער מאַטעריאַליסטישער אויפֿפֿאַסונג פֿון געשיכטע.

לעאָן איז געווען אַן אמתער אינטעלעקטואַל. ער האָט ליב געהאַט ביכער, טעאַטער, מוזיק, קונסט און צו באַזוכן אינטערעסאַנטע פּלעצער. ער האָט געהאַט אין זיך דעם אידעאַליזם פֿון דאָן קיכאָט און דעם רעאַליזם פֿון סאַנטשאָ פּאַנטשאָ. ער האָט געהאַלטן, אַז יונגע סאָציאַליסטן דאַרפֿן נישט בלויז חלומען וועגן סאָציאַליזם, נאָר אויך קעמפֿן פֿאַר אים יעדן טאָג. דעריבער האָט אונדזער קרייז זיך אַקטיוו באַטייליקט אין וואַל־קאַמפּאַניעס, סטרייקן, דעמאָנסטראַציעס און אַנדערע פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך געזען דעם חבר לעאָן אַלער אויף מיין

פאַרלעזונג אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע פון בראָנקסער ראַיאָן, דעם 17טן יאַנואַר 1971. שאַשקע ערליך, אַ מיטגליד פון קרייז „פּראָמע־טעאוס", איז געווען די פּאַרזיצערין, און נישט געקוקט, וואָס עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער־טאָג, האָט ער געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַערן אונדז, זיינע שילער, מיט זיין אָנוועזנהייט. שאַשקע און איך האָבן באַטראַכט זיין קומען פאַר אַ גרויסן כבוד און אין אונדזערע רע־דעס האָבן מיר אויסגעדריקט אונדזער ליבע און פריינטשאַפט פאַר אונ־דזער סאָציאַליסטישן לערער.

נאָך דער פאַרלעזונג האָב איך גערעדט מיט אים וועגן זיין לעצטן אַרטיקל אין דעם דעצעמבער־נומער פון „אונזער צייט", אין וועלכן ער האָט געשריבן וועגן זשאַן־זשאַק סערוואַן־שרייבערס בוך „די אַמע־ריקאַנער אַרויספאָדערונג". דער אַרטיקל ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „הייסט עס, אַז מיר גלויבן אין אַן אַלגעמיינעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם? יאָ — און די נאָענטסטע דרייסיק יאָר וועלן געבן אַן ענטפער". איך האָב לעאָנען דערציילט, אַז דער באַקאַנטער פראַנצויזישער שרייבער זשאַן־פראַנסואַ רעוועל האָט גע־שריבן אין זיין לעצטן נאָר וואָס דערשינענעם בוך „נישט מאַרקס, נישט יעזוס", אַז „די רעוואָלוציע פון דער צווייטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וועט פאָרקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זי האָט זיך שוין דאָרטן אָנגעפאַנגען... (ווייל) אַמעריקע... איז דער רעזערוואַר, וואו מען געפינט אַלע קאָנפליקטן און אַלע מעגלעכקייטן פאַר רעוואָלו־ציאָנערע לייזונגען אין אונדזער עפּאָכע". בעת איך האָב פאַר אים צי־טירט די דאָזיקע ווערטער, האָט אַ ליכטיקער שטראַל זיך באַוויזן אין לעאָנס אויגן און אַ וואַרעמער שמייכל אויף זיין פּנים; און דאָס האָט מיך דערפרייט — נישט ווי סנדיק, אַז דאָס וועט זיין אונדזער געזעגע־נונג... אַז אַ וואָך שפּעטער וועט ער שוין ניט זיין מיט אונדז.

לעאָן איז געווען אַ סאָציאַליסט מיט אַ גרויס און וואַרעם האַרץ. אַלע זיינע באַציאונגען מיט חברים זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם האַרץ. מיין ליבע און פריינטשאַפט קומט פון האַרץ און מיין האַרץ וויינט פון טיפן טרויער, ווייל „דאָס האַרץ האָט אַ לאָגיק, וואָס די לאָגיק האָט נישט".

אונזער צייט, פעברואַר־מערץ 1971

# בילדער־אָפּטיילונג

לעאָנס מאַמע
חנה אַראָנאָוויטש אָלער
→



לעאָן אָלער
און זיין ברודער דוד
1958
←

פון לינקס, צווייטע רייע: לעאָן, ליאָניע, לעאָן, ליאָניעס שוועסטער יוכבד;
פון לינקס, ערשטע רייע: די טעכטער חנה און הינדע און יוכבד אין מיטן.

לעאָן און ליאָניע
1920
←

פון רעכטס צו לינקס (ערשטע רייע): די טאָכטער הינדע גוטאָף, די אייניקלעך וויקטאָר טאַלמאַדזש
בילי טאַלמאַדזש, יהושע גוטאָף און דזשאָנאַטאַן גוטאָף; צווייטע רייע: לעאָן און ליאָניע אָלע
די טאָכטער חנה און איר מאַן מאַקס טאַלמאַדזש און דאָס אייניקל שערי טאַלמאַדזש.

פון רעכטס: די טאָכטער הינדע גוטאָף, ליאָניע, הינדעס מאַן עד מיט זייער זון דזשאָנאַטאַן, לעאָ
די טאָכטער חנה טאַלמאַדזש מיט אירע קינדער שערי און בילי — 1963.



## קרייז „קובאַ“ פון יוגנט־בונד „צוקונפט“

**עס זיצט, דער דריטער פון רעכטס: לעאָן אָלער — דער קרייז־פירער. יאָר 1919.**

## „פראָמעטייער קרייז“ — 1930

**ן לינקס, אין דער ערשטער רייע, זיצן: אידע ראָזנבוים, לעאָן אָלער — דער קרייז־פירער, חיים ינבוים, רבקהלע גאָלדשטיין; פון לינקס, צווייטע רייע, שטייען: העלע טענענבוים (איצט נינאַ בעקער), דל קאָרמאַן, אַ מיטגלידערין, מאָניע פאַט, יענטע ליסט, אַ מיטגלידערין און פערעלע ראָזנבוים־וגאָווסקי; פון לינקס, דריטע רייע, שטייען: בעניעק ליווּשיץ, בעלע קרישטאַל, אָלעק ערליך און פעלדהענדלער.**

פרעזידיום פון „סקיף" — וואַרשע 1937

דער פערטער פון לינקס איז לעאָן אָלער.




לעאָן אָלער
האַלט אַ רעדע
ביי דער „יונייטעד ניישאָנס"
←



## דער ניו־יאָרקער קאָמיטעט פון „בונד"

**פון לינקס זיצן: שימקע פּאַלעווסקי, לעאָן אָלער, דינה בלאָנד, ד"ר עמנואל שערער, שאָשקע ערליך, אַבראַם סטאָלאַר, מנחם ראָזען, יעקב צעלעמענסקי, שמואל מילמאַן; פון לינקס שטייען: דוד בוים, לייבל בערקמאַן, משה גרינבוים, גאַסט פון אויסלאַנד, בערנאַרד גאָלדשטיין, יאַנעק גראָס, מאָטל זעלמאַנאָוויטש, יאָסל גוטגאָלד.**

## מאָנטרעאָל, קאַנאַדע — 1955

**לעאָן אָלער זיצט דער דריטער פון רעכטס.**



## קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון „בונד״ — 1955

**פון רעכטס צו לינקס זיצן: דוד מייער, אַבראַם סטאָלאַר, ד״ר עמנואל שערער, עמנואל נאָוואָגרודסקי, בנימין טאַבאַטשינסקי, פנחס שוואַרץ, לעאָן אָלער; פון רעכטס צו לינקס שטייען: אַלעקסאַנדער ערליך, שלום הערץ, יוסף גוטגאָלד, הערשל הימלפאַרב, ברוך שעפנער.**

**עס רעדט לעאָן אָלער אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע — 1957**

פון לינקס: לעאָן אָלער, סאָפיע דובנאָוו־ערליך, לייוויק האָדעס, שרה שוועבער, פרץ גוטערמאַן — 1955.

ן לינקס זיצן: לעאָן אָלער — אָפיציעלער פאָרשטייער פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון „בונד"
ים 30־יאָריקן יובל פון „צוקונפט"־ברענטש אַרבעטער־רינג, מאָטל זעלמאַנאָוויטש, ב. געבינער,
ה. זיגאַס.